STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09108

TSULIB DI TSEN UMSHULDIKE

Israel Emiot

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל עמיאָט

צוליב די צען אומשולדיקע

סקיצן, מיניאַטורן, לידער און אָפּהאַנדלונגען

•

...האָט ער געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר נישט פאַרדריסן, און איך וועל רעדן נאָר דאָס מאָל: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפינען צען? האָט ער געזאָגט: איך וועל נישט צעשטערן פון וועגן די צען.
(בראשית 18, 32)

•

אַרויסגעגעבן דורכן ראַטשעסטער יידישן צענטער („וואַי״) מיט דער מיטהילף פון פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס און יחידים.

ISRAEL EMIOT

FOR THE SAKE OF TEN

. . . *And he said: "Oh, let not the Lord be angry, and I will speak yet but this once. Peradventure ten shall be found there". And he said: "I will not destroy it for ten's sake".*

(Genesis 18, 32.)

ALL RIGHTS RESERVED

Published by the Jewish Young Men's and Women's Association
with the help of other organizations and friends.
Rochester, New York 1969

Printed in U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

ישראל עמיאָט

דאָס בוך ווידמעט דער מחבר

זיין ליבן פריינט משה קרישטאַל

— דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס".

פונעם אַמאָל...

הבל הבלים

הבל הבלים, נישטיקייט פון אַלע נישטיקייטן, זאָגט קהלת, אַלץ איז נישטיקייט.

— וועמען האָט ער דערמיט געמיינט?

די מומע זאָגט, אַז ער האָט דערמיט געמיינט נישט קיין אַנדערן, ווי רייזעלען, דעם פעטער הערשעלעס שנור!...

...מיט קיין זאַך האָט דער פעטער שמחה, דער וואַרשעווער גביר, נישט געהאַט וואָס מקנא צו זיין דעם פעטער הערשעל.

זיין פאָדעם־פאַבריקל אויף די נאַלעווקעס?

איז דער פעטער שמחה, דער פאָרשטייער פון דער פאַפּיראָסן־פירמע „נאָבלעס" און האָט אַ גרויס געשעפט אויף פּזשעיאַזד גאַס, אַ הורט־געשעפט פון טיטון; האָט דער פעטער הערשעל אַ דירה אויף דער פּאַוויע גאַס פון זעקס צימערן מיט אַ קיך — האָט דער פעטער שמחה אַ שענערע דירה, און טאַקע פון פינף צימערן מיט צוויי אַריינגענג און מיט מעשענע פּלעטלעך אויף די אַריינגאַנג־טירן און טאַקע מיט די נייעסטע מעבל און מיט אַ זייגער, וואָס קלינגט נישט סתם אויס די שעהן, נאָר שפּילט אויך אויס אַ גאַנצע מוזיק.

אָבער מיט איין זאַך האָט דער פעטער שמחה יאָ געהאַט וואָס מקנא צו זיין דעם פעטער הערשעל; דאָס איז די שנור זיינע, רייזעלע.

ווער קען דען באַשרייבן רייזעלעס שיינקייט?

רייזעלעס שיינקייט איז עפּעס אַזוי ווייט אַוועק פון דער איינטאָגיקער באַלעבאַטישקייט פון דער משפחה אונדזערער, וואָס כאָטש שיינהייטן זיינען געווען ביי איר, אָבער זייער שיינקייט איז געווען אַ פּשוטע און האָט מיט זיך נישט מיטגעריסן, אָבער רייזעלעס שיינקייט איז געווען אַן אַנדערע, עפּעס נישט פון דאַנען. דאָס וואונדערלעך־שלאַנקע געשטאַלט, די מילך־ווייסע הויט פון איר געזיכט און די אויגן מיט אַ קאָליר, וואָס מיניעט זיך כסדר און דו ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ פאַרב זיי האָבן, שוואַרץ אָדער טונקל־בלוי; די ליפּן, די אויסגעשניצטע נאָז, וואָס עס דוכט זיך, אַז עמעצער האָט לאַנג, לאַנג געמייסטערט אַרום זיי, געפיילט און נאָכאַמאָל געפיילט און אַרויסגעלאָזט פון זיין האַנט אַ מייסטערווערק; און שטענדיק איז דאָס ביסל רויט אין אירע באַקן, ווי ערשט נאָר־וואָס אָנגעקניפּט, און קוקן קוקט

זי שטענדיק פאַרטראַכטערהייט ערגעץ־וואו פאַרקלערט, און זי רעדט — הערסטו נישט קיין קלאַנג, נאָר אַווידערקלאַנג פון יענע וועלטן, און איר בליק איז שטענדיק פאַרקוקט.

פעטער הערשעל האָט עס גענומען די שנור פאַרן בן־יחיד זיינעם, דודל. מומע ריוועלע, די מלומדת אין דער משפּחה, וואָס רעדט פראַנצויזיש, האָט לאַנג, לאַנג געזוכט דעם דאָזיקן שידוך, מלחמה־געהאַלטן מיט רייכע הייזער, וואָס האָבן רייזעלען געוואָלט אויסכאַפּן.

דודל, כאָטש ער איז געווען אַ חסידישער יונגערמאַן, האָט זיך געקענט אויפן אוצר, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט.

דאָס בערדל זיינס איז שטענדיק אַזוי פאַרקעמט געווען איןביידע זייטן, אַז מען האָט געקענט די האָר איבערציילן, דאָס קאַפּאָטל אויסגעפּוצט און דאָס קעלנערל שטענדיק ציכטיק, די שטיוועלעטן גלאַנציק ווי לאַקיר און אין גאַס פלעגט ער אַרויסגיין מיט אַ שטעקעלע מיט אַ זילבערן הענטל און מיט אַ מאָנאָגראַם.

און די שיינקייט רייזעלעס איז נישט געמינערט געוואָרן אַפילו נאָכן פערטן קינד; זי איז אַלץ געווען אַזוי שלאַנק און שיין ווי פריער, און אַז זי פלעגט אַריינקומען אין שטוב האָט עס ווי אויפגעליכטן.

אַז רייזעלע פלעגט דורכגיין די גאַס, האָבן זיך מענטשן געשטעלט קוקן ווי אויף אַ בייז וואונדער; יונגעלייט האָבן זיך געסטאַרעט איר פאַרלויפן דעם וועג און כאַפּן אַ קוק אויף איר כישופדיק געזיכט; יונגע ווייבלעך האָבן מיט קנאה נאָכגעקוקט אירע קליידער, וואָס זיינען אַזוי אָנגעמאָסטן געווען אויף איר און שטענדיק מיט עפּעס וואָס אַנדערש פון דעם, וואָס די גאַס טראָגט.

משפּחה האָט געוואוסט, אַז רייזעלע באַקומט בריוו פון ווילד־פרעמדע יונגעלייט, וואָס ווערן עפּעס אויף אַ מאָדנעם אופן געוואויער איר אַדרעס. אין די בריוו דערקלערט מען זיך אין ליבע און מען סטראַשעט זי, אַז זי וועט נישט ענטפערן מיט קעגנליבע, וועלן זיי זיך הענגען, שעכטן, זיך פאַרסמען...

רייזעלע פלעגט די בריוו איבערלייענען איר מאַן, זיי צערייסן, לאַכנדיק דערביי מיט איר קלינגענדיק געלעכטער, בשעת עס פלעגט זיך דוכטן, אַז אירע בלענדיק־ווייסע ציין קאָלערן זיך אַזוי אַרויס פון מויל, ווי זילבער־געלט...

רייזעלעס פּנים פלעגט טאַקע באַשיינען שמחות אין דער משפּחה. איבער רייזעלען פלעגט מען זיך קריגן, אַן אויסכאַפּעניש איז געווען אויף רייזעלען, ווען עטלעכע שמחות זיינען פאַרגעקומען פאַר אַ מאָל. דאָ האָט שוין דעצי־דירט איר שוויגער, די מומע ריוועלע, וואָס האָט גערעדט מיט דער ר־ר־ריש און געקיניגט איבער דער שטוב, מעשה מאַנספּערשוין, און סיי פעטער

הערשעל, סיי דודל, איר זון, סיי רייזעלע, זיינען איר געווען געהאָרכזאַם אונטערטעניק.

צום פעטער שמחה קומט רייזעלע אַרויף נאָר אין זעלטענע פאַלן, כאָטש וואוינען וואוינט מען אויף דער זעלבער גאַס.

אַז רייזעלע קומט אַרויף, ברענגט די מומע גיטל, ווי אָפּגערעדט, פּאָמעראַנצן און ווייַנטרויבן און אַ טישטעך איז אויפן טיש פאַרשפרייט, דאָס זעלביקע טישטעך, וואָס ווערט אין דער סאַליע אויפן טיש געלייגט, ווען עפּעס אַ רייכער סוחר קומט צו גאַסט, און עס ווערט אַ שמחה ביים פעטער:

— רייזעלע, נעם עפּעס אין מויל אַריין, און די מומע זוכט אויס אַביסל אַלטן פסחדיקן ווישניק:

— רייזעלע טרינק.

— רייזעלע, וואָס פאַרשעמסטו אונדז אין גאַנצן? נעם כאָטש אַ פּאָר ווייַנטרויבן, און רייזעלע נעמט מיט די שפּיצן פינגער אַן גראַציעז־איידל מיטן זילבערנעם האַלטער אַ שאָקאָלאַד פון דער אָפענער באָנבאָניערקע, טוט זיך אַ רויטל מיט דער נאַשערייַ; גיט אַ לויכט אין דעם טונקעלן האַלב־טאָג מיט די האַלב־פריילעכע, האַלב־טרויעריקע אויגן.

— פעטער שמחה, איך בין היינט געקומען וועגן אַ זשירע אויף אַ וועקסל, לאָדזשער פאַבריקן ווילן נישט געבן מער קיין באָרג, דער שווער האַלט ביי באַנקראָט, די קבצנים פון דער פּראָווינץ צאָלן נישט צו דער צייט און עס האַלט דערביי, מען זאָל דאָס פאַבריקל צומאַכן.

און כאָטש פעטער שמחה האָט שוין נישט אין וועקסל זשירירט רייזע־לען און נישט איינמאָל געמוזט באַצאָלן — זאָגט ער איר פונדעסטוועגן נישט אָפּ. ער גיט איר נאָר אַ פרעג:

— אויף וויפל דאַרפסטו אַ זשירע דאָס מאָל?

— אויף פינף טויזנט זלאָטעס!

— רייזעלע, ס׳איז נישט צופיל?

און רייזעלעס אויגן ווערן אַן מיטאַמאָל די גאַנצע פאַרטראַכטקייט, איר איידל־קלינגענדיק שטימעלע נעמט מיטאַמאָל אויסשיטן אַלע חשבונות אויפן טיש אַרויף:

— דריי טויזנט זלאָטעס דאַרף מען שוין אָפּגעבן לאָדזש, אָבער שוין, נאָך היינט, אַ נישט, שיקט מען נישט קיין באָרג; און טויזנט זלאָטעס דאַרף מען אויסצאָלן די אַרבעטער אין פאַבריק, און פינף הונדערט זלאָטעס חובות פאַר דער שטוב, קיין עין־הרע פיר קינדער, און שכר־לימוד און מלבושים, און דער שווער איז קראַנק און די שוויגער דאַרף פאָרן קיין קרעניץ מיט די נירן, און פינף הונדערט זלאָטעס... דאָס אַלץ זאָגט רייזעלע אַרויס אין איין אָטעם און מיט אַ פרעטענזיע, אַ שטייגער ווי עס וואָלט

איר געקומען, און זי בעט נישט ערשט ביים פעטער קיין טובה. דער פעטער פּרובירט אָפּדינגען עפּעס פון דער דאָזיקער סומע; ער פּרובירט דערוויל איר פאַרשלאָגן אַ זשירע אויף דריי טויזנט זלאָטעס פאַר לאָדזש.

אָבער רייזעלע ווייסט שוין סיי ווי, אַז פעטער שמחה וועט איר נישט אָפּזאָגן, האַלט זי זיך ביי אירס:

— ניין, פעטער, איך קען נישט וואַרטן אַ טאָג, איך מוז שוין היינט האָבן די גאַנצע סומע!

פאַרקירעוועט דערוויל מומע גיטל דעם שמועס אויף משפחה־ענינים...

אָבער דאָס צערייצט נאָך מער רייזעלען, די אויגן, די שיינע אויגן, באַקומען ערשט די גיריקייט פון אַ קאַץ; אַ בייזקייט צעקרומט דאָס געזיכט, זי פילט ווי די מומע וואָלט עפּעס וועלן ביי איר צונעמען; זי גיט זיך פלוצלונג אַ שטעל אויף, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אָוועקצוגיין.

דאָס קען שוין דער פעטער נישט אויסהאַלטן:

— רייזעלע, וואָס איילסטו זיך, זיץ אַביסל אונטער, איך וועל דיר געבן אַ זשירע, נעם עפּעס כיבוד, טרינק אַ גלאָז טיי...

***

אַז רייזעלע איז שוין אַוועק און די מומע פאַרעט זיך אַראָפּצוראַמען פון טיש אַראָפּ, קוקן זיך מאַן און ווייב איבער. פעטער שמחה איז רויט, פאַרשוויצט, ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן אַ שווער שטיקל אַרבעט, און מומע גיטל וואַרפט אים צו:

— זי האָט דיר שוין אויף פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַלטער נאַר: אַלץ דאָס שיינע פּנימל; זעסט דאָך וואָס פאַר אַ פּיסקל עס האָט; אַ „פּשעקופּ" אויפן מאַרק! הבל הבלים — האָט שלמה המלך געזאָגט — עטץ מענער זענט בהמות...

אפשר איז מומע גיטל טאַקע גערעכט געווען?...

מיין מאַמע

פון דער שפּעטערער קינדהייט געדענק איך זיך אַ יתום. דער טאַטע איז אַוועק קיין אַמעריקע, דאָרט קראַנק געוואָרן און אונדז נישט באַוויזן אַריבערצונעמען.

דעם טאַטנס טויט האָט אָנגעזאָגט זיינס אַ משפחה פון רביאישן שטאַם, געשריבן דאָס בריוועלע צו מיר אין לשון־קודש, אַז איך זאָל זאָגן קדיש נאָך מיין טאַטן.

ערשט זיבעצן געקומען יאָרן פון זיין אַ יתום.

מיין טאַטע האָט מיר אויסגעפּעלט אויף שריט און טריט.

די זכרונות וואָס איך האָב פון אים אָפּגעשפּאָרט זיינען געווען אַזעלכע שיינע און פריילעכע!

ער איז געווען אַזוי קלוג! ער האָט אַזוי געוואוסט ווי זיך מיט מיר צו שפּילן! ער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער פלעגט מיך אויפהייבן מיט איין האַנט און מיך אַרויפזעצן אויף זיינע אַקסלען.

פון קינדוויַיז אָן האָב איך געליטן פון די קינדערס קנאה־שנאה צו מיר און געווען צייטן ווען כמעט דער גאַנצער חדר ייִנגלעך האָט ווי אָפּגע־רעדט מיט מיר נישט צו חברן זיך. איך פלעג קומען אַהיים און וויינען און מיין מאַמע פלעגט מיטוויינען אויף מיין גורל, וואָס איז אויך געווען איר גורל.

נישט געווען דער שיינער, הויכער, שטאַרקער טאַטע, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיין באָמען געטראָגן מיט אַזוי פיל וואונדער אויף די ליפּן.

ער האָט איבערגעלאָזט אַזעלכע אויסטערלישע ספרים און ביכער, וועלכע כ׳האָב אויפוואַקסנדיק געלערנט און געלייענט און געזוכט אין זיי שפּורן פון מיין טאַטן.

עס האָבן זיך געצויגן יאָרן פון עלנט און נויט און דערשטיקטע טרערן, מיין מאַמע איז נאָך געווען גענוג יונג און שיין, נאָר זיך נישט געלאָזט רעדן קיין שידוכים.

זי האָט איר לעבן אָפּגעגעבן פאַר מיר, איר אייניציק קינד, און פאַר דער באָבען, וואָס זייט איך האָב זי געדענקט, האָט זי געליטן אויף אַרטראַי־טיס, געהאַט געשוואָלענע פיס און קוים מיט זיי געטראָטן.

איך געדענק, ווי איינמאָל האָט מיין פעטער משה־דוד, דער רייכער סוחר פון וואַרשע, דער מאַמעס ברודער, אַראָפּגעבראַכט צו אונדז זיינס אַ פריינד, אַן אַלמן, אַ רייכן יידן.

אַז פעטער משה דוד פלעגט אַמאָל אַראָפּקומען צו אונדז איז אין שטוב שטענדיק געוואָרן יום־טוב. מיטן פעטער משה דוד האָט זיך משפּחה גע־גרויסט, איין קליינינקייט? דער וואַרשעווער גרויסער הורט־סוחר (האָל־סעילער) פון טאַבאַק־אויסאַרבעטונגען. ער איז געווען דער באָבעס גרויס־קייט: שיין, גערעכטן און אַן אָפענע האַנט.

וועגן דעם מענטש וועמען ער האָט מיט זיך געבראַכט, האָט מען זיך אין שטוב געשושקעט. פאַר דער וועלט האָט עס געהייסן, אַז דאָס איז ער אַראָפּגעקומען צו זיינס אַ משפּחה אין שטעטל, אָבער לאה, די „לאַנגע באַזשיכע״, ווי מען האָט זי אין שטעטל גערופן פאַר איר אַריינשטעקן די נאָז וואו מען דאַרף נישט, האָט באַלד אַ שמעק אַריינגעגעבן צו אונדז אין שטוב:

— חיה שרהקעשי, סאַ גליק־שידוך, אַזאַ שאַנקייט! און מען זאָגט, אַז ער איז אַ גביר אַ ייד און קיין קינדער האָט ער נישט.

דער ייד האָט געהאַט אַ שיינעם אויסזען, באמת אַ הדרת־פּנים; הויך און שיין מיט אַ שוואַרצער באָרד אַ צעקעמטער, האָר און האָר באַזונדער, מיט אַ ציכטיק געהאַקט קאַפּעטל, מיט אַ קלאָר־ווייסן קאָלנער מיט אַ שוואַרץ שניפּסעלע און אַן אויסגעפּוצט קאַשקעטל און גלאַנציקע שטיוועלעך — האָט ער מער גערעדט צו מיר ווי צו דער מאַמען. ווייזט אויס, געוואָלט ווייזן דער מאַמען, אַז ער וועט זיין אַ גוטער טאַטע און געהאַלטן אין איין לויבן מיך פאַרהערנדיק אין לערנען. מיר געבראַכט אַזעלכע שיינע מתנות: אַ תנ״כל, וועלכן מען קען פאַרשליסן אויף אַ שלאָס; אַ קליין ספר תורהלע, אַ סידורל פון ירושלים.

איך האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס מען האָט צווישן זיך גערעדט, נאָר איך האָב אַזוי געוואָלט אַז די מאַמע זאָל חתונה האָבן און איך זאָל האָבן אַ טאַטן, אַזוינעם, ווי אָט דער ייד: אַ הויכן, אַ שיינעם, וואָס זאָל רעדן צו מיר גוטע רייד, מיך פאַרהערן אין לערנען און לויבן אַזוי ווי מיין טאַטע פלעגט מיך לויבן. ווען איך שעם זיך נישט, וואָלט איך אַליין געבעטן דער מאַמען זי זאָל חתונה האָבן מיט דעם יידן. איך האָב אַזויפיל שטענדיק געטראַכט וועגן איר! זי איז דאָך אַזוי עלנט און אַרבעט אַזוי שווער מיך צו דערציען און איז אַליין... אַליין...

אָבער די מאַמע האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן און דער קלאַנג וואָס לאה האָט אַרויסגעלאָזט, אַז די מאַמע האָט געטאָן „אַ גליק־שידוך״, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

אַ פילו שפּעטער, שפּעטער, אין לאַנגע יאָרן אַרום, ווען די באָבע האָט שוין נישט געלעבט, איך האָב שוין חתונה געהאַט און געוואוינט באַזונדער און די מאַמע האָט געוואוינט אײנע אַליין האָט זי שלום געמאַכט מיט איר גורל.

כ׳האָב ערשט געזען באַשיימפּערלעך ווי ליב זי האָט געהאַט דעם טאַטן. כאָטש זיי זיינען געווען צוויי וועלטן. די מאַמע איז געבליבן אַזוי פאַרגלויבט פרום און דער טאַטע איז געוואָרן פאַרגעשריטן, זיך געחברט מיטן דאָקטאָר קליאַטשקאָ און מיט יאָקעלע טאַטל, וואָס האָבן אויפגעעפנט די ביבליאָטעק אין שטעטל און מענטשן האָבן גערעדט, אַז נישט אַנדערש, אַז דער טאַטע לערנט זיך אויף דאָקטאָר.

די מאַמע האָט אים אַפילו פאַרגעבן דאָס אָוועקפאָרן קיין אַמעריקע. אמת, אַז די מעל־מסחרים מיט רוסלאַנד האָבן זיך געענדיקט זייט דער דייטש איז אַריין קיין פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער אין אונדזער משפּחה איז זעלטן ווער אַוועק אין דער פרעמד. אַוועק קיין אויס־לאַנד איז טאַקע נישט קיין עבירה, נאָר מ׳האָט עס נישט געגליכן.

די מומע רבקהלע

די מומע רבקהלע איז געווען אַזאַ קוזינע מיינע ווי די צווייטע טאָכטער דעם פעטערס, אסתר, וועמען איך האָב אויך גערופן מומע. די נפקא מינה איז נאָר געווען, וואָס אסתר איז געווען די שיינקייט פון דער משפחה און קיין חתונה איז אין דער משפחה נישט פאָרגעקומען, אַז מען זאָל אסתרן אַהין נישט פאַרבעטן צו באַשיינען די שמחה און מומע רבקהלען האָט גאָט באַגליקט מיט אַ הויקער, וואָס זי האָט נעבעך געטראָגן אויף זיך מיט אַזאַ געדולד דאָס גאַנצע לעבן. אַ שטייגער עס וואָלט איר אַזוי געקומען, ווי אַ טשערעפּאַכע טראָגט אויף זיך דעם שווערן פּאַנצער און קען זיך קוים רירן, קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע דאָס גאַנצע היפּש ביסל יאָרן וואָס איז איר באַשערט צו לעבן אויף דער וועלט, אַוודאי נישט פאַר אירע זינד, ווייל וואָס מ.שטיינסגעזאָגט, זינדיקט אַן אָרעמער בעל־חי? אָבער גיי פרעג אַ קשיא אויף גאָטס וועגן, און די קשיא איז נאָך געווען גרעסער וואָס מומע רבקהלע איז געווען די גוטסקייט אַליין, קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט אַ הויך וואָרט און געווען אַזוי אונטערטעניק צו דער וועלט, ווי אַ שטייגער זי וואָלט דער וועלט עפּעס שולדיק געווען.

אַריינגעקומען צו דער מומע רבקהלען — האָט זי שוין נישט אָפּגע־לאָזט, מומע רבקהלע האָט געהאַט גילדערנע הענט: נייען און וואַשן און קאָכן און באַקן, און אירע האַניג־טייגלעך — מעדנים! און אירע סלאַיען מיט איינגעמאַכטס און איר ביר פון ברויט געמאַכט זומער, און איר אייגע־נעם מעד אויף חול־המועד, און אירע מצה־קניידלעך אחרון של פסח! אָבער אַז גאָט האָט מומע רבקהלע געשטראָפט מיט אַ פעלער אויפן גאַנצן לעבן — האָט ער איר געשאָנקען אַ גוטן מאַן, וואָס האָט זי געטראָגן אויף די הענט. ס'איז עפּעס אַזוי מאָדנע געווען ווי פעטער יאַנקל פלעגט עס פאַר־לויפן יעדן טראָט מומע רבקהלעס, נישט געלאָזט איר זיך איבעראַרבעטן און פלעגט איר אַריינשפרונגען אין מיטן דער אַרבעט:

— נו, רבקהלע קרוין, רו דיך אָפּ, זעץ זיך אַוועק.

— ווער וועט עס פאַר מיר אָפּטאָן? — ענטפערט מומע רבקה, ווייך לאַטשנדיק, מען דאַרף פאַר זיך אַליין און פאַר מענטשן אויך.

„פאַר זיך אַליין", האָט מומע רבקה געמיינט די צוויי זין און צוויי טעכטער איינס און איינס הויך און שיין — באַזונדער די טעכטער, וואָס זייער אויסטערלישע שיינקייט האָט געשמט אין שטאָט. מענטשן האָבן געחקרנט אין וועמען איז זייער שיינקייט געראָטן געווען. דער טאַטע זייערער איז טאַקע געווען אַ שיינער, אָבער די קינדער זיינען אַפילו אין אים נישט געראָטן געווען. ער איז געווען אַ ברונעטער און די קינדער — בלאָנדע

מיט בלויע אויגן, און מאַדנע איז געווען צו זען ווי מומע רבקהלע, דאָס קליינע מאַמעלע, לויפט עס אַזוי אַרום צווישן די הויך־הויכע קינדער ווי עפּעס אַ נידעריק־געוויקסיקער גענעראַל אויף דעם שלאַכט־פעלד, וואָס ווי קליין ער איז אַזוי גיט ער באַפעלן און מען פילט זיי אויס. פעטער יאַנקל פלעגט מיטנעמען מומע רבקהלע אומעטום. פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט גיין צו גאַסט צו אַ גרויסן סוחר — פלעגט מומע רבקהלע מיט אים מיטגיין און מומע רבקהלע, אַז זי פלעגט קומען צו גאַסט פלעגט זי נישט לאָזן וואַרטן מען זאָל איר גיבן כיבוד, זי האָט האָקוס־פּאָקוס זיך צונויפגערעדט מיט דער באַלעבאָסטע און האָט גלייך גענומען העלפן שטעלן צום טיש ווי ביי זיך אין שטוב, אַז אַלץ איז געווען פול מיט חידוש ווי אַזוי אונטער מומע רבקהס הענט ווערט אַלץ לעבעדיק פאַר אַ מאָל.

***

און דווקא דאָס, וואָס צו דער מומע רבקהלען האָבן זיך אַלע באַצויגן מיט איבערגעטריבענער צערטלעכקייט און רחמנות האָט מיר אַזוי געשניטן ביים האַרץ. כ׳האָב אַזוי דאָס נישט געליטן... מיר האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז עפּעס איז עס נישט אויפריכטיק, אַז מומע רבקהלע עקזיסטירט נישט אין אייגענעם זכות, נאָר פעטער יאַנקל איז צו איר גוט ווייל ער איז אַ גוטער מענטש. — — — —

און אָט איז געקומען אַ צייט ווען מומע רבקה האָט גענומען לעבן אין מיינע אויגן צוליב זיך אַליין און די גאַנצע שטוב האָט באַדאַרפט צו איר אָנקומען. ס׳איז געווען בשעתן פּוילישן קריזיס צווישןביידע וועלט־מלחמות. דאָס פאַבריקל וואָס פעטער יאַנקל האָט געפירט האָט זיך צוגע־מאַכט. מומע רבקהלע האָט פון אירע שיינע צימערן געמאַכט אַ גאַרקיך, עס פלעגן קומען מענטשן צו איר עסן מיטאָגען. עס פלעגן קומען סוחרים, וואָס האָבן אין גרויסן הויף אין וואַרשע צווישן די נאַלעווקעס און זאַמענהאָף זייערע געשעפטן און האָבן ווייט צו גיין אַהיים, און סתם סוחרים. איינער האָט דעם אַנדערן געבראַכט. מומע רבקהס גאָלדענע הענט זיינען צונויף געקומען אין דער שלעכטער צייט — איר קאָכן האָט באַקומען אַ שם.

פעטער יאַנקל האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער געהאָלפן, צוזאַמען מיט די טעכטער, דערלאַנגען צום טיש. מומע רבקה איז גאַנצע טעג געשטאַנען אין דער היץ ביי די גרויסע טעפּ, פון וועלכע עס האָט גע־זעצט אַ פּאַרע, געשוויצט און זיך כסדר געווישט דעם שוויס מיט אַ טיך, וואָס איז איר געהאַנגען אויף אַ האַנט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז עפּעס העכער געוואָרן, איר חסרון איז עפּעס ווי פאַרווישט געוואָרן, און כאָטש עס איז דאָך אַזוי טרויעריק געווען אין שטוב וואָס פון אַלע שיינקייטן, וואָס

מומע רבקהס געבענטשטע הענט האָבן אַריינגעלייגט דערין איז געוואָרן אַ רעסטאָראַן, איז מיר עפּעס געווען אַזוי גוט פאַר מומע רבקהן, וואָס לעבט אין איר אייגענעם זכות און אַלע דאַרפן צו איר אָנקומען...

ר׳ יאָסל

איך דאַרף נאָר אַ פאַרמאַך טאָן די אָפּלען — און עס שטייט פאַר מיר אין זיין גאַנצער גרויסקייט ר׳ יאָסל, דער אונטערזאָגער ביי די תקיעות אין חסידים־שטיבל.

ר׳ יאָסל פלעגט עס אונטערזאָגן שטיל, בלחש דעם שופר־בלאָזער: „תקיעה, שברים־תרועה״.

נישט אַבי וועמען שטעלט מען אַוועק דערויף, און ווער איז נאָך אַזוי וואויל געווען דערצו ווי ר׳ יאָסל?

אויף ר׳ יאָסלען פלעגט מען זאָגן, אַז אַ גאַנץ יאָר איז ביי אים ראש השנה.

אַ קליין ידעלע, אַן אויסגעמאָגערטס, אַ צעקנייטשטס, נאָר האָט ער געדאַוונט — איז ער געוואָרן איין שטיק פלאַם.

אַ ייד אַ גאון, מיט אַן אָפענעם קאָפּ, געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה, און האָט ער געלערנט מיטן עולם, איז געווען ממש „פה מפיק מרגליות״ (אַ מויל פון וועלכן עס שיטן זיך פערל). נישט געווען איין ספר ער זאָל אים נישט האָבן געזען, נישט פאַרגעדענקען.

אָפּקומען קומט ר׳ יאָסל אָפּ מיט שה״י פה״י (שיע פיע, מיט גאָרנישט), אַז ביז האַלבן טאָג איז ער דאָך אין חסידים־שטיבל און פון מנחה אָן ביז האַלבער נאַכט איז ער ווידער דאָרט דאָ, און שעפּט דאָס ביסל חיונה פון בוררותן, אין שטעטל קומען פאַר גרויסע דין־תורהס, נעמט מען ר׳ יאָסלען פאַר אַ פאַרמיטלער. און דער צד וואָס נעמט אים ווייסט שוין, אַז דאָס געלט דאַרף מען אַוועקגעבן גיטעלען, דעם ווייב זיינעם, ווייל האָט נאָר ר׳ יאָסל אַ גילדן, צעטיילט ער עס אויף צדקה. טענהט מען צו ר׳ יאָסלען: האָסט דאָך קינדער? ענטפערט ר׳ יאָסל „וחי אָחיך עמך״. מען דאַרף זען דער ברודער זאָל אויך לעבן און די וועמען ער גיט צדקה זיינען אַ סך אָרעמער פאַר אים און פאַר בוררותן נעמט מען זיי נישט...

און רעדן רעדט ר׳ יאָסל אַ גאַנץ יאָר אַזוי ווייניק און אַז ער רעדט אַמאָל, איז עס אַזוי שטיל, אַז מען דאַרף צולייגן דאָס אויער.

האָט מען איינמאָל געוואָלט אַרויסוואַרפן אַ בחור פון חסידים־שטיבל פאַר אָפּשערן דאָס בערדל — האָט זיך, ווער מיינט איר, איינגעשטעלט פאַר אים?

ר׳ יאָסל!

ר׳ יאָסל האַלט, אַז אויב עס איז דאָ אַ חוטא, אַ זינדיקער מענטש אויף דער וועלט, איז עס ער, יאָסל. פאַרשטייען דאָך נישט חסידים: היתכן? קען מען נאָך מער לערנען תורה און זיין אַזאַ אָפּגעהיטענער ייד ווי ער? טאָ ווי זיינען שוין געווען די ראשונים?

ענטפערט ער, אַז וועגן דער גרויסקייט פון די ראשונים האָבן מיר גאָרנישט קיין השגה ווער זיי זיינען געווען...

ווי נעמט זיך עס צו אַזאַ שוואַכן יידן אַזאַ גבורה און גייסט?

דאָס לעבן האָט מיך דורכגעטריבן דורך דער וועלט און אַזוי פיל עלנט האָט איך געזען, אַז ר׳ יאָסלס צדקה איז צו ווייניק דערפאַר. ביכער האָבן מיר אויסגעלערנט פרעגן קשיות, קשיות — מער ווי די לענדער און שטעט אין וועלכע איך בין אויסגעווען. איך בין אַזוי ווייט אַוועק פון ר׳ יאָסלען וואָס האָט מסתמא קיין קשיות נישט געפרעגט אַפילו דעמאָלט ווען די היטלעריסטן האָבן אים אַוועקגעשלעפּט צום ריוו כדי אים אומצוברענגען.

די באָבע שטאַרבט...

די באָבע שטאַרבט, די באָבע גייט אויס.

מען זעט עס דאָך בחוש; פון טאָג צו טאָג גייט זי ממש איין. אין אָנהויב האָט זי זיך געפּרואווט אַפילו אויפזעצן, זיך געשטאַרקט, געבעטן דער מאַמען אָפטער אויסצוקוועטשן פאַר איר אַ פּאָמעראַנץ, אויסגענאַגט די גלאָז ביזן לעצטן טראָפּן, זיך געבעטן עפּעס אַ לאַבעכץ, האָניק־טייגלעך. אַז מען האָט איר געבראַכט האָניק־טייגלעך, האָט זי געבעטן אַ פליגעלע פון אַ הון. אַז מען האָט איר געבראַכט אַ פליגעלע פון אַ הון, האָט זי עס קוים אַ נעם געטאָן צו די ליפּן און אַ פאַל געטאָן אויפן קישן.

ערשט ליגט זי און כאַמערט ווי אין אַ טיפן שלאָף.

דאָקטאָר מעלאַוועסקי, וואָס גייט שוין לאַנגע יאָרן אין דער באָבעס שטוב און איז אַליין אַ ביסל שטאַמלענדיק, אַ רעזולטאַט פון איבערבלייבעכץ נאָך אַ פּאַראַליז, האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג.

— ס׳האַרץ! סע־סע־סערדצע!...

איך שטיי לעבן דער באָבען און טרייב לאַנגע, לאַנגע שעהן אָפּ פון איר די פליגן, וואָס קלעפּן זיך צו איר, ווייל זי האָט שוין נישט קיין כוח זיי אָוועקצוטרייבן. כ׳בין אין כעס אויף עפּעס אַ גרינגע, זלידנע פליג, וואָס האָט זיך באַזונדער געלאָזט וואָוילגיין, ווייל זי האָט דערשמעקט, אַז מען מעג...

איין אויג ביי דער באָבען איז האַלב־אָפן, אָבער זעט שוין גאָרנישט,

ווי אַ צופּעליק אָפּן אויג פון אַ טויטן; דאָס צווייטע אויג, דאָס פאַרמאַכטע, עפנט זיך פון צייט צו צייט אויף, בליקט אַרום מיט חידוש, דערקענט מיך די באָבע, גיט אַ טיפן זיפץ און באַמיט זיך מיט איין האַנט אַנצונעמען מיין האַנט און זי האַלטן לאַנג, שטאַרק צוגעדריקט, און טרערן קאַפּען איר פונעם אויג וואָס איז צוגעלענט.

זי האָט מיך אַזוי ליב, די באָבע...

איך געדענק איר ליבשאַפט פון מיין פריער קינדהייט.

מיין מאַמע, וואָס איז ביי דער באָבען געווען די איינציקע טאָכטער, און איך זיינען ביי דער באָבען געווען ווי צוויי קינדער. די באָבע האָט מיך אָנגעדונגען אין חדר. די באָבע פלעגט מיר געבן צו עסן. איך האָב איר ליבשאַפט צו זיך געפילט ווי די ליבשאַפט פון אַ מאַמען.

איך האָב זיך מיט דער באָבען געגרויסט.

געגרויסט זיך וואָס מען קומט צו דער באָבען זיך אַן עצה האַלטן פון שטאָט, וואָס אַפילו „פרייע" שעצן איר חכמה.

דער זיידע פלעגט גיין אַמאָל אויף בוררות און גאַנצע טעג זיצן און לערנען, געהאַלפן בלויז אינעם פירן די חשבונות, אָדער שרייבן די בריוו אין מסחר צום „פאַן בינעטאַל", דעם פאַבריקאַנט פון הייזון אין וואַרשע, ביי וועמען די באָבע פלעגט אויסשרייבן די סחורה פאַר איר קליינעם מסחר.

די באָבע פלעגט זיך אויפהויבן פאַרטאָג און כסדר שטיין אויף די פיס ביז שפּעט אין אָוונט, ווען זי פלעגט, זומער־צייט, זיך צוזעצן אויף די טרעפּלעך פון איר קראָם און אַ מאָטל טאָן מיט אַ שכנה, און אין די ווינטערס — מיט די הענט פאַרלייגט הינטער דער פלייצע צום וואַרעמען אויוון און אַ דרימל־טאָן...

די ליבשאַפט פון דער באָבען צו מיר איז געווען אָן אַ מאָס. די באָבע פלעגט מיר דערציילן, אַז זי האָט מיך פּשוט אַרויסגעריסן פון די הענט פון מלאך־המוות, אַז מען האָט מיך אַלס פּיצל קינד געבאָדן אין ווייַן און אַז קליאַטשקאָ, דער גרעסטער דאָקטאָר אין דער גובערניע, האָט מיר שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, און אַז דער זכות פון זיידעס, גוטע־יידן, האָבן דאָ זיך איינגעשטעלט.

איך געדענק ווי זי האָט מיך, אַ קליינינק ייִנגעלע, מיטגענומען אַזש (אַזוי וויט, פאַר דער ערשטער רייזע מיינער מיט דער באַן) קיין טשעכאָ־טשינעק, דעם פּוילישן קור־אָרט פאַר רעומאַטיזם, פונוואַנען איך האָב אַראָפּגעבראַכט אַ וועלט מיט אויסטערלישע מעשיות אין חדר פאַר מיינע חברים חדר־ייִנגלעך: אַ מעשה מיט אַ „טענזשניע", אַזאַ הויכע געביידע מיט ריטלעך, פונוואַנען עס האַלט אין איין קאַפּען זאַלץ־טראָפּנס, און אַ מעשה מיט אַ משוגענעם וואָס האָט אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס זיך אַריינגע־

גנבעט אין בית־מדרש און צעריסן אַלע ספר־תורהס און זיי פּאַראומרייניקט און ווי אַזוי איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה פון די ספר־תורהס, און אַזוי פיל רבנים זיינען ביי דער לוויה געווען און הספדים האָבן זיי געהאַלטן.

און אַ סך נאָך איז מיר פון אָט דער רייזע געבליבן, וואָס כ׳האָב נאָך דעמאָלט קיין ווערטער דערפאַר נישט געהאַט און האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעקלאָרט אין מיר.

אַפילו אַ ניגון האָב איך מיטגענומען פון דאָרט, וואָס די קאַפּעליע האָט געשפּילט אין קור־אָרט פּאַרק, וואָס כ׳האָב אים לאַנגע יאָרן געזונגען...

מיין באָבע — איין מאָסע ליבשאַפט און זאָרג — האָט דאָס גאַנצע לעבן אַזוי פיל געליטן! דאָס, וואָס דער טאַטע מיינער איז אַוועק קיין אַמעריקע און דאָרט געשטאָרבן און די מאַמע איז געבליבן אַ לעבן אַן אַלמנה און איך — אַ יתום... דערפאַר — וויפל פרייד איך האָב איר פאַרשאַפט, ווען דער זיידע האָט מיך פאַרהערט און איך האָב דעם שיעור געקענט אויף אויסנווייניק ווי אַ וואַסער!...

מער ווי איר ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט אַן אַ מאָס האָט מיין באָבע מיר נישט געקאָנט געבן, אָבער דאָס וואָס זי האָט מיר געגעבן איז אויך געווען אָפּגעשפּאָרט פון מויל.

אַזוי ווייניק האָט מיין באָבע געדאַרפט האָבן!

אַ גאַנץ לעבן געדענק איך זי מיט צוויי ציין אין מויל, און איר עסן אין די וואָכן־טעג איז באַשטאַנען פון צעווייקטע ברויט, אָדער חלה, אין הייס וואַסער, מיט אַ ביסל שמאַלץ צוגעשמאָלצן און אַ ביסל זאַלץ און פעפער, און — ווי זי האָט עס אָפּגעדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר דעם דאָזיקן שפּייז! נישט בלויז מיטן געוויינלעכן בענטשן, נאָר מיט אירע אייגענע ווערטער אין יידיש...

און איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו זיצן אין דעם פאַרשנייטן שבת איר צופוסנס, ווי זי פלעגט לייענען אירע ספרים און עברי־טייטש, דעם „צאינה וראינה” און דעם „נחלת צבי” און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז צום הימל איז אַזוי נאָענט דער וועג פון אָט דער באָבעס האַלב־טונקל בוידעם־שטיבל...

קליינע פריידן און אַזוי פיל פיין!...

קליינע אינדזעלעך פון פרייד: דער רייכער פעטער, דער באָבעס זון, משה דוד, דער פאַרשטייער פון דער גרויסער פוילישער פּאַפּיראָסן־פירמע „נאָבלעס”, מאַכט חתונה קינדער און פירט אַרום דער באָבען מיט די ערשטע אויפגעקומענע טעקסעס איבער וואַרשע, גיט איר אָפּ אַזאַ מלכותדיקן כבוד און דער פעטער שטאַרבט פלוצעם און דער זיידע שטאַרבט און די אָרעמקייט ווערט אַלץ גרעסער און די באָבע דאַרף לייען געלט ביי אַן אָרעם דינסט־מיידל און האָט נישט אָפּצוגעבן...

און אַזוי פיל פאַרשעמונגען האָט נאָך די באָבע אין איר לעבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די באָבע שטאַרבט...

וואָסער כוח איז אין אָט דעם מענטש געלעגן, אין אָט דעם מענטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן קוים זיך געשלעפּט אויף די צווי געשוואָלענע פיס ווי די בערג, און אַזוי פיל באַוויזן אויפצוטאָן!

פון דער גאַנצער חכמה דער באָבעס איז איצט געבליבן בלויז אַזאַ הילפלאָז פּעכטן מיטן טויט, אַ נישט־וועלן שטאַרבן, אַ ריס־טאָן זיך צום לעבן און אָוועקפאַלן אויפן נאַקן צוריק.

אָט איז דער באָבעס לעצטע אָרט!... זי שטאַרבט אין דעם זעלבן בעט, וואו דער זיידע עליו השלום איז מיט אַ צענדליק יאָר צוריק געשטאָרבן. ביים זיידן איז געשטאַנען אַ מנין יידן פאַרן טויט און צו דער באָבען לויפט אַלע מאָל אַרויף די מאַמע, לויפט אָוועק פון אַ קונה, לויפט אַרויף מיט אַ „געוואַלד"! און אַ „ווי איז מיר!" און איך, וואָס טרייב פון איר די פליגן אין הייסן טאָג און זויג אַריין אין זיך דאָס לעצט געשטאַלט אירס אויף אייביק... אויף אייביק... — — — — — — — — — — — — — — — —

...מען טראָגט דער באָבען אַרויס, מ'פירט דער באָבען צום בית עולם און מיר דאַכט זיך, ווי מיין הייליקע און נאַאיוו־גלויבנדיקע קינדהייט און תמימותדיקע יוגנט גייען מיט מיט דער באָבען צוזאַמען.

די טאָכטער פון לאָנדאָן

משהלע איינבינדער האָט אַריינגערוקט דעם פּאַק ביכער, וואָס ער האָט באַקומען פון דער ביבליאָטעק איינצובינדן, אין פּרעס און אויסגעגליכט די ראַנדן מיט זיין קיילעכדיקן שנייד־מעסער. עפּעס האָט זיך היינט די אַרבעט נישט געקלעפּט; וויפל משהלע האָט נישט פּעסט פאַרשרויפט זיין פּרימיטיוון פּרעס, האָבן זיך די ביכער אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט, דאָס שאַרפע מעסער האָט נישט געשניטן ריכטיק און עס זיינען אַרויס אויסגעקרימטע ראַנדן.

משהלע האָט נישט איינמאָל איבערגעלאָזן די אַרבעט און זיך געהאַלטן אין איין קריגן מיטן ווייב:

— אַז איך וויל נישט זי זאָל קומען צו מיר... נאָך וואָס האָסטו איר געשריבן זי זאָל קומען? גאַנץ שטעטל רעדט דאָך וועגן אירע פּרנסות אין לאָנדאָן. חיים לערמאַן, וואָס איז געקומען פון לאָנדאָן, האָט דאָך דערציילט מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך... אַז מען כאָוועט אויף אַזעלכע קינדער איז קראַנטער נישט צו לעבן אויף דער וועלט!

משהלעס ווייב, אַ דאַרע און קוואַרע, מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן פון דער באַזעדאָוו־קראַנקייט, האָט זיך געפּאַרעט אַרום די צוויי קינדער, די מוזיינקעס. פאַר די פונטן, וואָס די טאָכטער האָט דעם לעצטן חודש צוגע־שיקט, האָט זי אַלע טאָג זיך פאַרגונען צו קויפן פליייש, אַ ביסל אויפגעריכט געוואָרן, נישט צו דאַרפן קאָכן די פּאַסנע עסנס, פון וועלכן דאָס ייִנגל האָט באַקומען די סקראָפּול, אַז מען האָט אים יעדן טאָג באַדאַרפט געבן פיש־טראַן צו טרינקען. זי האָט אויפן מאַנס טענות זיך צעוויינט און געביטערט:

— אַז מען פאַרגינט מיר נישט אַפילו דאָס אָרעם ביסל עסן... מענטשן זיינען שלעכט און מען טראַכט אויס פּליאַטקעס. איך וועל דעם חיימען אויס־האַקן די שויבן, לאָז ער זיך אָפּטשעפּען פון מיין קינד, מעגסט עס אים זאָגן.

די פּליאַטקעס אַרום משהלע איינבינדערס טאָכטער חייקע, האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס די לאַנדסלייט אין לאָנדאָן האָבן זיך שטענדיק געזען אַן אויסגעפּוצטע און עסן אין די רעסטאָראַנען. האָט מען זי חושד געווען, נישט מער און נישט וויניקער, אַז זי איז געוואָרן אַ „נאַכט פויגעלע״.

ציפּע, די מאַמע, האָט איידל אין אַ בריוו געגעבן אָנצוהערן צו דער טאָכטער וועגן די אַלע קלאַנגען, וואָס גייען אַרום אין שטעטל וועגן איר.

די טאָכטער האָט איר געענטפערט, אַז זי קלייבט זיך אין גיכן צו באַזוכן דאָס שטעטל און זי וועט אַלץ אויפקלערן, און זאָל זי נישט הערן, וואָס מענטשן רעדן. זי, חייקע, וועט נישט פאַרשעמען אירע טאַטע־מאַמע.

אַז חייקע איז אַראָפּגעקומען, האָט זי באַשיינט דאָס שטעטל מיט איר שיין געשטאַלט. זי איז נאָך געווען שענער ווי אַמאָל, ווען בחורים פלעגן באַקומען די ניכפּה פאַר איר און זי פאַרוואָרפן מיט בריוולעך.

זי איז אַראָפּגעקומען אָנגעטאָן אין די לעצטע מאָדע זיידענע קליידלעך מיט אַ זילבערנעם האַנט־בייטל און מיטגעבראַכט אַ גאַנצן טשעמאָדאַן מיט מתנות פאַר דער גאַנצער שטוב.

דעם ערשטן טאָג האָט משהלע זיך נישט געוויזן אין שטוב. זיך אויס־געזוכט אַ תירוץ און צוגעפאַרן אין אַ דערבייאיק שטעטל כלומרשט צו באַ־קומען ביכער איינצובינדן פון דער פּוילישער גמינע (געמיינדע), זיך גע־שעמט צו גיין אין בית מדרש צו מנחה־מעריב.

אָבער די טאָכטער האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויפן סוד פון איר אויפגעריכט ווערן: זי האָט חתונה געהאַט מיט זייער אַ רייכן יידן; ער איז טאַקע עלטער פאַר איר אויף גאַנצע 20 יאָר, אָבער ער איז אַזאַ גוטער, ער ווייס נישט וואָס פאַר איר צו טאָן. אמת, ער איז זייער וויניק אין דער היים, ער פאָרט אַרום צוליב זיינע מסחרים אין אַנדערע לענדער, איז איר דעריבער אומעטיק אין דער היים, כאָטש איר היים איז איינע פון די שענסטע אין שטאָט, — אָט זיינען זיינע בריוו.

און שרה פּאַקט אויס פון איר טשעמאַדאַן די בריוו פון איר מאַן מיט מאַרקעס פון פאַרשיידענע לענדער, אַפילו פון אינדיע, פון ציילאַן, פון קאַנאַדע. זי באַוויזט טאַטע־מאַמען די בילדער, פאָטאָגראַפירט מיט איר מאַן: אַ הויכער, שיינער, מיטל־יאַריקער מאַן מיט פּענסנע.

— איך האָב איך אָנהייב נישט געשריבן וועגן דעם, ווייל איך האָב מיך געשעמט. דאָ, אין שטעטל, בין איך אַנגעגאַנגען פאַר אַ שיינקייט, אָפּגעזאָגט אַלע שידוכים וואָס מען האָט מיר פאַרגעשלאָגן, און דער טאַטע האָט זיך געקריגט מיט מיר, פאַרוואָס איך האָב אָפּגעזאָגט אַזאַ גליק־שידוך ווי דעם אייזן־קרעמערס זון — און דאָ, האָב איך גענומען אַ מיטל־יאַריקן מענטשן... די נויט האָט דערצו געטריבן. די שפּראַך האָב איך שוואַך געקענט, קיין אַרבעט איז נישט געווען, כ׳האָב דערזען אַט דעם גוטן מענטשן, אַן אלמן, און פון דער ערשטער מינוט איז ער מיר געפעלן געוואָרן. איך האָב דערציילט וועגן טאַטע־מאַמע אין פּוילן, וועגן זייער אָרעמקייט און נויט, זאָגט ער מיר צו אַז ער וועט אויך אַלעמען אַריבערנעמען, בין איך טאַקע געקומען אַנהויבן טאָן וועגן דעם. ציפּע, די מאַמע איז געווען אַזוי גערירט, אַז זי האָט זיך צעכליפּעט פון פריידי:

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט משהל, אַ? מיך געמאַטערט טאָג און נאַכט, נישט געלאָזט מיך לעבן, באשר די רכילותניקעס האָבן פאַרשעמט אונדזער קינד, אדרבא, רוף אים אַריין דעם חיים לערמאַן, וואָס האָט חייקען פאַרשעמט פאַר דער גאַנצער שטאָט, זאָל ער פאַר בושה אײַנגעזונקען ווערן. — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען משהלע זאָל געפינען עפּעס אַ מציאה, אַ פאַרמעג, וואָלט ער זיך נישט אַזוי געפרייט ווי פון דעם, וואָס אים איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָבן בייזע צינגער זיין טאָכטער באַרעדט אומזיסט און אומנישט. די פּאָר וואָכן, וואָס חייקע איז ביי די עלטערן געשטאַנען, איז פאַר טאַטע־מאַמע געווען אַ יום־טוב. משהלען איז די אַרבעט געגאַנגען שנעל ווי אויף אַ מאַשין. ער האָט געגעבן זיין הסכמה זיך איבערצוקלייבן צו דער טאָכטער קיין לאָנדאָן און איינגעבונדן פאַרן מאַן אויך אַ מתנה, אַ תנ״ך, גאָלד געלייעט.

מומע אסתרל און איר פלימעניצע

מומע אסתרלס מאַן, ברוך, איז געווען סך־הכל דער באָבע מלכהס אַ ברודער און מומע אסתרל איז געווען אַזוי אָרום מיין עלטער־מומע. נאָר מומע אסתרל האָט זיך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער באָבעס משפּחה מיט איר גרויסער שיינקייט און מיטן שטענדיקן יונגן פּנים.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, האָט זי שוין געמוזט זיין אין

די טיפּע פּערציקער און האָט נאָך אויסגעזען ווי אַ דרייסיק־יאָריקע פרוי: הויך, שלאַנק, מיט אַ פרישן געזיכט מיט אַ ווייסער, ווייסער, שיין געשניצ־טער נאָז און מיט נאַטירלעך רויטע פאַרבן אין די באַקן. זי האָט געטראָגן אַ שייטל (פּאַרוק), נאָר עפּעס האָט מען די פרעמדע האָר נישט דערקענט.

די באָבע פלעגט וועגן איר דערציילן, אַז בשעת זי האָט חתונה געהאַט מיטן פעטער ברוך, האָט איר פּנים פּשוט פאַרלויכטן דעם זאַל, זי איז געווען אַזוי שיין, אַז ביי די כלי־זמרים האָבן זיך אַרויסגעגליטשט די סמיטשעקעס — פון פאַרקוקן זיך אויף דער כלה.

אָבער מיט אַלע מעלות באַשענקט נישט דער רבונו של עולם, איז מומע אסתר די גאַנצע יאָרן געווען אַן עקרה, נישט געקענט האָבן קיין קינדער. פעטער ברוך האָט געהאַט אַ גוט געשעפט און דעם פאַרפאַלק האָט גאָרנישט נישט געפעלט. אין מומע אסתרס שטוב איז געווען אַזוי ריין און ציכטיק און אַזוי אַלץ אויפן אָרט, פּונקט אַזוי ווי די מלבושים, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן, און דערצו איז מומע אסתרל געווען אַזאַ בריה, אַז קיין איין שמחה אין דער משפּחה איז נישט פאַרגעקומען אָן איר. איר באַקן און קאָכן האָט געהאַט אַ שם. נאָר עפּעס אַזאַ מאָדנער אומעט האָט זיך געטראָגן פון דעם ווינקעלע ביי איר! נישט איינמאָל פלעג איך צו איר קומען און מומע אסתר פלעגט מיר גלעטן און קושן ווי אַן אייגן קינד. פעטער ברוך פלעגט מיר פאַרהערן, און מומע אסתר פלעגט אַזש צעשמאָלצן ווערן פון נחת פון מיין גוט קענען דעם חומש.

שבתים נאָכן שבת־שלאָף פלעגט מומע אסתרל קומען צו דער באָבען צו גאַסט. די באָבע פלעגט מיך שיקן נאָך טיי צו פייגען פון דער „טשאַייניע" („טיי־הויז"), וואָס פלעגט אָנגרייטן נאָך פון ערב־שבת צווײ גרויסע קעסלען טיי און זיי איינדעקן מיט אַזוי פיל וואַטענע שפּענצערס, אַז זיי זיינען געווען הייס ביז מוצאי־שבת. מומע אסתרל פלעגט זיצן שטייפלעך־אַריסטאָקראַ־טיש, קלייבן די ווערטער ווי פּערל, ענטפערן אויף צען ווערטער איינס. קיינמאָל קיינעם נישט באַרעדט, קיינמאָל זיך נישט אויפגערעגט, נאָר געהאַט אַ שוואַכקייט צו וואַלגערן איןביידע וואונדער־שיינע דלאָניעס מיט די לענג־לעכע דינע פינגער עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר, וואַלגערן עס ווי אַ שטיקל טייג און אַריינוואַלגערן אין דעם דעם גאַנצן צער פון איר איינזאַמקייט.

ביז איינמאָל האָט מומע אסתרל אַראָפּגעבראַכט אירע אַ פּלימעניצע, אַ יונג, שיין, בלאָנד מיידל, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים און מיט אַזאַ גוטסקייט — אַזש ביז נאַרישקייט. די פּלימעניצע (ריוועלע האָט מען זי גערופן) איז געווען אויך אַזוי הויך און שלאַנק ווי מומע אסתרל, און מיט אַ בלאָנדקייט, וואָס שלאָגט אַזש אָן אין ווייס. ריוועלע איז געווען אַ יתומה נאָר איר ברודער, און מומע אסתרל האָט זי אַראָפּגעבראַכט, ערשטנס — עס

זאָל איר ווערן אַביסל פרייליכער און צווייטנס — צו זאָרגן וועגן דער פלימעניצעס תכלית.

ריוועלע האָט געמוזט אַלט זיין אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, נאָר אין מיינע אויגן האָט זיך אויסגעזען ווי אַן עלטער מיידל. זי האָט זיך גיך צוגעוואוינט צום געשעפט און פלעגט גאַנצע טעג שטיין הינטערן טונע־באַנק און פאַר־קויפן די טאַבאַקס און סיגאַרעטן, די אַלע זיסוואַרג און שיינע צאַצקעס, מיט וועלכע דאָס געשעפט איז געווען פול.

איך בין שוין אויך אויסגעוואַקסן. געווען שוין אַ פערצן־יעריקער בחור. קיין פויליש האָב איך נאָך נישט געקאַנט, אָבער יידיש האָב איך געשריבן „ווי אַ וואַסער”... איך האָב שוין געשריבן אַפילו גראַמען, וואָס כאָטש די באָבע, וואָס האָט מיך אַזוי מסוכן ליב געהאַט, פלעגט אַזוי גוטמוטיק נאָכמאַכן: „פייגעלע, פייגעלע, פיפידיראַ...” און געמיינט, אַז איך באַשעפ־טיק מיך מיט נאַרישקייטן. אָבער אַלצאיינס האָט משפחה געוואוסט, אַז עפּעס איז מיט מיר „דער מער”... —

מיין מאַמע איז געווען באַקאַנט ווי אַ בריוו־שרייבערין. מען פלעגט קומען צו איר פון אַלע זייטן, זי זאָל שרייבן בריוו; אָבער איך בין אויך צווישן דער משפחה באַוואוסט געוואָרן ווי אַ בריוו־שרייבער, און רייזעלע האָט אויך דערפון געוואוסט.

איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט, וואָס שיין און וואָס מיאוס איז, און בין נישט געווען גלייכגילטיק צו ריוועלען. איך פלעג נאָר ווערן רויט, ווען זי פלעגט מיר עפּעס פרעגן, און איר געענטפערט ווי אַ נאַר, נאַרישע רייד, פּליטעוואַטע, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף.

כ׳האָב געטראַכט, אַז דער זיידע זאָגט, אַז איך בין אַ פלוט, איז ער גערעכט... כ׳האָב זיך שטענדיק געמאַכט פאָרוואורפן, פאַרוואָס איך ריעד אַזוי נישט בינדיק מיט ריוועלען...

אָבער איינמאָל איז עס געקומען אומגעריכט.

ריוועלע איז שטענדיק געווען גוט צו מיר, ווען איך פלעג אַוועקגיין פלעגט זי מיר אָנשטאָפּן אַ קעשענע מיט צוקערוואַרג, אָבער זי האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטרויט. זי איז געווען אַזוי ענלעך צו מומע אסתרל, אַז איך האָב אויף איר אויך געקוקט ווי אויף אַ מומע, און זי קיינמאָל נישט געוואַגט אָנצורופן ביים נאָמען.

איצט איז פאָרגעקומען אַזאַ זאַך, וואָס האָט מיך אויף אַ שטיק צייט צעטרייסלט.

געקומען בין איך צו דער מומע אסתרל, אָבער סיי די מומע און סיי פעטער ברוך זיינען נישט געווען. זיי זיינען אַוועק אויף אַ חתונה געבליבן איז בלויז ריוועלע. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין אָבער ריוועלע האָט מיך

פאַרהאַלטן. דאָס געשעפט איז שוין געווען פאַרמאַכט, און ריוועלע האָט זיך געפּאָרעט אין שטוב ביי דער קיך.

און מיטאַמאָל:

— ישראליקל קענסט מיר געבן אַ תּקיעת־כּף, אַז דו וועסט קיינעם נישט דערציילן?

איך בין געוואָרן ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַכעדיקע וואַסער און שיעור נישט געפאַלן פון די פיס. איך האָב געפילט ווי אַ היץ שפּאַרט מיר צו קאָפּ און אַ ווייל נישט געענטפערט.

— ישראליקן, ס'איז גאָרנישט, איך האָב דיך געוואָלט בעטן זאָלסט מיר טאָן אַ טובה, איך קען נישט שרייבן קיין יידיש וויל איך זאָלסט מיר אָנשרייבן אַ בריוו, אָבער מוזט מיר געבן תּקיעת־כּף, אַז דו וועסט קיינעם נישט דערציילן.

איך האָב פאַרבאַהאַלטן אין זיך אַזאַ ליבשאַפט צו דער גוטער און שיי־נער ריוועלען, אַז כ'האָב איר געגעבן מיין האַנט, כאָטש איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס איך טו. ס'איז פאַר מיר געווען אַזוי אומדערוואַרט אַזאַ שטייגער, פּונקט ווי מיר ייִנגלעך פלעגן זיך אַמאָל שפּילן אין פאַרבאַהעל־טעניש און זיך פלוצעם געפונען אויפן הויף פון דער צערקווע און געהאַט איין פאַרלאַנג: וואָס גיכער אַנטלויפן...

ריוועלע האָט צו מיר גערעדט ווי צו אַ דערוואַקסענעם, דערציילט, אַז זי האָט אַ באַקאַנט ייִנגל, וואָס זי וויל אים שרייבן אַ בריוו. זי וויל אים שרייבן ווי עס גייט איר ביי דער מומען, ער וועט איר נישט ענטפערן, ווייל זי האָט נישט קיין אַדרעס אָבער לאָז ער וויסן וואָס מיט איר טוט זיך...

איך האָב איר דעם בריוו אָנגעשריבן. זי האָט מיר דיקטירט און איך האָב געשריבן און געטראַכט, אַז איך טו עפּעס אַ גרויסע עבירה איך האָב נאָך אַליין דעמאָלט אַזוי ווייניק געוואוסט וועגן אַלעם ווי אַזוי ייִנגלעך און מיידלעך ליבן זיך! איך האָב נאָר אַליין שטאַרק געליבט, געליבט יעדן שיי־נעם גוטן פּנים אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק.

ריוועלען האָט די מומע אסתּרל חתונה געמאַכט פאַר אַ פרומען בחור, אַ רייכן סוחרס אַ זון. ריוועלען האָב איך געזען שפּעטער אין אַ שייטל. פּונקט אַזוי ווי די מומע אסתּרל פלעגט דאָס שייטל טראָגן. ריוועלע האָט דעם רייכן און פרומען יונגערמאַן געבוירן דריי קינדער. מומע אסתּרל האָט געהאַט אַ סך נחת פון זיי.

איך בין שוין געווען גאָר דערוואַקסן. שוין געלערנט אין ישיבות און צוריקגעקומען אַהיים זיך לערנען און לייענען ביכער. שוין אָנגעהויבן זיך דרוקן. איך פלעג נאָך אַלץ קומען צו מומע אסתּרל און אַמאָל טרעפן ריוועלען, וואָס פלעגט קומען צו גאַסט צו איר מומען. זי פלעגט רויט ווערן און אויסמיידן מיין בליק.

פעטער זרח וויל נישט גיין אין סאָנדעס

קיין גרויסער גביר איז דער פעטער זרח קיינמאָל נישט געווען. אין שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט טעכטער, וואָס האָבן באַדאַרפט צו טאָן שידוכים און קיין נדנים זיינען נישט געווען. די טעכטער האָבן דעם פעטער געיאָדעט און דאָס ווייב האָט אויך נישט געשוויגן. די נויט איז געווען גרויס. האָט דער פעטער געפּרואווט דאָס מזל און אַרויסגעפאָרן אויף אַ יאַריד. מיט וואָס זאָל דער פעטער אַרויספאָרן אויפן יאַריד? מיט קיין סחורה האָט ער קיינמאָל נישט געהאַנדלט, זיך געדרייט אַרום דער מיל און געקויפט אַמאָל תבואה ביי די גויים. דער עיקר האָט ער זיך געפּאָרעט אין זיין חסידים־קלויז, וואו ער איז געווען דער גבאי. האָבן זיך מענטשן אַריינגעלייגט, און דער עיקר שרה די נגידתטע פון טייטלס בראָוואַר, אויסגעליען אים אַ ביסל געלט ער זאָל קויפן אין די שניט־קראָמען סחורה און ביי די שניידעריקעס אַ ביסל פּאַרטיקע מלבושים און אַרויספאָרן אויפן יאַר־יאַריד אין אַ דערבייאיק שטעטל. אָבער, אַז דאָס מזל איז דעם פעטער נישט געגאַנגען, איז געשען מיט אים אַ צרה, אַן אומגליק, וואָס האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנץ לעבן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס גאַנץ גוט. דער פעטער האָט אָפּגעדונגען אַ פור ביים אונטערשטאָטישן פּוילישן פורמאַן יאַבלאָנסקי, וואָס האָט זיך לפנים געשמייכלט צו יידן, ווייל זיין ווייב פלעגט ביי יידן הייצן די אויוונס אין די שבתים. זי פלעגט קומען אַפילו צו דער באָבען מיינער. די באָבע פלעגט איר דערפאַר געבן אַזויפיל עסנוואַרג און חלה, אַז איר האָט געקלעקט אויף עטלעכע טעג. די פור איז געווען אָנגעפּולט מיט סחורה און דער פעטער האָט זיך געלאָזט אויפן יאַריד.

דער פדיון איז דווקא געווען אַ גוטער; פּויערים האָבן דעמאָלט פאַרקויפט זייער שפּייז און איינגעקויפט ביי יידן סחורה: אייזנוואַרג, טעפ וואַשגעשיר. קיינער איז נישט אָוועקגעפאָרן אָן געלט, יידן האָבן פאַרדינט. און כאָטש פעטער זרח איז געווען אַ קנאַפּער סוחר, איז ער אויך צוריקגעפאָרן מיט אַ ליידיקער פור. טאָ ווער זאָל זיך ריכטן, אַז גראָד יאַבלאָנסקי איז געווען צווישן די פאַרשווערער.

דער פעטער איז געווען אויפן זיבעטן הימל: דאָס ערשטע מאָל האָט ער עפּעס אויפגעטאָן אין זיין לעבן און אין שטוב וועט זיך אַ ביסל איינשטילן. אויף צו האָבן נדנים פאַר די טעכטער איז טאַקע נאָך גאַנץ ווייט, אָבער עטלעכע מאָנאַטן חיונה וועט זיין, און אָפּצוגעבן די חובות און מען וועט האָבן אַ ביסל מנוחה. ווייל אין גאָט אין הימל ווייס, אַז ווייטער אַזוי קען נישט גיין; ער פלעגט שוין גאַנצע טעג אין שטוב אַריין נישט קומען, ווייל וויפל קען אַ מענטש אויסהאַלטן?

דער טאָג איז געווען אַ שיינער. פּעטער זרח האָט דאָס געלט אַריינגעשטופּט אין אַ שטיוול, נישט פאַרטרויט די קעשענעס, און געפאָרן איז ער אויסמיידנדיק וועלדער. פון סכנה־וועגן, בעסער אָנגעלייגט וועג. אָבער יאַבלאָנסקי, דער כיטרער ערל, האָט אַלץ געזען און שותּפות געמאַכט מיט אַ פּאָר גזלנים פון אַ דאָרף, עטלעכע מייל פון שטעטל, נאַכט־צו איז מען דעם פּעטער באַפאַלן, צוגענומען דאָס געלט און אים אַזוי געשלאָגן אין קאָפּ, אַז נאָך חדשים אָפּליגן אין בעט, איז ער געבליבן אַ קאַליקע און זיך בסדר פאַרהיקעט, געשטאַמלט און אָפּטמאָל פאַרלוירן דעם זכרון.

די מומע ריווע האָט נישט געוואוסט וואָס מען הויבט אָן צו טאָן. יאַבלאָנסקי האָט אָפּגעפירט דעם פּעטער צוריק אַהיים דערציילט די מעשה און באַוויזן (די אַליין זיך געמאַכטע) שיניאַקעס אויפן לייב, אַז ער איז נעבעך אַליין געווען אַ קרבן, מען האָט אים אויך געשלאָגן, פאַרבונדן די אויגן און ער ווייס אַפילו נישט ווער עס האָט דעם פּעטער באַרויבט.

דער פּעטער איז אַ פּאָר וואָכן געלעגן אָן באַוואוסטזיין און נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. טאָ ווער זאָל מעלדן פּאָליציי? שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדלעך, יידן זיינען דאָך רחמנים בני רחמנים. האָט מען דעם פּעטער געשאָנקען די חובות, נאָך אָנגעבראַכט אין שטוב אַריין פון אַלעם גוטן. אָבער יאָסל שרייבער, דער שרייבער פון פּראָשעניעס (ביטעס צום געריכט און צום מאַגיסטראַט) דער ווינקל־אַדוואָקאַט האָט נישט געשוויגן, געמאָלדן אין דער פּאָליציי וועגן געשעענעם. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז די גזלנים זיינען פאַרפאָרן אין שיינדלס שענק, זיך געוואָרפן מיט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס, געזשליאָקעט אַ גאַנצן טאָג און דערנאָך זיך, ווי דער שטייגער, צעקריגט און צעשלאָגן, אַז דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן. שיכורערהייט האָט איינער אויסגעפּלאַפּלט, אַז קיין יאַרידן וועלן אַזוי גיך נישט זיין און אַז דער וואָס האָט אים צעשלאָגן וועט אַזוי גיך נישט געפינען קיין יידן אויף צו באַרויבן.

הקיצור המעשה, מען האָט זיי אַלעמען גענומען אין דער פּאָליציי און דער אויספאָרשער האָט זיי גענומען טרייבערן. קודם האָבן זיי אָנגעוויזן אויפן פורמאַן יאַבלאָנסקין, וואָס האָט געמאַכט מיט זיי שותּפות און זיך געטיילט מיטן רויב.

מען האָט יאַבלאָנסקין גענומען אויפן פאַרהער. האָט ער אין אָנהויב געלייקנט שטיין און ביין, גענומען פּלאָנטערן מיט דער צונג, זיך פאַררופן אויף דעם, אַז ער איז דאָך כידוע אַ גאַנצער פּאַני־בראַט מיט יידן, והא ראַיה: זיין ווייב הייצט דאָך ביי יידן די אויוונס אום שבת, אויסגעטראַכט, אַז דער פּעטער אַליין האָט אים געגעבן געלט ער זאָל אים פירן דורך זייטיקע וועגן. אָבער אַז פּאַוועל דער געהיים־אַגענט האָט אים גענומען קאַטעווען, האָט ער זיך גלייך מודה געווען אין אַלעמען: די גזלנים זיינען

פון אַ באַענטן דאָר; ער האָט מיט זיי שוין נישט איינמאָל געטרונקען, זיי דערציילט אויפן יאַריד וואָס פאַר אַ „גאַסט" ער פירט און אַז דער „זשיד" האָט מיט זיך אַן אוצר מיט געלט און אַז ער וועט מאַכן אַ שוויג אויב זיי וועלן אים געבן אַ טייל פון רויב. ס'איז דערגאַנגען צום אויספאָרשונגס־ריכטער. עס האָט חדשים געדויערט ביז דער פעטער איז געקומען צו זיך. די גזלנים האָט ער טאַקע נישט דערקענט, אָבער יאַבלאָנסקי אַליין האָט אַלץ דערציילט. מען האָט נאָר באַדאַרפט דער פעטער זאָל גיין אין געריכט, דערציילן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

און דאָ האָט זיך דער פעטער זרח איינגעעקשנט:

— ער גייט נישט אין קיין סאָנדעס! (אין געריכטן). יאָסל שרייבער איז ביי אים געווען, דער דאָקטאָר נאַרוסטעוויטש, וואָס האָט אים געהיילט; שלמהלע דער מעקלער, אַפילו שייִנדל פון רעסטאָראַן:

— מען דאַרף די לייט אָנלערנען! טוסט עס דאָך נישט בלויז פאַר זיך.

באַטשקע דער פעלשער איז געקומען און לויט דאָקטאָר נאַרוסטעוויטשן אָנגעשריבן אַ גאַנצע מגילה וואָסערע טיפע וואונדן אין קאָפּ די גזלנים האָבן אים געמאַכט. דער פּאַפּיר איז אַוועק אין סאָנד (געריכט).

דער פעטער זרח האָט גענומען באַקומען פּאַפּירלעך נאָך פּאַפּירלעך, אָבער האָט זיך געהאַלטן ביי איינס:

— זיין זיידע, זיין טאַטע, ער אַליין, זיינען דאָס לעבן זייערס אין קיין סאָנדעס נישט געגאַנגען, ווי ער וויטער נישט גיין!

מילא, וואָס מומע ריווע האָט אים געגעבן דערפאַר, איז נישט שייך, מער ווי פאַר זיין שלימזלדיקייט און פאַר די טעכטער, וואָס „וועלן בלייבן זיצן ביי אַזאַ טאַטן ביזן גרויען צאָפּ". דער פעטער איז אין געריכט נישט געגאַנגען. די רויבער מיט יאַבלאָנסקין אינאיינעם האָבן סיי־ווי באַקומען אַ שטראָף, מען האָט זיי אָפּגעשיקט אין דער לאָמזשער טורמע.

איך האָב נאָך געזען יאַבלאָנסקין נאָכן צוריקקומען פון טורמע. ער איז לאַנג אין שטעטל נישט געווען, זיך געשעמט די אויגן צו ווייזן, געטרונקען גאַנצע טעג און שפּעטער פאַרקליבן ס'הויזגעזינט אויף אַ פור און אַנטרונען ערגעץ אין אַ דאָרף. און דער פעטער איז געבליבן אַ קאַליקע, געשטאַמלט און אָפּטמאָל פאַרלאָרן זיין זכרון און מער אויף קיין יאַרידים נישט געפאָרן.

ר' דוד לייב איצלס שמחה

אײן זמן נאָר האָב איך געלערנט ביי ר' דוד לייב איצלס אין חדר; איך האָב געלערנט ביי אַנדערע מלמדים, וואָס האָבן געהאַט מער מזל צו באַלעבאַטים ווי ר' דוד; מיט אַ באַלעבאָס דאַרף מען קענען ריידן יעדן

אַנהויב זמן, אויסער דאָס קענען לערנען מיט אַ ייִנגל. ביי ר׳ דודן האָבן מיר שוין געלערנט חומש מיט רש״י און איין גאָט אין הימל ווייסט ווי מיין נשמה האָט זיך צוגעבונדן צו זיינער, ווי ער האָט מיך אָנגעשטעקט מיט זיין שטענדיקער פרייד און מיט זיינע ניגונים, אַ מענטש וואָס איז שטענדיק געווען בשמחה און שטענדיק האָט פון אים אַרויסגעזונגען. איך פלעג צוליב זיינע ניגונים קומען אַ סך פריער אין חדר ווי אַלע חדר־ייִנגלעך; איך האָב ליב געהאַט צו הערן אים זאָגן תהלים איידער ער פלעגט זיך זעצן לערנען מיט אונדז. ער האָט געזאָגט תהלים מיט אַן אייגענעם ניגון; דער דאָזיקער ניגון — עפּעס ווי אַ לאַנגער, לאַנגער וועג מיט קליינע זייטיקע וועגעלעך, אַזוי האַרציק איז דער ניגון געווען און האָט זיך אַזוי צוגעפּאַסט צו מיינע ייִנגלשע טראַכטעניש פון בן יחיד, וואָס איז אין דער היים אַליין... אַליין... אָבער ר׳ דוד לייב איצלס פּנים האָט שטענדיק געשיינט פון פרייד. וויפיל דער אייבערשטער גיט — איז גענוג, און אין די אָוונטן ביז שפּעט נאַכט פלעגט ער זיצן אין גערער חסידים־קלויז און פּראַווען חסידות מיט די יונגעלייט אָדער לערנען זיינע שיעורים.

די רביצין אונדזערע, פלעגט נישט איינמאָל האָבן צו אים תרעומות הלמאי ער „דבאַיעט״ נישט (טראַכט נישט), אים אַרט נישט, אַז עס קומען אָפּ קינדער פון חדר, ער גייט נישט צו די באַלעבאַטים הערן וואָס זיי ווילן, און טאַקע זיי זאָגן אַ גוט וואָרט ווי טייל אַנדערע מלמדים, וואָס קויפן דער־מיט די הערצער פון די עלטערן. וואָס אַן אמת, האָב איך דאָך געזען ווי אונדזער רבי רייסט זיך נעבעך אַרויס דאָס האַרץ ביי שמואליקלען שלמה בערס פון האָלץ־סקלאַד ווי ער לערנט מיט אים איבער צען מאָל איין פּסוק. ר׳ דוד לייב איצלס האָט, חלילה, נישט אָפּגענאַרט, אָבער ביי אונדז אין שטוב האָט זיך געטאָן אַ וויכוח צווישן טאַטן, וואָס האָט פון מיין רבין גע־האַלטן אַ וועלט, און מיין זיידן, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף מיך אָפּנעמען און געבן צו אַן אַנדער מלמד. אויסגעפירט האָט טאַקע מיין זיידע, אָבער אַלץ איינס פלעג איך זיך אָפּט אַריינכאַפּן צו ר׳ דוד לייב איצלס און די דאָזיקע נאָענטקייט איז אַלץ געוואַקסן. שפּעטער ווען איך בין שוין „גרויס״ געוואָרן, געוואָרן אַ בר־מצווה ייִנגל, האָב איך געלערנט אין ישיבה.

אין שטעטל האָט מען געוואוסט, אַז ר׳ דוד איז אויסער אַ גרויסער למדן אויך אַ גאַנצער חוקר, אַז ער קען דעם „מורה נבוכים״ און דעם „כוזרי״, אַז ער קוקט אַריין אין ספרים, אַז דעם „ספר הברית״ מיט אַלע זיבן סאָרטן חכמהס קען ער אויף אויסנווייניק, אָבער ביי דעם פּאַרפעלט ער נישט צו גיין אויף די חסידישע סעודהלעך אין די שבת־צונאַכטן און ראש־חודשן, וואָס חסידישע יונגעלייט אָרדענען איין אַלעמאָל ביי אַן אַנדער חסיד אין שטוב מיט אַ ריקודל, האַנט צו יענעמס פּלייצע, און באַזונדערס פּאַרפעלט

ער קיינמאָל נישט צו זיין ביים „פירן טיש" פון ר׳ בן־ציון, דעם אַלטן קאָצקער חסיד, וואָס זאָגט אַליין תורה אָדער זאָגט נאָך אַ וואָרט פון אַ גרויסן גוטן־יידן.

אָבער באַזונדערס בשמחה איז ר׳ דוד געווען שמחת־תורה. ווער עס האָט ר׳ דודן נישט געזען שמחת־תורה האָט קיין שמחה אויף זיין לעבן נישט געזעען!

אויפגעהויבן זיך בהשכמה, פאַרטאָג, אָפּגעדאַוונט שחרית מיטן ערשטן מנין, האָט מען קודם קידוש געמאַכט מיט חסידים און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שמחה. נישט געווען, חלילה, קיין בריקעניש, עפּעס סתם אַ הוליען. ווער נאָך איז אַזאַ מחותן מיט דער תורה ווי ר׳ דוד לייב איצלס? און דעם ערשטן קידוש האָט טאַקע געגעבן ר׳ דוד לייב איצלס אַליין, צו די צאן־קדשים, יונגעלייט מיט ווערמען ער פלעגט זיך אַמייסטן חברן, כאָטש איך האָב אים געקענט ווען ער איז שוין געווען אין די שפּעטערע זעכציקער. ווי אַזוי עס קומט צו פייגעלעך, מיין רביצין, אַזאַ מערכה צו קענען שטעלן כיבוד פאַר אַן עולם ביי איר אַרעמקייט, בלייבט אַ סוד, פונקט ווי עס איז אַ סוד פון וואַנען עס האָט זיך גענומען כוח צו ר׳ דודן ביז שפּעט אין אָוונט צו גיין מיט חסידים פון איין קידוש צום אַנדערן און נישט ווערן שיכור, נאָר זאָגן תורה און שטיקער „מורה נבוכים" אויף אויסנווייניק. נאָר שפּעטער, צום אָוונט צו, ווען מען האָט שוין אַזויפיל חסידישע תורהס אויסגעזאָגט, אַזויפיל ניגונים אויסגעזונגען, אַזויפיל חסידישע ריקודלעך אויסגעטאַנצט — פלעגט זיך ר׳ דוד אַרויפקלייבן ערגעץ אויף אַ בוידעם און צום עולם אונטן, מיט אַ ניגון פאַרציען:

— עטץ ווייסט עפּעס? — יאַך וואַיס גוניש". און דאָס, אַז ער ווייסט גאָרנישט נאָך דעם אַלעם, וואָס ער קוקט אַריין אין אַזויפיל חקירה־ספרים און זיצט כסדר על התורה ועל העבודה, האָט ער געזוכט איינצופלאַנצן ביי די חסידישע יונגעלייט. ר׳ דוד לייבל איצלס האָט געהאַלטן, אַז ער ווייסט אויך ווייניקער ווי דער פּראָסטער מענטש, וואָס שטייט ביי דער מערב־וואַנט און אַז ער איז שוין צוגעקומען צו דער מדרגה, אַז ער ווייסט שוין, אַז ער ווייסט גאָרנישט. קען דען זיין אַ גרעסערע שמחה, בפרט אין שמחת־תורה?

זכרונות

דאָס בית־מדרשל אויף דער אָפּגעלעגענער גאַס שטייט איינזאַם, ס׳איז אָנהויב פרילינג און די פּאָר געציילטעביימער שטייען נאַקעט מיט דערוואַרטונג אויף דער פרייד פון בליען, אויף דער שווערער נאָר זיסער מי פון וואַקסן.

די גאַנצע געגנט, וואָס איז אַמאָל געווען געדיכט מיט יידישע אײַנוואוי־נערס, האָט זיך איבערגעצויגן ווײַטער, ווײַטער, צום מיטן שטאָט צו, בלויז געציילטע משפחות, אָממערסטן נישט גוט סיטואירטע, קלאַמערן זיך נאָך אין די אַלטע וואוינונגען, וואָס זײַנען ביליק.

קיין רב קאָן דאָס בית מדרשל נישט אויסהאַלטן, איז אַלץ געבליבן בײַם שמש, וואָס באַדינט שוין דאָס בית מדרשל צענדליקער יאָרן.

אָבער דער גרייז־גרויער ייד האַלט נאָך אויף דאָס בית מדרשל. עס געלינגט אים אַמאָל אַפילו פאַרנאַכט צונויפצוכאַפּן אַ מנין. שבת לערנט ער אַליין מיט די געציילטע יידן „עין יעקב״, אַ פרק משניות.

דער ייד כאַפּט מיר אויפן גאַס:

— איר זעט אויס ווי אַ ייד, עמעץ דאַרף זאָגן קדיש און איר וועט זיין דער צענטער צום מנין.

און זאָגן זאָגט ער עס מיט אַזאַ געבעט און די גוטע אַלטע אויגן טרערן אַזש בײַ אים.

אינעם האַלב־שאָטנדיקן „גאָטס הויז״ איז אַזוי ליידיק. דער מנין יידן קלאַמערט זיך אויף איין פּלאַץ

איך פאַרמאַך די אויגן און איך בין צוריק אין מיין געבורט־שטעטל.

פאַרטאָג פלעג איך זיך וועקן, כדי צו גיין מיט מיין יוגנט־חברל, עובדיה, אין נייעם בית מדרש צו לערנען מיט ר׳ מנחם דראַזדאָווסקי אַ שיעור גמרא. ווי טונקל עס איז געווען אין דרויסן, אַזוי ליכטיק איז געווען אין בית מדרש. אַלע טישן זיינען געווען באַזעצט מיט יידן. ר׳ מנחם האָט זיך געהאַט אַ זייטיקן טיש, אַרום וועלכן ער פלעגט מיט אונדז לערנען די שווערסטע סוגיאָס מיט אַלע מפרשים. ר׳ מנחם איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַ שאַרפער קאָפּ, נאָר אַ מתנגד, ליב געהאַט דעם ליטווישן אופן פון לערנען. דאָס האָט דער זיידע מיך צוגעגרייט צו דער ליטווישער ישיבה, וואוהין ער האָט מיך שפּעטער געשיקט לערנען.

ר׳ מנחם איז געווען דער הויפּט־בוכהאַלטער אין דער גרויסער שטעטל־דיקער ביר־ברויעריי. דאָס האָט ער געלערנט מיט אונדז גאַנצע פיר שעה פאַרטאָג, איידער ער גייט צו דער אַרבעט. זאָגט דערווייל פּסוק בײַ פּסוק קאַ־פּיטלעך תהילים, איידער מען מעג נעמען דאַווענען שחרית.

און דער ניגון פון די תהילים־זאָגער נאָגט אַזוי די נשמה... ער וואָלט זיך צוגעפּאַסט, דער ניגון, צו עפּעס אַן אגדה, עפּעס אַ שיינע מעשה, אָדער אַ דרוש, נאָר מיר לערנען, לערנען שווערע ענינים — מיר גריבלען זיך אין אַ מהרש״א, אָדער מיר „לייגן קלאַפּטער״ אין אַ מהר״ם שיף. — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער מנין יידן האָט גיך אָפּגעדאַוונט מנחה־מעריב. דער אַלטער ייד, דער שמש, דאַנקט אַזוי האַרציק אַלעמען פאַרן קומען. דאָס קליינע בית

מדרשל ווערט ליידיק. ליידיק, ביז מאָרגן, ווען דער ייד וועט ווידער אַרומ־גיין איבער די געסלעך, אַריינקוקן אין די פּנימער, און זוכן יידן צו אַ מנין...

ר׳ שלמהלע

דאָס גאַנצע שטעטעלע טוליעט זיך צו עפּעס אַ גאַנצע הויכעניש, ווי אַ קינד, וואָס טאַטע־מאַמע איז אַוועק און עס איבערגעלאָזן צו אַ זיידעשי.

די איינציקע לאַנגע גאַס הענגט אַראָפּ פון באַרג ווי אַ סטענגע, די גאַס — איז דער גרויסער וועג, וואָס פירט אַהין און פירט צוריק צווישן צוויי גרעסערע שטעט, און אַז עס שטעקט איין גאַס אַרויס דעם קאָפּ — האָבן זיך שוין אַרויסגעלאָזט נאָך עטלעכע געציילטע קליינע געסלעך אַ שמעק טאָן וואָס ס׳הערט זיך אויף גאָטס וועלט...

די געסלעך לאָזן זיך אַראָפּ צו עפּעס אַ טייכל, וואָס פליסט פאַרביי דאָס שטעטל און איז שטענדיק קויטיק פון די כעמיקאַלן, וואָס די גרויסע פאַבריק לאָזט פון זיך אַרויס ווי אָפּפאַל.

ס׳גאַנצע שטעטל לעבט פון אַט דער פאַבריק. זיינען שוין דאָ אַ פּאָר צענדליק קראָמען אויך, אַ קלויסטערל, אַ פּאָסט, אַ שפּיטעלעכל, עטלעכע דאָקטוירים, אַ באַר און סקאַנדאַלן, סקאַנדאַלן, וואָס קומען פון לאַנגווייליקייט. מער ווי דרייסיק יאָר לעבט ר׳ שלמהלע אין אַט דעם פאַרוואָרפן אַמעריקאַנער שטעטל, אין וועלכן עס געפינען זיך קוים עטלעכע יידישע פאַמיליעס.

ר׳ שלמהלע איז געקומען פון דער אַלטער היים שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. אין דער ליטע איז ער געווען אַ שמש אין בית מדרשל פון זיין שטעטל. דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער באַשלאָסן נישט האָבן צו טאָן מיט קהל און זיך איינגעקויפט אַ פערד־און־וואָגן און געהאַנדלט מיט „דזשאַנק״, אייזן־אָפּפאַל, פאַמעלעך צוגעקומען צו אַן אייגענער הייזקע און אין די אָוונטן געזעסן על התורה ועל העבודה.

ר׳ שלמהלע האָט פון דער אַלטער היים מיטגענומען אַ ווילנער ש״ס, אַנדערע ספרים.

פאַר דער צייט איז דער איינציקער זון, וואָס ר׳ שלמהלע האָט מיטגע־בראַכט קיין אַמעריקע נאָך אַ קינד, אויפגעוואַקסן. ר׳ שלמהלע פלעגט מיט

אים לערנען און איינפלאַנצן יידישקייט און דער זון גייט אין טאַטנס וועגן, כאָטש ער האָט געענדיקט קאָלעדזש און אַרבעט ערשט אין דער פרעמד.

שווער צו זיין אַ פרומער אָפּגעהיטענער ייד אין אַזאַ קליינטשיק פאַר־וואָרפן שטעטל, כשר פלייש דאַרף מען ברענגען פון דער שכנותדיקער שטאָט; אויף די ימים־טובים דאַרף מען זיך גאָר אַריבערציען אויף עטלעכע וואָכן אין שטאָט צו דאַוונען מיטן מנין, אָבער ר׳ שלמהלע נעמט עס פאַר ליב.

אינעם גאַנצן אַרום ווייסט מען פון ר׳ שלמהלען, קריסטן רופן אים „ראַביי״ און האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ. משולחים פון די ישיבות, וואָס פאָרן דורך מיטן באָס דאָס שטעטעלע שטעלן זיך ביי אים אָפּ, כאָטש קיין געלט־געבערס פאַר ישיבות זיינען אין שטעטל, אויסער ר׳ שלמהלען, נישטאָ. די עטלעכע יידן, וואָס לעבן דאָ זיינען אַזוי אַסימילירט, אַז זיי וויסן נישט, אַז זיי זיינען יידן.

עטלעכע יאָר האָט דאָ געוואוינט אַ יונג יידיש פּאָרפּאָלק געקומענע פון פוילן, האָבן זיי זיך דאָ געעפנט אַ געשעפט פון קליידער און געמאַכט אַ שיין לעבן, האָט זיך דאָס פּאָרפּאָלק געקלעפּט צו ר׳׳ שלמהלען און זיין לאהן, וואָס טראָגט נאָך ווי אין דער אַלטער היים אַ שייטל און אויך (פון נישט האָבן וואָס צו טאָן) אַזוי פיל אַנגעלייענט און אָנגעלערנט מיט יידישע ספרים, אַז אַפילו דער יונגער פרוי איז געווען מיט איר אַ נחת צו רעדן, און ר׳ שלמהלע האָט דעם פוילישן יונגערמאַן שטאַרק מקרב געווען, כאָטש ר׳ שלמהלע האָט געוואוסט, אַז דאָס פּאָרפּאָלק איז פריי געוואָרן, ר׳ שלמה־לע, ווי שטרענג ער איז געווען צו זיך פלעגט ער שטענדיק לערנען זכות אויף אַנדערע — מ׳איז אין גלות און ס׳איז שווער אָפּצוהיטן יידישקייט. אין די שבתים שיקט דאָס פּאָרפּאָלק די קינדער צו ר׳ שלמהלען אין הויז.

ר׳ שלמהלע לערנט מיטן יינגל חומש אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געלערנט מיט זיין זון און מיטן מיידל פאַרנעמט זיך לאהן, זיין ווייב, אַזוי אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג — אָבער צוליב די קינדער טאַקע און צוליב דער גרויסער פאַבריק, וואָס האָט זיך געזאָלט איבערפירן אין אַ צווייטן פּלאַץ און מיט־נעמען מיט זיך די אַרבעטער — איז דאָס פּאָרפּאָלק אַוועק. מ׳איז געקומען צו ר׳ שלמהלען און זיין לאהען זיך געזעגענען ווי צו אַ טאַטע־מאַמע. ר׳ שלמהלע האָט מיטגעגעבן דעם יונגנמאַן אויפן וועג עטלעכע ספרים מיט יידיש־טייטש אונטערן העברעאישן טעקסט און לאה האָט פון קעלער מיט־געגעבן ס׳ווייב זיינס עטלעכע סלאָיקלעך האָניג־טייגלעך, אַ פלעשל אַלטן וויין אייגענע אויסאַרבעטונג, איינע פון די זילבערנע חנוכה־לעמפּלעך, וואָס שטייט ביי איר אין קרעדענסל און אַ זילבערנעם בעכער אויף קידוש צו מאַכן.

דאָס יונגע פּאַרפּאָלק האָט פון איר זייט דעם אַלטן ר׳ שלמהלען איבער־געלאָזן עטלעכע אָנצוגן און לאהן אַ מאַנטל ספּעציעל אויפגענייט.

ס׳איז געשטאַנען אַזאַ געווין אין שטוב, אַ שטייגער ווי מ׳וואָלט אַרויס־באַגלייט אייגענע קינדער.

דער אומעט האָט גענומען נאָגן, און כאָטש ס׳פּאַרפּאָלק איז אַזוי צוגעוואוינט שוין לאַנגע יאָרן צו אָט דעם אומעט פון לעבן אַליין און נישט האָבן וואו צו גיין און קומען, און מען לעבט ערשט אויף דעם געלט פון „סאָשל סעקיוריטי״, וואָס מאַן און ווייב באַקומען, און פון דעם וואָס דער זון שיקט צו יעדן חודש — האָט לאה גענומען צושטיין צו ר׳ שלמהלען:

— שלמהלע, שוין צייט זיך איבערצוציען אין שטאָט.

— און וואָס איז אין שטאָט בעסער? נאָר איינער, אין שטאָט וואוינט אויך יעדער איינער אַליין.

— מ׳לעבט דאָך נישט אייביק, מ׳וועט שטאַרבן און ס׳וועט נישט זיין אַפילו ווער עס זאָל זיך מיט אונדז פאַרנעמען.

ר׳ שלמהלע האָט אַ צענעם געטאָן זיין ווייסע באָרד מיט די פינגער, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער ווייט, ווייט איבערן טייכל, וואָס פליסט פאַרביי נישט ווייט פון זיין הויז, דאָרט האָט ער געזען אַ מחנה וראָבעס פאַרבייפליען און זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע נאַקעטע ביימער, וואָס דער האַרבסט האָט אָפּגעשאָסן זייערע בלעטער. דער באַרג האָט זיך געהויבן איבערן שטעטעלע מיט זיין רויער אייביקייט און דערמאָנט אין סוף פון מענטשנס לעבן.

ר׳ שלמהלע האָט זיך געפּרואווט פאַרגעסן און לערנען און נישט ענטפערן אויף זיין ווייבס צושטיין צו אים מיט פראַגן, אָבער אַז זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט — האָט ער ווייך אַ זאָג געטאָן, דאָס, וואָס עס איז אים שוין לאַנג קלאָר געוואָרן: — מירן זיך מירצעשעם איבערציען אין שטאָט צו חנוכה.

מיינע מומעס פון טאַטנס צד

אויף יעדער חתונה איז דאָ עפּעס אַ קינד, אַ ליבלינג, וואָס עמעצער פון די געסט האָט עס מיטגענומען, און מען רייסט עס פון האַנט צו האַנט, און מען כאַפּט אויף יעדע חכמה, וואָס דאָס קינד האָט געזאָגט, און עס גייט אָן אַזאַ פאַרעניש און מען שטופּט עס גוטע זאַכן אין מיילעכל און מען זאָגט נביאות אַז עס וואַקסט:

— אַ גאון!

— אַ דאָקטער!

— אַן אַרטיסט!

עפּעס אַ שטייגער, ווי מען וואָלט זיך עס דאָ צונויפגעקומען, נישט צוליב חתן־כלה, נאָר צוליב אָט דעם שיינעם קינד...

איך בין עס געווען אָט דער ליבלינג, און פון אַזוי פיל הענט האָב איך זיך עס באַדאַרפט אַרויסרייסן קינדווייז, פון אַזוי פיל קושן האָב איך עס מיר באַדאַרפט אָפּווישן און אַוועקשפּרינגען, ווילד אַוועקשפּרינגען...

אָבער מער פון אַלע האָבן מיר מיט זייער צודרינגלעכער ליבשאַפט דערקוטשעט מיינע דריי מומעס פון טאַטנס צד, גאָלדעלע, דבורה און סימעלע.

אַלע דריי מומעס האָבן געוואוינט אין שטעטלע וואָלאָמין, וואָס לעבן וואַרשע, און כאָטש דאָס דאָזיקע שטעטל איז דאָך סך־הכל דריי שעה פאָרן מיט דער באַן פון אונדז — איז עס אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע געווען אַזוי ווייט, אַזוי ווייט ווי, אַ שטייגער, די שטאָט אָדעס, מיט וועלכער מאַ־טעלע פון אייזן־קראָם הערט נישט אויף צו רימען זיך פאַר אונדז, חדר־ יינגלעך, אַז ער איז דאָרט געווען. דאָס איז דערפאַר, ווייל מען האָט מיך אַזוי ווייניק אַהין מיטגענומען, און נישט געלאָזט פאָרן אין ערגעץ האָט מיך דער זיידע, ערשטנס, ווייל ווי נעמט מען עס און מען פאָרט אַוועק פון לערנען? און, צווייטנס, האָט דער זיידע סתם געקוקט שלעכט אויפן טאַטנס משפחה. וואָס פאַר אַ פּסול האָט עס דער זיידע געפונען ביים טאַטן אין דער משפחה? האָט דאָך ר׳ משה נחמיה, דעם טאַטנס טאַטע, געשטאַמט פון גרויסן יחוס; מען האָט אים דאָך גענומען אויף בוררותן אַזש קיין וואַרשע און ער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן חסיד. אָבער דער פּסול איז געווען די מומעס, וואָס שידוכים טוט מען נישט ווי ביי לייטן פירט זיך, דורך אַ שדכן, נאָר רק מען פאַרליבט זיך, ווי, להבדיל, ביי גויים.

און אַז מען פאַרליבט זיך מוז דאָך שוין עפּעס געשען, איז טאַקע פאָר־ געקומען די מעשה מיט דער מומע דבורה: זי האָט זיך פאַרליבט אין דעם וואָס מען באַדאַרף נישט; דער זיידע, ר׳ משה נחמיה, האָט שוין נישט גע־ לעבט, און די באָבע, נעבעך, האָט געמוזט קלאַפּן אַ טעלעגראַמע צום טאַטן: „פּריעזשאַי, דבורה באָלנאַ״, קום צופאָרן, דבורה איז קראַנק. וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען, האָט דער טאַטע שפּעטער נישט דערציילט אָבער פון דעמאָלט אָן טאַקע, האָב איך שוין נישט געהערט ביי אונדז אין שטוב דער מומע דבורהס נאָמען אַזוי געצערטלט ווי די איבעריקע צוויי שוועסטערס נעמען, גאָלדעלע און סימעלע. זי איז פאַרבליבן דבורה, ווי אַ שטראָף, ווי אַ קין־צייכן, אַזוי צו זאָגן: קריך נישט וואו מען באַדאַרף נישט!

און מיך האָט אַזוי געצויגן צו מיינע מומעס! קודם־כל האָב איך ביי אונדז אין שטעטל קיין מומעס נישט געהאַט; די מאַמע איז געווען די איינ־

ציקע טאָכטער, און איך האָב נאָר געהאַט עלטער־מומעס אָדער שוועסטער־קינדער, וועלכע איך האָב אויך גערופן מומעס. מיינע מומעס פון טאַטנס צד זיינען אָבער געווען אמתע מומעס, און טאַקע דאָס וואָס ביי מיינע מומעס איז אַלץ אַזוי אַנדערש ווי אין דער אָנגעכמורעטער שטוב ביים זיידן. עפּעס איז ביי זיי געווען אַזעלכעס, ווי מען וואָלט, למשל, אויפגעעפנט ביידע גרויסע פענצטער אין זיידנס בוידעם־שטיבל (דער זיידע האָט זיך דאָס קיינמאָל נישט פאַרגונען, דער גערויש פון מאַרק זאָל אים נישט שטערן אין לערנען). אַזוי פיל לופט איז געווען. אַ פרייע, ברייטע וועלט, אַ וועלט וואָס איך האָב נישט געקענט.

אַלע מיינע מומעס האָבן עפּעס געהאַט אַן איבערלעבעניש, אַ טראַגעדיע. אַלע האָבן זיי זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער שטילער באַלעבאַטישקייט פון זייער שטעטל; אַלעמען האָט געצויגן אין דער גרויסער שטאָט, און אַלע זיינען זיי געבליבן צעבראָכן. מומע גאָלדעלען איז דער מאַן געשטאָרבן אויפן צווייטן יאָר נאָך דער חתונה און זי האָט געמוזט נעמען חליצה, לאַנגע יאָרן געזוכט איר באַשערטן און שפּעטער, אין יאָרן אַרום, חתונה געהאַט מיט אַן עלטערן מענטשן, אַ גמינע־לערער, וואָס האָט איר טאַקע געטראָגן אויף די הענט, אָבער...

וועגן מומע דבורהן איז שוין געווען געשריבן.

און מומע סימעלע, די יינגסטע, די שענסטע, וואָס בחורים פלעגן זי טשאַטעווען אַזש פון וואַרשע, איר געשריבן ליבע־בריוועלעך, און איינער, אַ יידישער דיכטער, האָט איר געשאָנקען זיין פאָרטרעט מיט אַ צושריפט אַ גאַנץ ליד — איז געווען קאַפּריזנע, פלעגט זיך אָפּרעדן מיט זיבן בחורים אין דער זעלבער צייט און זיי אַלעמען אַרויסשטעלן אַ פייג, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, אַז די בחורים איז דערעסן געוואָרן די שפּיל. דער יידישער דיכטער, וואָס איז פאַר איר „אַוועקגעשטאָרבן", איז אַוועק קיין אַמעריקע און ביי איר איז געבליבן אין אַלבום זיין פאָרטרעט בלויז. אַזאַ שיינער, אײדעלער יונגערמאַן, מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר — איז די מומע סימעלע געוואָרן טרויעריק און געשטילט דעם טרויער אין „מאַסואוקעס" פון די „ציציליסטן", און אַזוי פאַרבענקט מיט טרערן אין די אויגן מיך געקושט און געלערנט מיך זינגען:

טויטע ריזן, הויכע קוימען,
שפייען וואָלקנס שוואַרצן רויך...

און דער אומעטיקער אויספיר איז:

די רעגירונג איז אַ כהן,
די אַרבעטער — קרבנות...

אַלע מיינע מומעס האָבן מיך ליב געהאַט מיט עפּעס אַ מאָדנער, משו־

געווען, אָבער וואָס איז אַזוי מיט מיר דער מער? מען האָלט מיך אין איין לויבן און דערציילן מיינע מעלות, אין היפּוך צום זיידן, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַר מיר קיין גוט וואָרט. מומע סימעלע נעמט מיך אַפילו מיט אין וואַלד צו איר בחור, זיי שפּאַצירן דאָרט און רעדן אַזעלכע שטיל־שטילע רייד און איך פיל מיך עפּעס ווי דעמאָלט, ווען איך שפּיל זיך אין פאַרבאָ־העלטעניש מיט חברה יינגלעך פון חדר און געפין זיך פלוצים אויפן טרי־פּהנעם הויף פון דער שטעטלדיקער צערקווע...

גענער ליבשאַפט, זיך געגרויסט מיט מיר. אַ שיין יינגעלע בין איך טאַקע

אין די שבת־צונאַכטסן פאַרקנאַקן זיך מיינע מומעס אין זייערע סאַ־מעטענע, זיידענע, שוואַרצע, רויטע, בלויע קליידער, מיט לאַנגע שלעפּעס און קאַרסעטן, וואָס מאַכן אַרויסשטאַרצן זייערע פולע בוזעמס, הענגען זיך אַרום מיט גאָלדענע קייטעלעך, טוען זיך אָן אין בראַסלעטן און פינגערלעך, באַשיינען זיך מיט די לעצטע פאַריזער מאָדע־הוטן מיט לאַנגע פאַרבוי־גענע פעדערן. מומע סימעלע, כאָטש זי איז נישט קורצזיכטיק, טוט זיך אָן פון שיינקייט־וועגן איר גאָלדענע פענסנע און מען נעמט מיך מיט אין די „זשיוואָאבראַזן" (שטומע קינאָס). איך זע גזלנים, וואָס איך קען שוין פון ביכעלע, וואָס איך האָב געקויפט ביים מוכר ספרים. עס טראָסקעט צו עפּעס אַ פאַרטעפּיאַן אַזעלכע טרויעריקע ניגונים; בלוט גיסט זיך, נעבעך, פון אומשולדיקע מענטשן, פון פאַרפירטע מיידלעך, פון אומשולדיקע ווייבער. מיינע מומעס ווישן זיך מיט זיידענע טיכעלעך די אויגן און האַלטן אין איין קוקן אויף מיר, וואָס פאַר אַן איינדרוק די בילדער לאָזן אויף מיר איבער. מומע סימעלע האַלט אין איין פאַרשטופּן מיינע געקרייזלטע פּיאותלעך אַרויף, אַריין אין סאַמעטן היטעלע, ווייל אַרום — אַרום זיצן דאַמען און הערן מיט לאָרנעטקעס, זי רוקט מיר אין מיילעכל שטיקער שאָקאָלאַד און באַשמירט זיך דאָס מויל, מיך קושנדיק.

אַן אַנדער וועלט, אַ ווייטע וועלט, אַ פאַרפירערישע וועלט!

און אַהיימקומענדיק הייבט זיך אָן אַ געשפּאַרעריי צווישן די מומעס ביי וועמען אין צימער איך וועל שלאָפן, דאָס קינד איז, נעבעך, שלעפעריק.

אַלע מיינע מומעס וואוינען טאַקע צוזאַמען מיט דער באָבע שיינע רוי־זעלע, וואָס גייט אָפּגעגאָלט די האָר און טראָגט אַ ציפּעקל, אָבער יעדע פון זיי האָט אַ באַזונדער צימער, און אין יעדן צימער איז דאָ אַ גרויסער שפּיגל מיט אַזעלכע טישלעך דערנעבן, אויף וועלכע עס זיינען אָנגעשטעלט כל־המינים פושקעלעך און פלעשעלעך פּאַרפום, און די צימערן זיינען אָנגעזאַפּט מיט שמעקעדיקע ריחות, טריפהנע ריחות, קיצלדיקע, רייצנדיקע ריי־חות, און פאַרטרעטן הענגען אויף די ווענט פון מיידלעך מיט גיטאַרעס אין די הענט, פון אַזעלכע ווייטע, אומהיימלעכע לאַנדשאַפטן; און שענקלעך

מיט ביכלעך זיינען דאָ ביי יעדער מומע מיינער; ביכלעך אויף יידיש־טייטש, אָבער נישט די ספרים וואָס די באָבע און די מאַמע לייענען, נאָר גאָר אַנדערע; מעשיות אַזעלכע פון וואַרשע אַראָפּגעבראַכט, איינגעקויפט, אָדער מיט אַ צושריפט, אַ מתנה פון אַ פאַרליבטן יונגנמאַן.

און ביי דער מומע סימעלע אויף דער וואַנט הענגט דאָס בילד פון איינעם אַזאַ אײדל־באַחנטן יונגנמאַן אין פענסנע מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן לאָק אויפן שטערן; אַוודאי ער, וואָס די מאַמע מיינע דערציילט גאַנצע נסים, אַז ער, ער „ציציליסט”, האָט מומע סימעלען געלערנט לעבן אויף הוילן ברויט מיט וואַסער, כדי זיך צוגעוואוינען ווען מען וועט זיי פאַרשיקן קיין סיביר.

מיינע מומעס שורשען מיט די קליידער, אויסטוענדיק זיי פון זיך, טוען זיך אָן אין זיידענע קימאָנאָס און נאַכט־שיכעלעך, און יעדע פון זיי דערקוטשעט מיר מיט איר ליבשאַפט.

— מאַך זיך גרינגער, סרולעקל, ס׳איז דאָך אַזאַ הייסע נאַכט, נעם אַראָפּ דאָס קאַפּאָטקעלע; אפשר ווילסטו אַ גלאָז מילך? — זאָגט מומע גאָלעלע.

— ווי איז מיר, דאָס קינד האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן — וויינט אַזש מומע סימעלע.

— סרולוש, כ׳וועל דיר מאַכן צוויי אייער אָפּגעפּרעגלט — זינגט מיט אין כאָר מומע דבורה.

נאָר איך אַנטלויף, אַנטלויף צו דער באָבען אויפן בוידעם־שטיבל, וואו עס זיינען נאָך אויסגעשטעלט אַרום אַלע ווענט דעם זיידן משה־נחמיהס ספרים; און די באָבע שיינע־רויזעלע שעפּטשעט בלחש קריאַת־שמע און וויזט מיר אָן אויפן זיידנס בעט — ס׳הייסט, דאָ וועסטו שלאָפן!

און אַז די באָבע האָט אָפּגעלייענט קריאַת־שמע, רעדט זי שוין גאָרנישט, ווייל מען טאָר מער נישט אויסריידן. זי ווינקט צו מיר נאָר מיט די הענט און מיטן קאָפּ מיט שטומע תנועות אויפן אונטערשטן שטאָק, וואו די טעכטער וואוינען; ווינקט מיר אויף נישט; עס הייסט, אַזאַ יינגעלע ווי דו, דאַרפסט דאָרט מיט זיי נישט האָבן צו טאָן...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַז איך בין צוריקגעפאָרן אַהיים פון אַזאַ נסיעה, האָט קודם דער זיידע מיט מיר אַ וואָרט נישט אויסגערעדט אַ וואָך צייט. נישט געוואָלט וויסן, אַז איך בין דאָך סך־הכל אַ קינד; איך בין אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט. די אומהיימלעכקייט און אָנגעכמורעטקייט פון זיידנס שטוב איז מיר האַרבער געוואָרן; איך בין אַרומגעגאַנגען און געחלומט אַליין נישט וויסנדיק וואָס.

אַלע שפּילערייען מיט מיינע חברים האָבן מיר אויסגעזען קליינלעך.

אַפילו די גרויסע מלחמות מיט די שקצים פון די „פּראַשקעס״. און די גוטע באָבע מלכה, וועלכע האָט מיך אַזוי ליב געהאַט, האָט נישט געוואוסט מיט וואָסערע וואָסערן מיך אָפּצוואַשן פון דער „טומאה״, וואָס האָט זיך צוגע־קלעפּט צו מיר פון מיינע „פרייע״ מומעס פון טאַטנס צד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יאָרן זיינען אָנגעוואַקסן אויף מיר ווי אויף מוונע מומעס.

זיי זיינען אַלע אַריבערגעפאָרן פון שטעטל קיין וואַרשע.

מיינע מומעס זיינען שוין געווען מאַמעס פון טעכטער, וואָס זיינען נאָך שענער געווען פו זיי; טעכטער מיט רויט־ווייסע היטעלעך פון פוילישן אוני־ווערסיטעט, בלאָנדע, בלוי־אויגיקע שיינהייטן אין וואַרשע. מיינע מומעס זיינען געוואָרן באָבעס. אַז מיר האָט זיך געקרישלט די וועלט, פלעג איך לויפן צו די נעסטן פון מיין קינדהייט און אָפּט באַזוכן מיינע מומעס.

זיי זיינען אַלע געווען אַזעלכע סטאַטשענע באָבעשיס און אָפט גע־זאָגט אַזויפיל מוסר זייערע טעכטער. נאָר אַז זיי פלעגן מיך דערזען, פלעגן זיך ביי זיי אויפוועקן אַלטע, נישט־געשטילטע פאַרלאַנגען פון דער יוגנט. עפּעס האָב איך זיי דערמאָנט, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג־לאַנג געהאַט פאַר־געסן. איך, דער דערוואַקסענער, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן וועלטן און געזוכט די שפּראַך פאַר דעם אַלץ וואָס איך האָב געפילט — בין אַלץ נאָך געווען פאַר זיי דאָס אומבאַהאלפן חסידיש יינגעלע, פאַר וועמען זיי זיינען געווען אַזוי ווייט פאַרגעשריטן.

מומע סימעלע איז נאָך אַלץ געווען באַצויבערנד־שיין, כאָטש מיט אַן איבערמישט פון פאַסן גרויע האָר אויפן קאָפּ. אין איר אַלבום איז נאָך אַלץ געווען אַריינגעקלעפּט דאָס בילד פון דעם יידישן דיכטער, וועלכער האָט איר אַמאָל ליב געהאַט. זי איז נאָך אַלץ געווען אַזוי קאָקעטיש־קאַפּריזנע, ווי אַמאָל, איר מאַן איז געווען עלטער פאַר איר און איר געטראָגן אויף די הענט. זי פלעגט זיך נאָך אַלץ אַזוי זייטלען, ווי זי וואָלט אַ שטייגער געגאַנ־גען אין אַ שטעטל אויף אַ טרעפונג מיט אַ בחור. אַז עס פלעגט מיר ענג ווערן מיין וועלט, פלעג איך אַריבערקומען צו מיין מומען אויפשאַרן די קוילן פון מיין קינדהייט. איך בין נאָך אַלץ געווען פאַר מיין מומען דאָס חסידישע יינגעלע, וועמען זי פלעגט קושן מיט דער משוגענער ליבשאַפט פון אַמאָל, דעם מאַן אין די אויגן. אין מיר האָט זי זיך צוריק דערמאָנט איר יוגנט. זי פלעגט די אויגן פאַרגלייזן און אַ זיפץ טאָן:

טויטע ריזן, הויכע קוימענס

יאָגן שוואַרצע וואָלקנס רויך...

פ ע ר ל

ס'איז שוין קיין סוד נישט געווען, אַז מסיע גאָלדשמיד, וואָס איז אַראָפּ געקומען אין זיין היים־שטעטל זיך זען מיט זיין מוטער, האָט נישט געהאַט דערביי אַזאַ אײדעלע כוונה. עס איז אים גיכער געגאַנגען אין אײנ־האַנדלען אַביסל ביזשוטעריע ביי די פון קריזיס־געליטענע יידן.

הגם לפנים האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ בעל־טובה, וואָס איז געקו־מען באַגליקן ס'שטעטל; געגעבן דעם און יענעם אַ פּאָר זלאָטעס, און זיך געהאַלטן אין איין לאָזן מאַכן מי־שברכס. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אים אַ געטראָגעריי פון חפצים; אויערינגלעך, בראַזלעטן, קייטעלעך און זייגער־לעך. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מלאך הגואל, ווי אויף אַן אויס־לייזער. און מסיע גאָלדשמיד איז געשטאַנען מיט זיין בינאָקל, באַטראַכטנ־דיק יעדן חפץ מיט גרינשאַצונג:

ע, מאַדאַם, אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט, ביי אייך אין פּוילן מיינט מען מי יודע, וויפל דאָס איז ווערט. אין בעלגיע האַלט מען נישט פון אַזעלכע זאַכן... פונדעסטוועגן גיב איך. אַלטע בכבודיקע יידן האָבן געבראַכט זיי־ערע גאָלדענע זייגערס, מען האָט געזוכט און גענישטערט אין די שטובן, ווי פאַר פּסח אין יעדן שפּאַרעלע און די שמחה איז גרויס געווען ווען מען האָט עפּעס „אַנטדעקט".

נאָר איינע איז אין שטעטל געווען, וואָס האָט דעם מסיע גאָלדשמיד נישט געוואָלט קוקן אין זיין פּנים: „אַלטעלע די סקלאַדניצע".

צוויי זאַכן זיינען אַלטלען געבליבן פון דער אַמאָליקער נגידישאַפט: דער צונאָמען „די סקלאַדניצע", צוליבן גרויסן צוקער־סקלאַד, וואָס אַלטע־לע האָט אין אירע גוטע צייטן געפירט, און אַ שנור אָרלעאַנער פּערל.

אַלטעלעס פּערל האָבן אַ שם געהאַט אין שטעטל. אַ יחוס־שנור גע־ווען, אַ ירושה פון אַ צענדליק דורות... דור נאָך דור האָבן מאַמעס די קינ־דער צו דער חופּה די שנור פּערל איבערגעגעבן, און מיט אַ טרער באַ־נעצט:

— אָ, גיי, מיין קינד, דערין אין נחת און אין גדולה, אין עושר און אין כבוד. זאָלסט דערלעבן דיינע קינדער צו דער חופּה פירן, און די עלטערן אין דער ערד זאָלן זיך נישט שעמען מיט אייך.

אַלטעלע געדענקט נאָך ווי איר מאַמע, עליה־השלום, האָט איר די ווער־טער אין אויער געשעפּטשעט.

וויפל וואַסערן זיינען זינט יענער צייט אָפּגעלאָפן!

אַ מאַן געהאַט, אַ תכשיט, דער גרעסטער למדן אין שטעטל, אַ פייער־

דיקער קאָפּ. אַלטעלע האָט אַלע געשעפטן געפירט, כדי דער מאַן זאָל קע־
נען זיצן און לערנען רואיק. איז ער, נעבעך, יונגערהייט פון דער וועלט אַוועק.
פון די צווײ זין, די געבליבענע נאָכן פאָטער, האָט זי אויך קיין נחת נישט
געהאַט. ביידע האָבן אין דער פרעמד חתונה געהאַט. ביי איינעם האַלטן זיך
די קינדער נישט; ביים צווייטן איז נישט פויגלדיק, אַן ערעמאַן!

און אַלטעלע אַליין?

דעם גיהנום האָט זי דורכגעמאַכט. פון איר מסחר האָט די מלחמה אַ
תל געמאַכט. אין אַנהייב האָט זי זיך נאָך געראַנגלט. עס איז קלענער גע־
וואָרן דער פּאַרקויף און קיין פּאַדריאַדן זיינען שוין נישט אונטערגעקומען.
ביי איינצל־פּאַרקויף געבליבן. אָבער מען האָט נאָך געלעבט, נאָך פּרנסה
געהאַט, ישיבה־בחורים אויסגעהאַלטן, אָרעמע כלהס צו דער חופה געפירט
און אויסשטייער נאָך געגעבן. שפּעטער, אָבער, פון אַלעם איז אַ באַרג אַש
פאַרבליבן. די שטעטלדיקע שריפה האָט אויך איר קראָם נישט געשוינט.
מ׳האָט אַ פעדער נישט באַוויזן אַרויסצוראַטעווען. אַביסל געלט איז נאָך
פאַרבליבן. האָט מען געגעסן און עס אויפגעצערט.

דאָס איינציקע פון איר גאַנצן פאַרמעגן, און דער אָנדענק פון איר
פאַרגאַנגענעם גליק, איז דער שנור פּערל.

ווי אַן אוצר היט זי אָפּ, אַלטעלע, דעם שנור פּערל, ווי אַן אויג אין
קאָפּ.

ווען־נאָר־ווען באַצירט זי דערמיט אַן אָרעמע כלה צו דער חופה, פון
מצווה וועגן. אָפּט זיצט אַלטעלע איבער די פּערל און באַנעצט זיי מיט טרערן.

איר גאַנץ אָפּגעלעבט לעבן קומט איר דאַן אַרויס! ווי קיילעכדיק דאָס
גליק איז! ווי עס דרייט זיך עס אויף דער וועלט!

ווי לאַנג, אַז אַלטעלע איז די גרעסטע נגידיתטע געווען אין שטעטל?
ווי לאַנג איז, ווי מיט אירס אַ וואָרט האָט זיך אַפילו באַטשאַלסטוואָ גע־
רעכנט? ניין, זי קען ביי זיך נישט פועלן צו גיין צו גאָלדשמידן. זאָל ער
באַדאַי שיקן נאָך איר; זי וועט נישט גיין!

ניין, זי וועט די פּערל נישט פאַרקויפן. זאָל ער איר אַפילו וועלן אָפּ־
גילטן דערפאַר. אויסגיין וועט זי אַזוי מיט די פּערל ביי דער זייט.

זי וועט זיך נישט דערנידעריקן פאַר אים, דעם אויפגעקומענעם גביר.
דרך־ארץ זאָל ער האָבן פאַר איר, דרך־ארץ פאַר איר יחוס!

אָבער גאָלדשמיד קען זיינע קליענטן. ער איז אַ דורכגעטריבענער
יונג! עטלעכע מאָל האָט ער געשיקט נאָך אַלטעלען, ווי נאָר ער האָט דער־
שנאָפּס, אַז ביי דער סקלאַדניצע זיינען עכטע אָרעלאַנער פּערל פאַראַן. צו־
געזאָגט מעקלעריי, געשיקט נאָך איר יידן מיט יידענעס. און אַז אַלטעלע

איז נישט געקומען, האָט ער זיך נישט געפּוילט און אַליין אַריבערגעגאַנגען צו איר!

— גוט מאָרגן, אַלטעלע. איר קענט מיך גאָרנישט? נישט דערקענט שלום־יודלס זון? איך האָב דאָך ביי אייער מאַן געלערנט. כ׳בין געקומען געוואויר ווערן וואָס איר מאַכט.

אַלטעלע מאַכט זיך נישט ווייסנדיק, ווי נישט איר מיינט מען. זי ווייסט גאָלדשמידס טריפהנע כוונה, דעם ציל פון זיין קומען. זי ווייסט, אַז אויס־נאַרן די פּערל קומט ער איצט. מאַכט זי זיך צורוימען די שטוב, און באַ־מיט זיך אויסצומיידן צו ענטפערן.

אָבער גאָלדשמיד רוט נישט. אַ געפּערלעכער סוחר, דער מיסיע גאָלד־שמיד. נישט אומזיסט און נישט אַזוי לייכט האָט ער זיך אַזאַ פאַרמעגן גע־מאַכט.

זעענדיק פאַר זיך מיט וועמען ער האָט צו טאָן, אַז דאָ קען מען זיך נישט שפּילן, — האָט ער באַשלאָסן אויפצודעקן די קאָרטן.

— כ׳האָב געהערט, אַלטעלע, אַז ס׳איז אייך געבליבן אַ שנור פּערל. אייך וועט עס דאָך נישט נוצן. שוין אויף דער עלטער. איך וואָלט אייך גוט באַצאָלט פאַר זיי. וואָלט מען געקענט אַ קוק טאָן ווי זיי זעען אויס?

דאָס גאַנצע בלוט איז אַלטעלען געקומען אין פּנים אַריין. אַ ווילן האָט פּלוצים אין איר אַ שפּאַר געטאָן, אַ ווילן אָנצונעמען דעם דאָזיקן פאַרשוין און אים אַרויסצוואַרפן ווי אַ הונט, ווי זי האָט דאָס געטאָן אין די אַלטע גוטע צייטן מיט די שיכורע קאָזאַקן, וואָס פלעגן קומען אַ וואָיעוו׳ע טאָן אין סקלאַד. אַפילו דער סאַמאָראָדנער „סטאַרשי" האָט פאַר איר דאָך געצי־טערט!

אָבער פאַרוואָס איז זי אַזוי פּלוצים אָנמעכטיק געוואָרן? פאַרוואָס הערט זי אַזוי די זיסע צוזאָגן פון דעם מסיע גאָלדשמיד?

זאָל דאָס זיין די צוויי טעג, וואָס זי האָט שוין אַפילו קיין ביסן ברויט נישט געהאַט אין איר מויל? אָדער גאָר די זאָרג פאַר די ישיבה־בחורים, פאַר וועמען זי האָט געוואָלט מאַכן אַ סעודה פאַר דעם געלט, אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן?

און געדאַנקען קומען איר אין קאָפּ:

...זי וועט נישט קלערן וואָס שפּעטער וועט זיין. פון דער קיך וועט זיך טראָגן דער היימישער ריח פון גוט געקעכטס. עס וועט שמעקן אין די ווינקעלעך. זי וועט צוריק ווערן אַ נגידיתטע. אַ פאַר וואָכן וועט זי נאָך פילן דעם טעם פון אַמאָליקער רייכקייט. אָרעמעלייט וועט זי געניגן טאָן, אַ פאַר שבתים כאָטש וועט זי אורחים נעמען. זאָלן זיי וויסן ווער אַלטעלע איז. שוין באַלד פאַרגעסן אין אַלטעלען. אַפילו דער גבאי פון די ארץ־ישר־

אלדיקע פושקעס שמעקט שוין אויך נישט אַריין אַ קוק טאָן, צי עס געפינט זיך נישט עפּעס אין דער פּושקע. אָ, זי וועט צו להכעיס פאַר ליכט־צינדן אַריינוואַרפן אַ גאַנצן זילבערנעם גולדן, און שפּעטער דעם גבאי, ראובן־משהס, אַריינרופן!

— נו, זעסטו, אַז אַלטעלע האָט אויך אַ פּושקע פון ר׳ מאיר־בעל־הנס. נו, גיט נאָר אָקאָרשט אַ קוק. עס דאַרף עפּעס זיין...

און שרהלען, דער אַמאָליקער דינסט אירער, וועט זי רופן, דאָס מיידל, וועמען זי האָט אויף אַן אויסשטייער געגעבן, די יתומה, וואָס זי האָט צו דער חופה געפירט. זי וועט איר רופן, בעטן איר נעמען עפּעס אַ לאָבעכטס פאַר איר מאַן, דעם בעל־מלאָכה. זאָל זי אויך וויסן, אַז אַלטעלע לעבט נאָך, די אַמאָליקע אַלטעלע.

און לאַנג, האָט גאָלדשמיד אַזעלכע געשעפטן נישט געמאַכט, ווי ביי אַלטעלע דער סקלאַדניצע מיט די פּערל אירע. נישט גענוג נאָך וואָס ער האָט די פּערל נישט באַקומען, — האָט ער נאָך געמוזט באַצאָלן פאַר אַ דאָקטער אויך.

אַן איינפאַל פון אַ יידענע!

געבליבן שטיין פאַרקלערט אין מיטן שטוב. עס האָט זיך געדאַכט. אַז אָט־אָט גייט זי צו צום קאָמאָד און נעמט אַרויס די פּערל. אירע אויגן, דאַכט זיך, האָבן שוין מסכים געווען צום מסחר. און פּלוצים! באַץ! אַלטעלע איז געפאַלן אויף דער ערד. די אויגן פאַרגלייזט. דאָס בלוט איז אַזש ביי איר פאַרגליווערט געוואָרן.

די צוויי טעג הונגער האָבן, הפּנים, געטאָן זייערס... עס איז אַן אָנגעלויף געוואָרן. מען האָט אַ דאָקטער גערופן.

— דערשעפּט! — האָט דער דאָקטער אָפּגעפּסקנט, און פאַרשריבן אַ רפואה. און פאַר אַלעם האָט מסיע גאָלדשמיד געמוזט באַצאָלן. עס האָט דאָך נישט געפּאַסט.

שוין איין מאָל אַ מסחר געמאַכט!...

דערפאַר, אָבער, איז אַלטעלע גליקלעך וואָס די פּערל זיינען ביי איר געבליבן; זיי וואָלטן שוין אַוודאי ביי גאָלדשמידן געווען, ווען נישט איר חלשן.

ווען זי איז צו זיך געקומען, זיינען אירע ערשטע רייד געווען:

— די פּערל.

און מען האָט פאַר איר געמוזט אַרויסנעמען די פּערל פון קאָמאָד און זיי איר דערלאַנגען. אַלטעלע האָט די פּערל צו זיך געטוליעט, ווי מען טוליעט קינדער, ווען זיי ווערן פאַרבלאָנדזשעט און מען געפינט זיי צוריק.

אַז מ׳האָט איר געפרעגט וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, פאַרוואָס זי האָט געחלשט, האָט זי געענטפערט תמימותדיק:

— גאָט האָט מיך געשטראָפט. איך האָב די פּערל שוין געוואָלט פאַרקויפן. אַ זינדיקער געדאַנק געווען. מען דאַרף האָבן בטחון!

אַ חזן אויף ימים נוראים

אויף וויפל איך געדענק פון מיין קינדהייט, זיינען אין אונדזער שטעטל קיין גרויסע חזנים נישט געווען; עס זיינען געווען בתי מדרשים און שטיבלעך (חסידישע קלויזן). אין די שטיבלעך דאַרף מען דאָך אַוודאי נישט קיין חזן. איך געדענק, אַז ר׳ בנציון ראַבינאָוויטש, אַן אַלטער קאָצקער חסיד, פלעגט נאָכדערציילן, ווי ר׳ מענדעלע פון קאָצק, פלעגט נאָכקרומען די העוויות פון די חזנים מיט זייער צירקלען און „דרייען מיטן האַלדז״. עס פלעגן אַמאָל אויף אַ נאָווינע אַראָפּקומען חזנים פון וואַרשע אין אַ וואָכן־טאָג, פּונקט אַזוי ווי מגידים. געווען אַפילו דער באַרימטער חזן סיראָטאַ פון וואַרשע, איז דער גרויסער אַלטער בית מדרש געווען געפּאַקט, אַ שפּילקע נישט אַריינצושטעקן.

דאָס שטעטל האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען קיין חזן אויף די ימים נוראים. מתנגדים האָבן, נעבעך, געזאָגט אַלץ וואָס איז געווען אין מחזור; נישט אַרויסגעלאָזט קיין פּיוט, קיין מינדסטע תפילה, חסידים האָבן געקורצט נישט אַלץ געזאָגט, האָט טאַקע ביי די מתנגדים לענגער געדויערט דאָס דאַווענען.

אָבער ווי חסידים האָבן זיך נישט גענויטיקט אין חזנים, האָט דאָס גערער שטיבל געהאַט אַ זכיה צו האָבן אַן אייגענעם גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט, אַ בעל מנגן, דאָס איז געווען ר׳ ישראל דוד. ער איז נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנאַל, נישט געקענט אַפילו קיין נאָטן, אָבער ווי האָבן יידן אויף איס געזאָגט: ער האָט „אָרגלען אין האַלדז״. דאָס האָט מען געמיינט, אַז פון זיין האַלדז שפּילן אַרויס אָרגאַנען, פידלען, פלייטן. און סך־הכל איז ער געווען אַ ייד אַ קרעמער, געוואוינט אין אַ קרירסטלעכער געגנט, פאַרהאַוועט אין דאגות־פּרנסה די גאַנצע יאָרן. אָבער אַז ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד — איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער! זיינס אַ „כל נדרי״, טל און תפילת גשם, זיינס אַ הלל — בילעטן צו נעמען!

די ניגונים פלעגט ר׳ ישראל דוד אַראָפּברענגען פון גער, וואו ער פלעגט אַמאָל פאָרן צום רבין און דאָרט זיך אויסלערנען ניגונים, מאַרשן, וואַלאַכלעך. אָבער ער פלעגט אַליין אויך פאַרפאַסן ניגונים און זיי זיינען

געווען אַ סך האַרציקער און שענער פון די ניגונים, וואָס דער ניי אַראָפּגע־ברענגטער שוחט, וואָס דאָס שטעטל האָט נישט לאַנג פאַר דער מלחמה זוכה געווען פאַר אַלע יאָרן צו האָבן, אַ שוחט וואָס האָט גוט געקענט כּאַטן, געהאַט אַ גוטע שטימע און אַליין פאַרפאַסט ניגונים.

אַ חזן דאַרף דאָך אָבער האָבן משוררים, פלעגט ר׳ ישראל דוד צונויפ־נעמען אַ צענדליק פון די חסידישע בחורימלעך, וואָס האָבן אַ חוש פאַר נגינה, און מיט זיי איינחזרן זיינע ניגונים צוגעפאַסט צום דאַווענען. מילא, מיט מאַרשן איז נישט קיין דאגה. ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג בחורל האָב איך שוין געקענט אַ האַלב צענדליק מאַרשן, וואָס די מיליטערישע „קאַפּעליע״, וועלכע פלעגט פאַרבייגיין דאָס שטעטל, „ווער זעלבער גייען און ביקסן שטייען״, האָט אויסגעשפּילט. און אַוודאי האָט זיי געקענט ר׳ ישראל דוד. ער פלעגט זיי איבערניצעווען און צוגעבן אַ חסידישן קנייטש. אָבער אויך אַ סך לירישע ניגונים, האַרציקע ניגונים, האָט ר׳ ישראל דוד פאַרפאַסט פון זכרון — ניגונים, וואָס פלעגן ציפּן ביי דער נשמה, אַרויסרופן טרערן. דער טאַטע מיינער, וואָס האָט טאַקע געדאַוונט אין גערער שטיבל, נאָר איז שוין געווען אַ שטיקל משכיל, האָט דווקא געוואָלט, אַז איך, זיין בן־יחיד, זאָל זיין צווישן די משוררים.

דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז איך גיי אַרום שטענדיק און זינג פאַר זיך. אַז די באָבע האָט מיך אַמאָל מיטגענומען קיין טשעכאָטשינעק, דעם פוילישן קוראָרט פאַר רעוומאַטיקער, האָב איך טאַקע פון דאָרטן אַראָפּגע־ברענגט פאַרשיידענע רעקווזיטן מיט אַן אויפשריפט „טשעכאָטשינעק״ (די באָבע האָט זיי מיר געקויפט): אַ שטעקעלע פאַר מיין וואוקס, פאַרשיי־דענע שקעטעלעך, בלייפעדערס, שרייב־פעדערס. אָבער מער פון אַלץ זיינען מיר געווען טייער די פאַר מאַרשן און ניגונים, וואָס איך האָב זיך אויסגע־לערנט פונעם אָרקעסטער, וואָס האָט דאָרט געשפּילט. און אַז איך האָב זיי אויסגעזונגען פאַר מיין טאַטן, איז זיין שמחה געווען אָן אַ מאָס.

ר׳ ישראל דוד פלעגט אונדז, בחורימלעך, ווי נאָר ס׳איז געקומען דער חודש אלול, יעדן אויפדערנאַכט פאַרבעטן צו זיך אין שטוב. דאָס ווייב פלעגט אָפּקאָכן אַ גריץ פאַר אונדז און נאָכן עסן פלעגט ר׳ ישראל דוד מיט אונדז איינחזרן די תפילות און ניגונים און אונדז נאָך געבן אויפן וועג זיסוואַרג פון זיין קראָם.

די ליבשאַפט פון עולם מתפללים צו ר׳ ישראל דודן איז געווען אין לשער. איך געדענק אַ צייט, ווען ר׳ ישראל דוד איז קראַנק געוואָרן אויף דער בלינדער קישקע (אַפּענדיקס), וואָס האָט זיך נאָך דעמאָלט גערעכנט פאַר אַן ערנסטער קראַנקייט, און געמוזט פאָרן קיין וואַרשע אויף אַן אָפּע־ראַציע. וואָס פאַר אַ האַוועניש עס איז געווען אין חסידים־שטיבל; מען

האָט מיט אים מיטגעשיקט אַ מענטש, און עולם האָט זיך צונויפגעלייגט אויף צו באַצאָלן די שפּיטאָל־קאָסטן. און אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט מען געמאַכט אַ סעודה, צו וועלכער עס זיינען אויך געקומען אַפילו רבנים. און אַז ר׳ ישראל דוד איז געזונט געוואָרן (עס איז פּונקט אויסגעפאַלן פאַר די ימים נוראים), האָט ער נישט געפאָלגט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט אים באַפוילן דאָס יאָר נישט צו דאַווענען פאַרן עמוד. ער האָט ליגנדיק אין שפּיטאָל פאַרפאַסט נייע ניגונים און זיין דאַווענען יענע ימים נוראים פאַרן עמוד איז געווען זיסער ווי שטענדיק.

כאָטש ר׳ ישראל דוד איז נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער חזן, פלעגט ער היטן זיין שטים. אין חודש אלול פלעגט ער יעדן טאָג טרינקען אייער מיט צוקער, כדי ווייסער צו מאַכן די שטים־בענדער.

מיט די היינטיקע טערמינען וואָלט איך באַצייכנט ר׳ ישראל דוד פאַר אַ לירישן באַריטאָן מיט אַן אויסגעצייכנטער קאָלאָראַטור און ברייטן טעמ־בער, כאָטש ער האָט זיין שטים נישט געשאַנעוועט ווי אַ גוטער געניטער זינגער דאַרף דאָס טאָן. ער האָט אַריינגעלייגט די גאַנצע נשמה אין דאַווענען.

ר׳ ישראל דוד איז נאָך דערצו געווען אַ ייד אַ בן־תורה, געלערנט יעדן אָונט בין מנחה למעריב אַ בלאַט גמרא, אויסער וואָס ער פלעגט אַריינקוקן אין חסידישע ספרים, געווען אַ גרויסער בעל צדקה. וואָס, מ׳שטייענסגעזאָגט, האָט ער געקענט געבן פון זיין קאַבצאַנסקער קראָם? אָבער ער פלעגט נישט שפּאָרן קיין כוחות אַרומצוגיין איבער דער שטאָט און צונויפנזאַמלען געלט פאַר אידעלע אָרעמעלייט, אָפּגעקומענע מענטשן, הכנסת כלה, פאַר אַ נשרף, אָ, וואו נעמט מען אַזעלכע חזנים!

ערשט נישט לאַנג געשען...

(מיניאַטורן)

צו שפעט

זיין לעבן האָט זיך געשפּיגלט אין דער לאַנדשאַפט דורכן פענצטער דער ווינט האָט שוין לאַנג דורכגעיאָגט דאָס טראַגישע, דאָס ווייטאָגדיקע, בלעטער זיינען געפאַלן, ביימער האָבן זיך געוואָרפן פאַרצווייפלט, קאַלירן האָבן זיך געביטן כסדר, אַ שטייגער, ווי עפּעס אַ גוטע מאַמעשע האָט וואָלט געביטן די קאָלירן, ווי מען פלעגט אין שטעטל אָנטאָן ווייסע מלבושים אַ קינד אין אַ משפחה, וואו עס האָבן זיך קיין קינדער נישט געהאַלטן, כדי אָפּצונאַרן דעם מלאך־המוות...

ערשט איז ווייס און שטיל. צווייגן הענגען אַראָפּ פון די ביימער רעזיגנירנדע. אַלץ האָט שלום געמאַכט מיטן גורל, זעלטן נאָר גיט זיך אַ ריס אויף אַ ווינט אַרונטער, פּרוּווט ער אַ מיש איבערצוגעבן הימל מיט ערד און זעט אַז ער איז נעבעך אַליין, בלייבט ער אַזוי ליגן איינגעשטילט ביים עק פון גאַס.

ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן גלייכגילטיק אַפילו צו די סאַמע היימישע אינטריגעס וואָס פלעגן אים אַמאָל אַזוי אויפרעגן. אים איז אויסגעקומען, אַז אַלע געזעלשאַפטן, וואָס ער האָט אין זיין מאַרש איבער דער וועלט געביטן, אַלע זיינען ענלעך איינס אויפן צווייטן; אומעטום זיינען דאָ אַזעלכע גוטע ערלעכע מענטשן, וואָס זיינען גרייט צו טאָן אַזויפיל גוטס, און שלעכ־טע, נישט פאַרגינערס, וואָס שטעלן אונטער אַ פיסל. די גוטע זיינען ענלעך איינער אויפן צווייטן און אַזוי אויך די שלעכטע.

טאָ וואָס וויל זי פון אים?

וואָס וועקט זי אַלטע פרילינגען, פאַרגאַנגענע יאָרן, נעכטיקע טעג?

ער האָט איצט פון איר אַ בריוו באַקומען פון ערגעץ ווייט, ווייט פון אויסטראַליע. זי האָט אָפּגעזוכט זיין אַדרעס, זי האָט אים אָפּגעפונען.

זי שרייבט אים אַזוי ראַפינירט קלוג, אַפילו כיטרע, וועגן דעם, אַז איר גאַנץ לעבן איז געווען עפּעס אַ טעות, עפּעס אַזאַ טעות, ווי אַ מענטש נעמט על פי טעות אַ באַן, וואָס גייט אין אַן אַנדער ריכטונג און פּלאָנטערט זיך אין אַ פרעמדער שטאָט און פרעמדע גאַסן, ביז ער ווערט געוואויר דעם ריכטיקן צוג מיט וועלכן ער דאַרף זיך קערעווען צו זיין ציל. אַלץ ביי איר איז אַוועק פונקט דער היפוך ווי ביי אים. איר לעבן איז איין לאַנגער פרי־לינגס שפּאַציר; קיין איין זיג־זאַג, קיין איין פּלאָנטער, זי האָט פאַרענדיקט

דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט ווי אַ כעמיקערין און איר מאַן איז אַ באַ־
קאַנטער מעדיציניער; זיי האָבן צוויי שיינע, אינטערעסאַנטע און הויך־באַ־
גאַבטע טעכטער, אָבער ערשט פאַרשטייט זי אַלץ מער, אַז זי האָט אים
געליבט, אים, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז געווען דער היפוך פון אירס. שטענ־
דיק אין וואַנדער און וואָגל — וואָס אַזוי פיל מענטשן האָבן נישט ליב
געהאַט פאַר זיינע קאַפּריזן. זי בעט אים ער זאָל איר שרייבן אַ בריוו און
ביילייגן כאָטש אַ קליינעם אַקוואַרעל פון זיינע מאָלערייען.

ער דערמאָנט זיך, ער דערגראָבט זיך צום סאַמע אָנהויב פון זייער
באַקאַנטשאַפט, צו דער מאָלער־שול און צו דער קונסט־אַקאַדעמיע איז נאָך
געווען זייער ווייט.

ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ חסידיש בחורל פון דער פּראָווינץ,
וואָס האָט געוואוינט ביי משפחה אין וואַרשע און אָט ביי דער משפחה, ביים
טאַטן דעם קליינעם פאַבריקאַנט איז זי, די שטיפערישע סאַבע געווען איינ־
געראַמט ווי אַ בילד אין אַ פרעמדער ראַם. די גאַנצע סאָלידע שטוב איז
געווען דער היפוך צו איר ווילדקייט.

ער געדענקט. זי איז נאָך דעמאָלט אַ 15־יאָריק מיידל געווען, וואָס
איז געגאַנגען אין גימנאַזיע, ווי יונג ער איז געווען, האָט ער אַזוי טיף און
אַזוי גאַנץ דערזען איר שוואַכקייט! איר שיינקייט איז געווען אַזאַ נישט דאַ־
איקע, ער האָט אָט די שיינקייט שפּעטער ווי אַ מאָלער געפּרואווט צו פאַנגען
אויף דער ערד פון אַלץ פון אַלץ אַראָפּ: פון בריקלעך איבער וואַסערן, פון
פאַרטראַכטע פרימאַרגנס, פון צעגליטע דעמערן, פון צופעליק פאַרבייגייענ־
דיקע געזיכטער, פון אַ שווערסטערל, וואָס פירט אַ יונגן ברודערל ביים האַנט;
פון גרויזאַם־שיינע און ווילדע שטעט. פון שטילע, שנייאיקע רעזיגנירנדיקע
פייזאַזשען.

סאַבען האָט ער מאָדנע ליב געהאַט צו באַגעגענען ווען זי קומט פון
שול מיט איר צעפלאַטערט וועלדל האָר אויפן קאָפּ און מיט איר פאַררויטלט
געזיכט. וועלכן אַ געהיימע האַנט האָט עפּעס אינמיטן ווי אַ קנייפּ געטאָן
און געמאַכט דערין ווייסע פלעקן איןביידע באַקן.

ער, לערנענדיק אין אַ וואַרשעווער ישיבה, האָט נישט געהאַט אַזאַ
ראַניעץ מיט ביכער צו טראָגן אויף דער פּלייצע; ער פלעגט דאָך זיך באַ־
מיען צו קומען מיט עטלעכע ספרים אונטערן האַנט צום מיטאָג פּונקט ווי זי.

פאַרוואָס האָט זי אַזוי ווייניק אַכט געלייגט אויף אים? זי האָט מסתמא
נישט געוואוסט, אַז דאָס איז זיין ערשטע ליבע; אַז ער לעבט מיט איר
בליק; אַז ער פאַרשט נאָך איר יעדער קער און ווענד און יעדער שטרך
פון איר איז אים טייער ווי ליבעס געפּליסטער, ווי עפּעס אַ באַזונדער
שפּראַך.

ער איז געווען אַזוי אייפערזיכטיק צו די אַלע ייִנגלעך מיט די גלאַנציקע

דאַשיקעס, וואָס פלעגן קומען צו איר טיילמאָל זי אָוועקנעמען פון שבתדיקן טיש. דער טאַטע פלעגט שרייען, אָבער זי פלעגט נישט הערן.

ער האָט שוין דעמאָלט זיך „נאַריש געמאַכט" מיט צייכענונגען. ער פלעגט אַלע זיינע חברים אויף די שער־בלעטער פון די גמראס אויסגראַווירן זייער נאָמען; באַמאָלן די ווענט פון ישיבה; און איינמאָל, ווען סאַבע איז געזעסן און געמאַכט די לעקציעס, זי געמאָלן.

ער האָט זי געמאָלן אָפּגעריסן פון די ביכער. אַ שטיפערקע, אַ פריילעכע, אַ שטענדיק לאַכנדיקע, ווי זי איז געווען, עפּעס ווי זי וואָלט זיך גע־גליטשט אין אַ ווינטערדיקן וועטער. ער האָט שעמעוודיק איר געוויזן די צייכענונג. זי האָט די צייכענונג גענומען ביי אים, זיך אַ רויטל געטאָן און באַשטעטיקט די שטאַרקע ענלעכקייט. אָבער זי האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט, זי איז וויטער געגאַנגען מיט אירע בחורים.

און שפּעטער אַפילו, ווען ער איז שוין פון דער ישיבה אַוועק און געלערנט אין דער קונסט־שול און די גאַנצע משפּחה האָט שוין געוואוסט, אַז ער שניידט זיך פאַר אַ מאָלער, פלעגט זי נאָר אַ פּאָר ווערטער מיט אים אויסטוישן. אַ פּאָר מאָל פאַר אים פּאָזירט און איין אייל־בילד זיינס אַפילו אויפגעהאַנגען אין איר צימער, אָבער זי איז געווען גלייכגילטיק צו אים.

און אַזוי איז געשען, אַז זיי האָבן זיך דערווייטערט. זי האָט שטודירט אויף דער אוניווערסיטעט און ער אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. ער האָט געלעבט אין דער קונסט און מיט אַזאַ לייכטקייט געמאַכט אין לעבן איין פעלער נאָכן צווייטן. ער האָט אַ סך געוואַנדערט, אַ סך געזען, געוואַקסן ווי אַ קינסטלער און אַלץ מער געוואָרן אומגליקלעך אין פּערזענלעכן לעבן.

ער האָט זיינע פּערזענלעכע טראַגעדיעס געשטילט אין דער קונסט. ער האָט זיך אַליין איבערצייגט, אַז ער האָט סאַבען, זיין יוגנט־ליבע, נישט נאָר פאַרגעסן, נאָר אַפילו באַמיט זיך אויסצואוואָרצלען פון זיין האַרץ. זיין אייגנליבע האָט עס אים אונטערגעזאָגט, כאָטש זיין קינסטלערישער חוש האָט עס געלייקנט און אין יעדן געמאָלענעם שיינעם פרויען־פּאָרטרעט איז עפּעס געווען פון זיין ערשטער ליבע, פון סאַבען.

ערשט לייענט ער סאַבעס בריוו אויפן בלאָען ביבעלע־פּאַפּיר. צען זייטן, מער, צוועלף זייטן האַלט דער בריוו. אַ סך־הכל פון איר לעבן. אַזויפיל נישט נויטיקע פּרטים זיינען דאָ אינעם בריוו! זי האַלט זיך אין איין פאַר־ענטפערן פאַר דעם, וואָס זי איז געווען דורך אַלע יאָרן גלייכגילטיק צו אים.

ער וויל זיך דערמאָנען אַלע גרויסע ראָמאַנען, קלאַסישע ראָמאַנען, ער זאָל עפּעס ענלעכס געפינען און פאַרשטיין די סיבה מיט וואָס עס קען דערקלערט ווערן, וואָס אַ פרוי אין די שפּעטע פערציקער, זאָל זיך פּלוצעם דערמאָנען אַ ליבע, וואָס מען האָט איר געליבט. אַוודאי וועט ער איר דאַרפן ענטפערן .

ער קוקט אַרויס דורכן פענצטער אין וועלכן עס קוקט אַריין דער שטי־לער, שנייאיקער פּייזאַזש. אַלץ איז אַזוי קינדעריש־נאַאיוו, שטיל און פֿאַרגלויבט. מאַשינעס האָבן דעם שנייאיקן אַספֿאַלט אויסגעווירעוועט מיט ליניעס ווי אין אַ קינדער־העפֿט. הייזער דרימלען ווי אונטער פּערענעס. אַ וואַראָנע רייסט פֿון צייט צו צייט איבער די שטילקייט מיט איר קראָען און ווידער שטיל און שאַ.

און ער טראַכט; צו שפּעט! צו שפּעט אָנצוהויבן פֿונדאַסניי. צו שפּעט איז איר בריוו געקומען.

דער ריינער ליילעך

אין דער שיינער באַלעבאָטעשאָפֿט פֿון איר ניו־יאָרקער הויז זעט אויס די שיינע ברונעטע פֿרוי ווי אַ פּאָרטרעט איינגעראַמט אין אַ פּרעכטיקער ראַם. אַלץ אָטעמט דאָ מיט מי און פֿלייס. אַלץ וואָס גלאַנצט, וואָס שפּיגלט, וואָס איז אויסגעשייערט, וואָס בלאַנקט — איז אַ טייל פֿון איר אַרבעט.

איר דערציילונג איז ווי שטורעם־ווינט וואָלט אויפֿגעריסן ערגעץ אַ פֿענצטער, איבערגעדרייט אַלץ אין שטוב, אָנגעמאַכט אַ חורבן. עס איז אַ דערמאָנונג פֿון דער שווערער צייט, פֿונעם נאָענטן „אַמאָל".

עס איז געווען אין די שווערע מלחמה־יאָרן אין רוסלאַנד אַרום 1943. די היטלעריסטן האָבן פֿאַרניכטעט די הויפּט־שפּייכלערס פֿון שפּייז; טויזנ־טער פֿאַרמס זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער ערד; דאָס לאַנד האָט געהונגערט, די פּליטים פֿון פּוילן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין אוז־בעקיסטאַן, האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן. עס האָט געבושעוועט אַ מגפֿה פֿון טיפֿוס.

זי, אָט די שוואַרץ־חנעוודיקע פֿרוי, איז אויך קראַנק געוואָרן אויף טיפֿוס, און דעמאָלט האָט זי דעם מאַן אירן געבעטן אין געבעט — זי וואָלט געוואָלט האָבן אַ ווייסן ליילעך אַרום איר לייב, זי וויל נישט שטאַרבן אין שמוץ.

אַ ווייסער קלאָרער ליילעך! — דאָס איז ביי איר געווען אַזאַ פֿאַרלאַנג ווי ביי אַ טראָגעדיקער פֿרוי עפּעס אַ לאַבעכץ, עפּעס אַ ספּעציעל מאכל, וואָס פֿאַרווילט זיך איר און מען מוז דאָס פֿאַרשאַפֿן, ווייל אַ נישט וועט זי מפּלען.

אָבער וואו שאַפֿט מען אין אַזאַ צייט אַ ווייסן ליילעך?

מען קאָן אים באַקומען אין שפּיטאָל, אָבער עס זיינען פֿאַראַן אַזוי פֿיל

קראַנקע אין שטאַט אויף טיפוס, אַז אין שפּיטאָל נעמט מען נאָר אָן מיט פלעק־טיפוס, וואָס איז געפערלעך און אָנשטעקנדיק.

ס׳האָט, ווי שטענדיק, אין אַלע מעשיות זיך געפונען עפּעס אַ גוטער מענטש, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט מען זאָל זי אַריינגעמען אין שפּיטאָל.

קיין פלעק־טיפוס האָט זי טאַקע נישט געהאַט, די טעמפּעראַטור איז ביי איר אויפן פינפטן טאָג געפאַלן און ווען נישט דער גוטער מענטש, אין דער פּערזאָן פון אַ דאָקטאָר אַ מענטשן־פריינד, וואָלט מען זי פון שפּיטאָל אַרויסגעשיקט. דעם וויסן קלאָרן ליילעך האָט זי שוין געהאַט, זי איז געווען אויסגעצוואָגן און אַרומגעוואַשן.

אָבער דאָ האָט זיך ביי איר דערוועקט אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן. די פיס זיינען טאַקע ביי איר געווען געשוואָלן אָבער זי האָט דאָס געשווי־לעכץ פאַרטריבן מיט איר שטאַרקן ווילן.

שוין אַ סך יאָרן פאַרביי פון דער דאָזיקער געשעעניש אין איר לעבן, אָבער יעדעס מאָל — דערציילט זי מיר — ווען זי טוט איר טעגלעכע באַלע־באַטישקייט אין שטוב, פאַרבעט די בעטן, בייט דאָס בעט־געוואַנט און שטויסט זיך אָן אין אַ ליילעך, דערמאַנט זיך איר די פּאַסירונג.

ווי מאָדנע דאָס מענטשלעכע לעבן איז, ווי ווייניק אַ מענטש ווינטשט זיך אין אַ נויט, און ווי פיל, זייער פיל ער דאַרף, ווען עס איז אים גוט!

צו זיך אַליין

פאַרסט אַ לאַנגן וועג, 3,000 מייל און — קרעכצסט מענטשל.

דער צוג איז דער מאָדערנסטער, וואָס קען נאָר זיין. „על קאַפּיטאַן" הייסט ער. לופט־ווענטילאַציע, פאַרסט אויפן איבערשטן שטאָק פון דעם באַן. און אַ זאַל איז פאַראַן אין צוג, וואו דו קענסט זיצן ווי ביי זיך אין דערהיים, לייענען און שרייבן.

אָבער דאָס איז אַלץ נישט גוט מענטשל — אַ, ווי דיין זכרון איז שוואַך!

געדענקסט נישט, האָסט פאַרגעסן דעם 5,000 קילאָמעטער־דיקן וועג פון טורמע צום לאַגער. אַ קראַנקייט, אַ משוגעת, וואָס ספּעציאַליסטן האָבן זי גערופן מיטן נאָמען „די טעג פון סטאַליניזם". דאָקטוירים, וואָס ווילן נישט אויסזאָגן דעם חולה, אַז ער האָט קענסער, האָבן עס גערופן אידל: „סטאַלין־קולט".

ביזטו געלעגן איינגעפּאַקט אין אַ סטאָליפּין־וואַגאָן (אויפן נאָמען פון אַ צווייטן סאַטראַפּ, אַ צאַרישן) און געצאָלט דריי רובל פאַר לאָזן משתין זיין אין עמעצנס אַ קאַלאָש. ווייל דער וועכטער האָט נאָר געפירט 3 מאָל אַ טאָג אין בית הכסא (אין אָפּטריט) און דאַן האָט מען געגעבן עסן גע־

זאַלצענע פיש, וואָס נאָך זיי האָסטו אַ סך געטרונקען, האָסטו דאָס שטיקל ברויט אַוועקגעגעבן פאַרן וואַסער.

ווען דו האָסט זיך צוגעקראָגן צום פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, געוואָלט זען כאָטש אַ פיצל הימל אויף וואָס האָסטו באַדאַרפט דעם הימל? און זע, מענטשל, וואָס עס האָט דיך אַלץ פאַראינטערעסירט?

...די אויסגעצויגענע העלדזער פון פערד אויף פעלדער, צופנדיק מיט די ציינער דאָס גראָז. — ס'איז אַזוי שיין! — האָסטו אַ שכן געזאָגט יאָ, עס איז באמת געווען שיין, אַזוי שיין! פון אַרעסטאַנטן־צוג מיט דעם עיפוש אין אים האָט זיך נאָך געצויגן ווי אַ לענגלעכע קאַלוזשע אומריינקייט, ווי אַ באַלעבאָסטע וואָלט עס אַרויסגעגעסאָן פאַרן טיר.

ערשט ביזטו דאָ מיט פולע טייסטערס גאָלד פון דער שקיעה דער שיינער, וועלכע קוקט צו דיר אַריין אין מאָדערנסטן וואַגאָן דורך די גלעזערנע ווענט אָנשטאָט פענצטער. און דו קרעכצסט נאָך אַלץ, נאַריש מענטשל. אָרעם, נאַריש מענטשל!

פ ר י י ה י י ט

מיר זיינען שוין אייגנטלעך געווען פריי, ווי אַמנעסטירטע. מען האָט אונדז איבערגעפירט אין אַ לאַגער, וואו מיר האָבן קיין שווערע אַרבעטן שוין נישט באַדאַרפט טאָן, נאָר זיך אַליין באַדינען: ברענגען האָלץ פון וואַלד, צעהאַקן דאָס האָלץ, אָנטראָגן וואַסער פאַר דער קיך, פאַר דער באָד, טאָן קיך־אַרבעטן לויט דער ריי, ווייל קיין שטענדיקן קוכער האָבן מיר נישט געהאַט. יעדער טאָג זיינען מענטשן אָפּגעפאָרן אין אַן אַנדער לאַגער וואו מען האָט דערליידיקט די דאָקומענטן אויף באַפרייט צו ווערן.

אין אונדזער איצטיקן לאַגער האָבן מיר געהאַט רעכט אַפילו אויף עטלעכע שעהן אַרומצושפּאַצירן אַרום אין דער געגנט אין פרייער צייט אויף אַ שטח פון 15 מייל, זיך נאָר נישט פאַרשפּעטיקן, צו קומען נישט שפּעטער ווי 10 אַוונט.

אַרום האָבן געוואוינט מענטשן וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּקומען פאַרשיקונג שוין נאָכן לאַגער. ווער אויף 5, ווער אויף 10 יאָר. טייל האָבן דאָ חתונה געהאַט, געבוירן קינדער און שוין נישט געוואָלט מער פאָרן אויפן מאַטעריק: כאָטש עס איז שוין געווען צוויי יאָר נאָך סטאַלינס טויט, איז די שרעק נאָך אַלץ פאַרוואָרצלט געווען אין די הערצער און מען האָט אַלץ געהאַלטן חשבון, אַז „איידער מען זאָל אונדז צוריקשיקן אַזאַ וויטן וועג — איז קאַראַנטער דאָ צו זיין, און וואָס ס'וועט געשען וועט געשען. איך בין שפּע־

טער געווען פריי צו פאָרן, וואו איך וויל, אָבער די פּאָר חדשים „פרייהייט" אויף 15 מייל, וואָס איז געקומען נאָך אַזויפיל יאָרן אָפּפינצטערן אין טורמעס און אין לאַגערן האָב איך ווי קיינמאָל שפּעטער נישט אַזוי גליקלעך געפילט אין דער גאַנצער מאָס.

יעדעס מאָל ווען איך בין דורכגעגאַנגען די וואַכטע פון דעם נייעם לאַגער, האָב איך זיך געפילט מעשה זיגער. קודם זיצט אין דער בודקע אַ היימישער, נישט קיין וועכטער נאָר אַ געוועזענער אַרעסטאַנט, וואָס פאַר־צייכנט נאָר דיין נאָמען ביים אַרויסגיין און צוריקקומען. ער פרעגט דיר נאָר פריינדלעך ווען עס וועט שוין אייגנטלעך קומען דיין רייע פון דאַנען אָפּ־געשיקט צו ווערן און דער עיקר: קענסט גיין אין דעם שטח פון די 15 מייל וואוהין דו ווילסט. געווען אַ סך אינטערעסאַנטע מענטשן אַרום, אַ סך פון דער „יעזשאָווטשטשינע" נאָך פון 1937 אַרעסטירטע.

יונגוואַרג האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט מיידלעך און אייניקע יונגע פרויען וואָס האָבן געאַרבעט מייסטנס אַרום דער אייזנבאַן, רייניקנ־דיק די ליניעס פון שניי אין ווינטער און זומער — נאָכקוקנדיק און אויס־פּרובירנדיק די אייזערנע רעלסן מיט העמערלעך.

ביי איינער פון די מיידלעך, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע אַכצן־יאָריקע מויד, איז עס פּלוצעם געשטאָרבן אונדזער אַ יונגער בחור, וואָס האָט באַקומען דורך די עטלעכע יאָרן לאַגער אַ שווערע האַרץ־קראַנקייט איז געשטאָרבן פּלוצעם פון „ליבע".

די אויספאָרשונג איז געווען די לייכטסטע וואָס איך האָב געזען פאַר אַלע מיינע יאָרן לאַגער. מען האָט נאָך איין מאָל אויסגעפרעגט דאָס מיידל און איר געלאָזט פריי. מען האָט נאָר באַדאַרפט אויספילן פּאַפּירן אויפן נאָמען פון געשטאָרבענעם און אַראָפּנעמען פינגער־אָפּדרוקן פון זיינע טויטע פינגער. דער יונגער בחור האָט געוואָלט מיט זיך דאָס מיידל מיטנעמען קיין אוקראַינע. איך האָב דאָס מיידל געזען אַן אַכט טאָג שפּעטער און זי איז געווען פריילעך ווי גאַרנישט וואָלט פּאַסירט און זיך שוין געהנדלט צו אַנדערע בחורים. פּאַר די פּאָר חדשים האָב איך שוין דאָ אַלע אַרום געקענט. מיין צוקונפט איז נאָך געווען אַזוי אומזיכער און טונקל, אָבער דאָס געפיל פון גיין אָן אַ וועכטער איז געווען ביי מיר אַזוי ניי און ערשטיק, אַז איך פלעג מאַכן שפּאַצירן מיילן ווייט, גלאַט אַזוי; זיך אָפּשטעלן ביי יעדן ווייטן בוים, זיך איבערצוויטשערן מיט די פייגל, שליסן פריינדשאַפט מיט הינט, נאָכקוקן לאַנג, לאַנג פאַרבייפאָרנדיקע צוגן, שפּילן זיך מיט קינדער, זיצן ביי אָרעמע מענטשן אין כאַטעס, וואו עס ברענען נאָך נאַפט־לעמפּ, זיך „מיטכאַפּן" גלאַט אַזוי מיט אונדזערע וועגענער נאָך ברויט אין אַ דערביי־איקן לאַגער און צוריקקומען נישט פריער ווי 10 אין אָוונט, די לעצטע מינוט איידער מען שליסט אָפּ אונדזער לאַגער.

איך האָב ווי קיינמאָל נישט געפילט אַזוי דעמאָלט מיצקעוויטשעס (און יאַן קאַכאַנאָווסקיס) פאַרגלייך פון געליבטן און טייערן מיטן געזונט, אַז קיינער קען דאָס געזונט אַזוי נישט שאַצן ווי דער וואָס האָט עס אָנגעוואוירן.

די איינציקע טאָכטער

אויף אַלע בריוו, וואָס מאַדאַם שטיינהאַלץ האָט געשריבן צו איר טאָכטער קיין ניו־יאָרק, האָט זי כסדר באַקומען דעם זעלבן ענטפער: איך וועל צוריק קיין דייטשלאַנד נישט פאָרן! עס האָט נישט געהאָלפן דאָס געבעט פון דער מאַמען, אַז עס באַקומט איר נישט דאָס רייכקייט אָן דער טאָכטער, דאָס איינציק קינד לוסיע, דאָס עטלעכע צוואַנציק יעריק מיידל, וואָס איז אַוועק קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק דעם טאַטן, דעם דאָקטאָר, מיט זיין גרויסער פּראַקטיק צו וועמען מען דאַרף באַשטעלן אַ וויזיט אַזש אַ חודש פריער; און דער מאַמען, וואָס מיט אַלע אירע קאַפּריזן, איז זי דאָך אַ געטרייע מאַמע.

ד״ר פּעטער שטיינהאַלץ, דער דייטשער ייִד, וואָס איז באַלד ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אַוועק קיין ארץ־ישראל און שפּעטער חתונה געהאַט מיט דער שיינער מיידל פון קיבוץ, די הייניטיקע מאַדאַם שטיינהאַלץ, האָט באַלד נאָך דער מלחמה געוואָלט צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען אין דער מדינה און ס׳איז אים געגאַנגען גאַנץ גוט. אָבער דערווייל איז די קליינינקע לוסיע אַ טראָפּן אונטערגעוואַקסן, אָנגעהויבן גיין אין שול און נישט געלאָזט די עלטערן אַוועקפאָרן. געוויינט טאָג און נאַכט, אַז זי וועט פון ישראל זיך נישט רירן.

געפאָרן איז מען ערשט אין די פופציקער יאָרן. ד״ר שטיינהאַלץ האָט זיך גיך דערוואָרבן זיין מעדיצינישע פּראַקטיק און די מאַדאַם שטיינהאַלץ האָט זיך אויך גיך צוגעוואוינט צו איר נייער סיטואַציע. איר איז געפעלן געוואָרן איר ניי גרויס הויז מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען, און די רייכע פּאַציענטן וועלכע בעטן זיך מיט אַזאַ הכנעה אָנצוקומען צום דאָקטאָר. אָבער לוסיע, די טאָכטער, האָט זיך כסדר געפילט אין דער פרעמד. זי האָט זיך מיט קיינעם נישט געחברט און אויף קאָנצערטן איז זי מיטגעגאַנגען נישט גערן. באַזונדער איז איר געווען דערווידער איר מוטערס סנאָביזם, דאָס אַרומצירן זיך מיט גאָלד און זילבער און איר „שפּריכן״ דויטש, כאָטש זי האָט גערעדט דייטש פול מיט גרייזן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז זי אַוועק קיין ניו־יאָרק ווי אַ סטודענטין, געאַרבעט אין אַ קליידער־געשעפט

און זיך געלערנט פאַר אַ נוירס, געשטרעבט פון דאַנען צוריקצופאָרן קיין ישראל. און ענדלעך האָט די מאַמע נישט אויסגעהאַלטן, אַראָפּגעקומען קיין ניו־יאָרק זיך זען מיט דער טאָכטער, זי איבעררעדן צו פאָרן מיט איר קיין דייטשלאַנד.

פאַרפאָרן איז זי צו איר אַלטער מומען, דער מאַמעס שוועסטער, גיטעלע, וואָס פלעגט אַ שטיק פאַר דער מלחמה שיקן אַ פאָר דאָלאַר דער אָרעמער שטוב פון איר מאַמען אינעם קליינעם פוילישן שטעטל.

איצט איז שוין גיטעלע אַ זקנה און לעבט ביי די קינדער. מאַדאַם שטיינהאַלץ האָט ערשט פאַר אַלע יאָרן געוואָלט באַווייזן איר משפּחה צו וואָס זי האָט דערגרייכט. זי איז דורכגעפאָרן איטאַליע און זיך אַרומגעהאַנגען מיט אַזויפיל צירונג, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ שיינע גיפּס־פיגור אין אַ צירונג־געשעפט. די איינפאַכע, פשוטע מענטשן, אירע קרובים, איז געווען דערווידער אירע קליידער אין וועלכע זי האָט זיך פאַרקנאַקט ווי אויף אַ באַל.

זי האָט גערעדט איר „דייטש" און דערציילט די וואונדער פון איר שטאָט אין דייטשלאַנד און אַז איר מאַן רופט מען נישט אַנדערש ווי „הער פּראָפעסאָר". זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ אויף די צרות, וואָס זי האָט פון איר איינציקער טאָכטער, לוסיע. דאָס לעבן האָט דאָך איר, מרימען, ערשט פאַרגיטיקט פאַר אַלע יאָרן אָרעמקייט. וואָלט נאָר די טאָכטער געוואָלט זיין מיט איר.

— מרימל, — האָט די אַלטע גיטעלע פון דער זייט אַזוי אַ פרעג געטאָן — און פאַר וועמען, אַ שטייגער, וועסטו עס אויסגעבן דיין בת־יחידה אין דייטשלאַנד? פאַראַן דען כאָטש איין לייטישער בחור אין איר עלטער?

מאַדאַם שטיינהאַלץ איז נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער און אויס־גערעכנט אַ צעטל פון בחורים, וואָס זייען איר לוסיען נאָכגעלאָפן אין דייטשלאַנד: איין בחור איז אַ זון פון אַ פּראָפעסאָר אויפן אוניווערסיטעט; איינער איז אַן אַדוואָקאַט, און איינער...

לוסיע האָט טרויעריק צוגעשמייכלט צו אַלעם, וואָס איר מאַמע האָט דערציילט. איר איז נישט ווייניקער ווי דער משפּחה, פרעמד געווען די גאַנצע אויפפירונג דער מאַמעס, איר איבערגעטריבענער שמוק אין וועלכן זי האָט זיך אויסגעשטראַצלט; איר צעבראָכענער דייטש, וועלכן זי האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן; איר רימען זיך, אַז מען נעמט זי כסדר אָן ווי אַן עכטע דייטשקע. און אומגעריכט פאַר דער מאַמען אַ זאָג געטאָן:

— נעם, מאַמע, אַלצדינג, נעם מיט דעם טאַטן און פאָרט צוריק קיין ישראל, אויב איר ווילט מיך זען. איך האָב זיך שוין באַקענט מיט אַ בחור

פון ישראל. ער שטודירט דאָ אין אַ קאַלעדזש, מיר וועלן צוזאַמען אַהינפאָרן, פאַרשטאַנען?....

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

... מאַדאַם שטיינהאָלץ איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. דאָס גאַנצע ביסל אָנגעהאַנגענע צירונג אויף איר האָט זיך ווי אויסגעלאָשן; איר באַל־קלייד האָט אויסגעזען ווי דאָס קלייד, וואָס זי פלעגט לייען ביי אַ חברטע, ווען זי, מרים, האָט באַדאַרפט אַרומגיין איבערן שטעטל מיט אַ בלומען־פאַרקויף פאַר דער שטעטלדיקער ביבליאָטעק...

דער פאַרברעכער

דער טאָג הויבט זיך אָן ביי אים מיט פאַשען די טויבן. אויף קיין גאַס אין שטאָט איז נישטאָ אַזויפיל טויבן ווי אויף מיין גאַס. דאָס האָט ער עס צונויפגעבראַכט די דאָזיקע פייגל; אַ העלפט פון זיין ברויט צע־קרישלט ער פאַר זיי. די טויבן זיינען שוין אַזוי צוגעוואוינט צו אים, אַז זיי עסן גלייך פון זיינע הענט אַרויס. ער אַרבעט אין די נעכט ערגעץ אין אַ פאַבריק און אַ גאַנצן טאָג, נאָכדעם ווי ער שלאָפט אָפּ די פאָר שעה, טראָגט ער אַנטקעגן יעדן איינעם אַ ברייט צעשמייכלט פּנים. זיין מאַשין איז גרייט יעדן איינעם צו פירן וואו ער וויל.

ער איז שוין אין די זעכציקער, אָבער ער זעט אויס יונגער. זיינע הענט זיינען נאָך שטאַרק גענוג און קרעפטיק. ער העלפט זומער־צייט זיינע אַלטע שכנים שניידן די גראָז פאַר די הייזער און אויף די הויפן; ווינטער שאַרט ער אָפּ דעם שניי, און דאָס אַלץ טוט ער אָן געלט.

ער וואוינט אַליין אין אַ קליינער הייזקע און כ׳זע נישט עמעצער זאָל צו אים אַמאָל קומען. ער פאָרט נאָר איינמאָל אין יאָר צו זיינער אַ שוועסטער אין וויסקאָנסין און קומט צוריק אַ טרויעריקער, איינגעשלאָסן אין זיך.

ער איז נישט צופיל באַריידעוודיק. אָבער שכנים וויסן צו דערציילן, אַז ער איז לאַנגע יאָרן אָפּגעזעסן אין אַ טורמע פאַר אַ פאַרברעכן: שלאָגן אַ מענטשן, אַז יענער איז געוואָרן אַן אייביקע קאַליקע.

איז עס אמת? קען דער זעלבער מענטש זיין היינט אַזוי וואונדערלעך מענטשלעך און גוט?

אָט באַלד וועט ער העלפן די קליינע קינדער אויף די הענט אַריינטראָגן אין שול־באַס.

שפעט זומער

איך האָב ליב די קליינע אַמעריקאַנער שטעטלעך; דאָרט וואו מען ריינגלט נאָך אַרום דעם באָס ווען ער קומט אָן; דאָרט וואו מען זיצט נאָך אויף די שוועלן פון די הייזער; דאָרט וואו מען האָט נאָך אַלץ אַזוי פיל צייט, כאָטש מען גייט נישט ליידיק; דאָרט וואו די קליינע צווינטערס זיינען ביי די סאַמע הייזער, און לעבן און טויט גיבן זיך די הענט. דאָרט וואו אַ שטיק לעבן ווערט אַריבערגעטראָגן איבדרויסן; דאָרט וואו מען גאַפּיעט נאָך מיט חידוש; דאָרט, וואו מען בענקט נאָך נאָך דער גרויסער שטאָט ווי אַ יונגיק מיידל נאָך אַ געליבטן, וואָס איז „דער שענסטער, דער מעכטיקסטער אין דער וועלט", דאָרט וואו מען טראַכט אויס אַזעלכע שיינע ליגנס וועגן דער גרויסער וועלט. ס'איז שפּעט זומער. אַוועק, אַוועק שוין די אַלע אויפגייענדיקע זונען — פּייערלעכע ווי הימנען, די אַלע פאַרנאַכטן, וואָס שפּיגלען זיך אין ווייטע וואַסערן, און זוניקע טעג ווי צעגאָסען זילבער און די גרויסע כוואַליעס פון גרין וואָס האָבן געשטראַמט פון אַלע זייטן. דאָס אַלץ איז פאַרביי, האָט זיך אָפּגעוויגט, פאַרוויגט אין דער וועלט, און געבליבן איז אַ פאַרנאַכט, אַזאַ קילער, פאַרטראַכטער הימל מיט אַ קאָליר וואָס האָט קיין נאָמען נישט, אוןביימער, וואָס וויגן מיט די צווייטן ערשטע פאַרגעלטע בלעטער ווי הענט ביים געזעגענען.

גאָר, גאָר נאָענט איז אַ פאַרם פאַראַן און פויערים פירן אַריין דאָס גוטס פון די פעלדער אין די שייערן. די שלאַנקע העלדזער פון פערד בויגן זיך צו דער ערד פאַשנדיק זיך. קי פאַרגאַפן זיך אויסגלאָצנדיק די אויגן אין דער ווייט.

איך וועל אַראָפּ אויף אַ ווייל, זיין דאָ אַ פּאָר שעה און וואַרטן אויפן צווייטן באָס.

איך וועל זיך אויסמישן מיט די מענטשן, אַריין אין אַ קליין רעסטאָראַנדל, ענטפערן אויף פראַגן וואָס מען הערט אין דער גרויסער וועלט, אַרויף אויפן פאַרם שמעקן פרישן היי, בעטן אַ פויערטע זי זאָל מיר אָנמעלקן וואַרעמע מילך פון אַ קו (נישט מיט דער מעלק-מאַשין) און הערן דעם זיסן קלאַנג פון די שפריצן מילך אין קאָן ווי געבענטשטן רעגן אין די נעכט.

טויבן

ווי טרויעריק ווערן מיר, ווען אונדזערע חלומות ווערןווירקלעכקייט! די שענסטע ווירקלעכקייט איז נישט אַזוי שיין ווי דער חלום. פון מיין פריעסטער יוגנט האָב איך ליב געהאַט טויבן, איך האָב זיי געקאָרמעט און זיי פלעגן נעמען שפייז גלייך פון מיין האַנט אַרויס.

איך האָב ליב געהאַט זייער וואָרקען, זייערע ליבעס, וואָס האָבן קיינ־מאָל נישט קיין סוף.

וויפיל האָב איך זיך אַלץ נישט אָנגעלייענט וועגן טויבן. אונדזערע שענסטע און בעסטע ווערן דאָך צו זיי פאַרגליכן.

אַנומלט איז אַ טויב אַוועקגעפאַלן ביי מיין פענצטער. אָט אַזוי, כמעט אין פלי, אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד מיטן רוקן, אַביסל אַ צאַפּל געטאָן און געבליבן ליגן מיט די רויטע פיסלעך אויסגעשטרעקט צום הימל. אַ טאָג נאָכאַנאַנד זיינען די טויבן, וועלכע איך האָב געוואָרפן שפּייז, אַרומגעגאַנגען, אויסמיידנדיק די אומגעקומענע טויב. שפּעטער האָב איך באַמערקט ווי אַ טויב ציפּט די פעדערלעך פון דער טויטער טויב; ציפּט די פעדערלעך און פליט אַוועק צו איר נעסט. איך האָב די טויב נישט געשטערט.

דורכן טאָג איז אַ האַלבע טויב געוואָרן אָפּגעפּליקט. די לעבעדיקע טויב האָט דערמיט אויסגעבעט איר נעסט פאַר אירע יונגע עופהלעך.

ווי אומעטיק ווערט, ווען מען זעט, ווי דער פּראַקטישער געפיל שטייט אַיין אַפילו ביי די וואָרקענדיקע טויבן...

אַ קליין געסל

דאָס קליינע געסעלע איז ביים סוף אָפּגעשלאָסן און לאָקט צו זיך קינדער, וואָס קענען זיך דאָ שפּילן אומגעשטערט. אין געסעלע איז פאַרבליבן אַ גרויסער, גרויסער בוים, אַן איבערבלייבעניש פון אַ געדיכטן וואַלד. זומער מאַכט ער פול אַ פערטל געסל מיט זיינע גרינע בלעטער, און אין די טיפע האַרבסטן שטייט ער, ווי אַ סקעלעט פון אָדערן וואָס מען האָט אַרויס־געשוונדן פון פליישן.

דער בריוו־טרעגער קומט דאָ ווי אַ שליח פון דער גרויסער וועלט. בריוו קומען אָהער זעלטן און אַז דער פּאָסט־מאַן באַווייזט זיך — לויפן אים די קינדער אַנטקעגן און עפּעס אַ פאַרשמאַדערט היטל, וואָס שפּילט זיך מיט אָט די קינדער אַ גאַנצן טאָג — באַגלייט דעם פּאָסט־טרעגער עטלעכע געסלעך אַרויף.

דאָ קענען זיך אַלע ווי אין אַ דאָרף; איינער קומט צום צווייטן צו גאַסט. גאָר נאָענט פון דאַנען איז פעלד און ווינטער זיינען די ליידיקע פליינען פאַרשנייט ביזן ווייטן האָריזאָנט, וואו אַ באַן גייט פאַרביי און לאָזט איבער אַ ווייטן טויבן ווידערקלאַנג.

אַז עס קומט אַ מאָל איינער צו גאַסט פון דער גרויסער שטאָט, טוליעט מען זיך צו אים מיט אַ לעכצעניש פון דאָרפס־מענטשן, וואָס זיינען אויסגע־

בענקט נאָך אַ ניי פּנים. קלײנע מײדלעך סודען זיך, דערצײלן זיך נישט־געשטויגענעס, נישט־געפלויגענעס פון גאַסט, וואָס איז צום שכן אַראָפּגע־קומען. קריגערײען ווערן אַרויסגעטראָגן אויפן מיטן גאַס און אַז עס שטאַרבט עמעץ, גייט דאָס גאַנצע געסל אין פּיונעראַל־פּאַרלאָר באַגלייטן דעם מת.

דאָס געסל שטייט ביי אַ קנופּ פון גאַסן און אַ סעמאַפאָר רעגולירט אַ גאַנצן טאָג די באַוועגונג מיט זיין רויט און גרין ליכט — לאַנגווײליק און פּאַרכטיק ערנסט צוגלייך. נאָר שפּעט אין אָוונט, נאָך האַלבער נאַכט, זעט עס אויס ווי עפּעס אַ שפּילעכל, וואָס די קינדער האָבן דאָ פון בייטאָג איבער־געלאָזט; אַ שפּילעכל אַזאַ וואָס טוישט די פאַרבן בלויז פון שפּיל־וועגן אָן אַ ציל...

נאָך האַלבער נאַכט טרעפט דאָ, אַז אַן עוף וועקט זיך איבער ביי אַ שכן, אַ האָן טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און צעקרייט זיך על־פּי־טעות. דאָ איז נאָך אַ פערד מעלה גירה אין אַ שטאַל ביי אַ זעקל האָבער, וואָס זיין באַלע־באָס האָט פאַר אים צוגעגרייט, און אַ קו מעקעט נאָך ערגעץ אויך. דאָס פערד איז פון די געציילטע אין שטאָט און זיין אייגנטימער ציט חיונה פון פירן נייע פּאָרלעך אין אַ קאַרעטע איבערן פּאַרק אויף שפּאַציר, אָדער אין קלויסטער צו דער חתונה. אַ צווייטער שכן שלאָפט אויך נישט. כאָטש ער אַרבעט איצט אין אַ פאַבריק אין שטאָט, שטאַמט ער פון אַ פאַרם און דעם אָנקום פון רעגן פילט ער אַזוי ווי עס פילט דאָס געוויקס, אַ בוים. דער באַלעבאָס פון די בעלי־חיים וועקט זיך אויך איבער, קריכט אַרויס אין די הוילע גאַטקעס אויף דער וועראַנדע און קוקט אויפן הימל געוואויר ווערן ווי שפּעט עס איז, ווי אַ מאָל אין דאָרף, אָט דאָ אינעם קלײנעם געסל ביים סוף פון דער גרויסער שטאָט.

זיין טעות

„ס'קען נישט אַנדערש זיין, נאָר זי איז אין מיר פאַרליבט" — אַזוי האָט ער געטראַכט.

ער איז געלעגן אויפן פינפטן שטאָק פון שפּיטאָל. זיין צימער איז באַ־שטאַנען פון צוויי בעטן, אָבער ער איז די גאַנצע צייט געווען אַליין. דאָס פענצטער האָט אַרויסגעפירט צו אַ ליידיק פעלד, איבער וועלכן ביימער האָבן זיך געדראַפּעט אויף אַ הויכעניש, ווי זעלנער, וואָס ווילן פאַרנעמען אַ פּאָ־זיציע, נאָר געבליבן שטיין, געשטאַנען אַזוי ווי אַפּוואַרטנדיק, טאָג און נאַכט.

אַלע גערוישן, אַלע ריחות האָבן געאָטעמט מיט טויט, אַפילו ער אַליין האָט געטראָגן דעם טויט אין זיך. ער איז געלעגן נאָך אַ שווערער מאָגן־אָפּעראַציע. זייער אָפט איז ער געווען באַוואוסטלאָז פון שוואַכקייט, און

ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן, פלעגט ער זען ז י, די קראַנקן־שוועסטער, בלאָנד, בלוי־אויגיק, שלאַנק, ווי אַ גרוס פון דער וועלט, וואו ער ראַנגלט זיך, און צו וועלכער ער קלאַמערט זיך מיט אַלע זיינע געבליבענע כוחות.

די קראַנקן־שוועסטער האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס פאַר אים צו טאָן. זי פלעגט ווי אַ פויגל אַ פלי טאָן אין אַנדערע צימערן און גלייך קומען צוריק. אָפט געהאַלטן זיין האַנט און געפּרואווט זיין פּולס, אָפּגעפרישט זיין געזיכט מיט קאַלט וואַסער, איבערגעבעט זיין בעט, אַפילו ווען ער האָט דאָס נישט געדאַרפט. ער האָט זיך געדרייט אין יסורים, געקריצט מיט די ציין, טיילמאָל אַפילו געלאָזט פאַלן אַ האַרב וואָרט דער קראַנקן־שוועסטער, אָבער זי האָט געהאַט פאַר אים איין פראַזע: „טייערער, ליבינקער, עס וועט איבערגיין, עס וועט ווערן בעסער".

ווען עס פלעגט אים ווערן אַ טראָפּעלע בעסער, פלעגט זי גערן מיט אים שמועסן. ער פלעגט דעמאָלט איר דערציילן ווי ער ליידט דערפון, וואָס ער איז עלנט ווי אַ שטיין און וואָס קיינער קומט נישט צו אים, קיינער ברענגט אים נישט קיין בלומען, קיינער שיקט אים נישט קיין ווינטש־קאַרט. און זי האָט ערגעץ געפונען בלומען און ביי זיין צוקאָפּנס זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ שיינעם וואַזאָן.

זי האָט אים דערציילט פון איר היים: קיין פאָטער האָט זיך נישט און איר מוטער איז קראַנק. זי האָט אים דערציילט פון אין אַנטוישטער ליבע. זי פלעגט יעדן פרימאָרגן קומען אין אַן אַנדער פריזור. אַז ער האָט איר אַמאָל באַמערקט, אַז ער ליידט נישט, ווען פרויען פאַרבן זיך די ליפּן, האָט זי די ליפּן אויפגעהערט צו פאַרבן. קיינע, צווישן די קראַנקן־שוועסטער, האָט נישט אַרויסגעוויזן צו אים אַזויפיל פריינדלעכקייט ווי זי, כאָטש אַלע קראַנקן־שוועסטער טראָגן ווי אַ באַפעל אַ שמייכל אויפן פּנים.

וואָכן זיינען אַריבער און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין בעסערן. ער האָט שוין געטראַכט וועגן זיין צוקונפט, געטראַכט וועגן זיין אַרבעט און וועגן איר. ער האָט זי אויף אַן אמת ליב באַקומען. ער האָט זיך נישט געשעמט דאָס איר צו זאָגן. זי האָט עפּעס מאָדנע געשמייכלט און אים פריינדלעך, ווי שטענדיק, געמאָלדן, אַז אַ נייער חולה וועט היינט אָנקומען, זייער אַ געפערלעך קראַנקער, די דאָקטוירים גיבן נישט קיין גרויסע האָ־פענונג, ער איז אַ קרבן פון אַ מאַשין־עקסידענט, אַלץ אין אים איז צעבראָכן, פאַרוואונדעט.

דער קראַנקער איז טאַקע שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אינעם צימער און אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפן בעט, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ליידיק.

און דאָ איז געקומען זיין אַנטוישונג און זיין אייפערזוכט, ווען ער האָט

געזען ווי די איידעלע און צאַרטע קראַנקן־שוועסטער האָט אים איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען, דעם נייעם געפּערלעך־קראַנקן מענטשן. זי איז אַרום אים אַרומגעלאָפן אויף די שפּיץ־פינגער, האָט געטאָן, ווי איר שטייגער, מער ווי מען דאַרף. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז דעם נייעם שטערט יעדע באַוועגונג אינעם צימער און זי האָט דאָס אַפילו געזאָגט דעם פריערדיקן, דעם רעקאָנוואַלעסצענט:

— איר ווייסט? מעגלעך, אַז מען וועט אייך איבערפירן די טעג אין אַ צווייטן צימער, דער קראַנקער מוז זיין אַליין...

...ער האָט אַ סך אַנטוישונגען געהאַט אין זיין לעבן, נאָר די אַנטוישונג איז פאַר אים געווען די האַרבסטע. נייך, זי האָט אים בישט ליב באַקומען. זי איז נאָר געווען אַן אויסגעצייכנטע קראַנקן־שוועסטער; וואָס מער אַ מענטש איז געפערלעך קראַנק, אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט שענקט זי אים... זי האָט נאָר וואונדערלעך אויסגעפירט איר פליכט.

אַ שפּאַרבער

פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ שפּאַרבער אויפן הימל.

עס איז געווען אַ הייסער יולי־טאָג.

מיר האָבן געאַרבעט אויף דער אייזנבאַן, מיר האָבן איבערגעטווישט די שווערע שפּאַלעס אויף נייע, נאָך שווערערע.

די אַרבעט איז געווען פון די שווערסטע, אָבער נאָך מער ווי פון דער אַרבעט האָבן מיר געליטן פון דער „מאַשקאַ", פון די טויזנטער און טויזנטער קליינע פליגעלעך, וואָס עסן זיך איין אין פּנים, אויף די הענט און מאַכן זיי בייסיק און שפּעטער געשוואָלן.

די שאַטקעס וואָס מיר האָבן געטראָגן אויפן פּנים האָבן ווייניק באַשיצט. בעסער איז געווען אויסצושמירן דאָס פּנים אַליין מיט דזשעגעכץ; דער ריח פון די סמאָלע טרייבט אַוועק די אינזעקטן, אָבער דאָס אויסגעשמירט זיין מאַכט אַ ווידערווילן צו זיך אַליין, מען ווערט עפּעס אַן דאָס מענטשלעכע געזיכט, מען וואָלט וועלן פון זיך אַליין אַנטלויפן.

מיר האָבן געהאַט בלויז אַ שעה איבעררייס נאָך די ערשטע פינף שעה אַרבעט ביז דעם צווייטן האַלבן טאָג, נאָך אַזעלכע פינף שעה קאַטאָרזשנע פּראַצע. פון דער דאָזיקער שעה איז אַוודאי אַ האַלבע שעה אַוועק אויף שטיין אין דער ריי נאָך דעם עסן וואָס מען האָט אונדז אויף וואָגן געבראַכט אין קעסלען און דאָס דאָזיקע עסן איז אויך פול געווען מיט די פליגעלעך און מען האָט באַדאַרפט כסדר אַפּשעפּען פון עסן די אינזעקטן, אַז ס'איז

כמעט גאַרנישט געבליבן. אונדזער איינציק פאַרגעניגן איז געווען, ווען עס פלעגט אַ מאָל דורכפאָרן אויף דער דערבייאיקער ליניע אַ באַן.

פון די פענצטער פלעגן אַרויסקוקן פּאַסאַזשירן.

די דאָזיקע פּאַסאַזשירן האָבן זיכער געוואוסט, אַז דאָ אַרבעטן אַרעסטאַנטן, פון די וועכטער מיט זייערע ביקסן אין הענט וואָס האָבן אונדז געהיט. אפשר זיינען פון זיי אויך געווען שפּעטערדיקע אַרעסטאַנטן אָדער אַמאָליקע טורמעניקעס, זייערע פּנימער האָבן אויסגעדריקט צער און מיטגעפיל.

מיר האָבן אויך אָנגעקוואָלן פון די אַן אַ שיעור טויבן וואָס פלעגן זיך דאָ אַרומשפּילן און פירן ליבעס אין דער לופטן, דאָס זיינען געווען טויבן פון נאָענטע טויבנשלעקן, וואָס די לאַגער־באַאַמטע האָבן אין די צענדליקער פאַרמאָגט.

און פּלוצעם אַ רויב־פויגל!

ער האָט מאַנעווורירט אין פלי מיט אַן אמתער סטראַטעגיע.

די טויבן האָבן מיט שרעק זיך אָפּגעטראָגן, זיך אפילו נישט אַראָפּגעלאָזט צו אונדז אויף דער ערד נישטערנדיק נאָך קרישקעלעך ברויט וואָס מיר האָבן זיי מיט אַ ברייטער האַנט פונאַנדערגעטיילט אָפּשפּאָרנדיק פון אונדזער מויל.

עס זיינען נאָר אַרומגעפּלויגן זוכנדיק אַ באַהעלטעניש וואָראָבייטשיקעס און אַנדערע פייגעלעך.

דער שפּאַרבער האָט לאַנג אַרומגעזוכט זיין רויב און אים געכאַפּט.

מיר האָבן אַפילו געהערט דאָס געשריי פון זיין קרבן וועלכן ער האָט געהאַלטן אין שנאָבל.

מיר אַלע האָבן אַרויסגעקוקט אויבן, ביי טייל האָבן זיך געביילט די פויסטן, טייל פון אונדז האָבן נאַריש אַרויפגעשריען צום שפּאַרבער, ווייל צום רויב־פויגל אויף דער ערד, וואָס האָט אונדז — זיינע קרבנות געהאַלטן אין זיין פּיסק, צו אים האָבן מיר נישט געקענט און נישט געטאָרט שרייען...

פסח אין לאַגער

צו „זמן חירותינו" זיינען מיר נאָך געווען ווייט, זייער ווייט.

דערווייל האָבן מיר נאָך אַלץ געבויט „פּיתום ורעמסס" אין סטאַלינס לאַגערן.

מיר האָבן שוין אויסגעהאַקט אַ וואַלד, אָבער אַ וואַלד! ביימער צו עטלעכע הונדערט יאָר, און זיי אויסגעקאָרטשעוועט אויך, אַרויסגעטריי־

בערט די אַלטע פֿאַרפֿלאַנטערטע וואַרצלען פֿון דער ערד און די לעבער פּאַרשיט, צו וואָס דאַרף מען פֿאַרשיטן די לעבער? איז נישט גענוג, אַז מיר האָבן געשניטן דיביימער, אַרומגעבערענט די צווייגן, צעזעגט צו דריי מע־טער די לענג, זיי „אָטפּראַוועט" אויף לאַסט־מאַשינען? — אָבער אונדזער נאַטשאַלניק וויל זיך אויסצייכענען, און קיין אַרבעטס־הענט פֿעלן אים דאָך נישט: אונדזער לאַגער־פּונקט ציילט שוין צוויי טויזנט מענטשן, איז ווי אַז מען גיט אים פּלוצעם אַ באַפֿעל צו בויען אַ שטאָט אויפֿן אָרט פֿון וואַלד? וואָס איז? עס פֿעלן אַרעסטאַנטן? מיר האָבן שוין פֿאַרלייגט אַ רער פֿון דער קליינער באַן־סטאַנציע צו דער „וואָדאָקאַטשקע", דעם וואַסער־טורעם, פֿונוואַנען די לאָקאָמאָטיוון שעפּן וואַסער, מיר האָבן שוין צעדרוי־בלט אַ שטיינער־באַריער, מיר האָבן שוין וואָס נישט געטאָן?

אָבער דערווייל איז אונטערגעקומען פּסח, און אַפֿילו ביי די וואָס זיינען אין משך פֿון לאַנגע יאָרן אָפּגעפֿרעמדט געוועזן פֿון יידן און יידישקייט האָט זיך דורך די פֿאַר יאָר „זיצן" צונויפֿמען מיט יידישע יידן אָנגעצונדן אַ פֿונק.

ר׳ אַבֿרהם חיים, דער ספֿרדישער ייד, דער לובאַוויטשער חסיד, וואָס זיצט דאָ מיט אַן אורטייל פֿון 25 יאָר, איז באַזונדער פֿאַרנומען. קודם שיי־ערט ער און גליט אויס אַלע זיינע בלעכענע כּלים אויף פּסח. פֿאַר זיינע אוזבעקישע עפּעלעך, מיטן זיס־זויערן באַטעמטן אוריוק (אַזאַ מין שעפּטאַל) קויפֿט ער זיך אויס ביי זיין בריגאַדיר און ביים אַנטיסעמיטישן „באַריאַד־טשיק" (דעם אַרבעטס־אויפֿזעער). זיין פּנים איז באַזונדערס צעשיינט, נישט געקוקט אויף זיין האַראַוואַניע; זיינע אויגן לאַכן ווי ביים זיידן מיינעם אַמאָל אין דער אַלטער היים ווען ער איז געגאַנגען מיט זיינע היימישע יידן באַקן מצה־שמורה.

ער האָט פֿון דער היים באַקומען צוויי פּסחדיקע גרויסע פּעק; פֿאַראַן מצה, פֿאַראַן געטרוקנטע פֿלייש, פֿאַראַן מעל און צוקער און געטרוקנטע קאַרטאָפֿל.

אַ העלפֿט וועט אָבער אַראָפּגיין פֿאַר נאַטשאַלסטוואָ, וואָס האַלט טאַקע נישט פֿון פּסח אָבער אַ נאַש טאָן האָבן זיי ליב, בפֿרט מאכלים, וואָס זיי זעען זיי נישט אַלע טאָג, אָבער עס וועט נאָך אַלץ איבערבלייבן גענוג אויף צו צעטיילן יעדן יידן אין לאַגער אַ כּזית מצה.

אונדזער גוטער אוקראַינישער דאָקטאָר ס. וועט שוין ווי עס איז באַ־פֿרייען ר׳ אבֿרהם חיימען מיט זיינע יידן אויף די צוויי טעג פּסח. אמת, ר׳ אבֿרהם חיים וועט מיט זיינע סאַמאַרקאַנדער ספֿרדים דאַרפֿן דערפֿאַר אָפּ־אַרבעטן דעם פֿאַר־פּסח, אַז עס זאָל נישט אויספֿעלן זיין אַרבעט אין אָט די צוויי טעג. וועט ער עס טאָן! ער איז אין דער בריגאַדע פֿון „כאָזאָבסלוגאַ" (די אינערלעכע באַדינונג פֿון לאַגער). ער האָט עס פֿאַראַיאָרן אויך געטאָן.

אָנגעפילט דעם באָד־רעזערוואַר מיט איבער 300 עמער וואַסער און די קיך באַזאָרגט מיט וואַסער; צעזייט און צעהאַקט און פונאַנדערגעפירט דאָס האָלץ אומעטום, וואו מען באַדאַרף: אין קיך, אין באָד, אין די באַראַקן.

אַפילו די אַלטע באַלשעוויקעס דאָ נעמען דורך אָרץ האָבן פאַר ר׳ אברהם חיימען. אַפילו גאָרין, דער אַגראָנאָם, וואָס זיצט שוין אַ 17 יאָר אָפּ אין לאַגערן און לאָזט אַלץ נישט רעדן אַ וואָרט אויף דעם סאָוועטישן רעזשים, באַשולדיקנדיק אין אַלעם „די שונאים אין דער נ. ק. וו. ד.״ וואָס טוען אָפּ פאַרברעכנס מיט אַ כיוון צו צעשמעטערן דעם פּאָטענציעלן כוח פון די גוטע קאַדרן, אַפילו גאָרין, דער האַלבער ייד און האַלבער קאַראַאימער, האָט זיך געלאָזט אָנרעדן צו נעמען ביי ר׳ אברהם חיימען אַ כזית מצה, צוגעבנדיק, אַז „אַ שאָד וואָס אַזעלכע כוחות וואָס וואָלטן געקענט אויפהויבן בערג, פאַלן אַריין צו דער רעאַקציע״... גאָרין אַליין איז פון די לאַגערן אַרויס הויט און ביין, מיט אַ צענדליק חולאתן, אָבער אונדז האָט ער אַלץ נאָך פאַר צוביסלעך שולדיק. אים אַליין האָט מען פאַראורטיילט פאַר „טראָצקיזם״ אָבער „אַ יידישער נאַציאָנאַליזם״, אין וואָס מען באַשולדיקט אונדז, איז ביי אים נאָך אַלץ אַ חטא.

ווייט נישט אַלע יידן איז זיך געלונגען צו באַפרייען אויף פסח. ד״ר ס. האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט, אָבער ער האָט אַ נאָרמע וויפיל מען קען יעדן טאָג באַפרייען און ער באַפרייט נאָך אַ צוואַנציק מער וויפיל אים איז דערלויבט, אָבער אַלץ איינס האָט מען זיך געפילט יום־טובדיק. ר׳ אברהם חיים גייט אַרום איבער די באַראַקן מיט אַ פריילעכן „גוט יום־טוב!״ (ער רעדט העברעאיש אָדער אוזבעקיש, אָבער דאָס וואָרט „גוט יום־טוב״ האָט ער זיך אויסגעלערנט) און צו זיין „גוט יום טוב״ קומען נאָך גאַנצע שטעלן פון דער הגדה מיטן „והיא שעמדה״ אַזוי צו זאָגן: „יידן זייט זיך נישט מייאש, די גאולה וועט קומען, מיר זיינען נאָך פון ערגערס אַרויסגע־לאָזט געוואָרן!

אַ סך יידן קומען ערשט פון שנייאיקן דרויסן. דאָ אין מזרח־סיביר איז נאָך ווייט צום פרילינג; דער שניי איז נאָך אַ מעטער די הויך, מען אַרבעט ערשט לענגאויס דעם באַן־וועג ביים אָפּרוימען די הויכע בערגער שניי זיי זאָלן שפּעטער, אין פרילינג, נישט פאַרפלייצן די באַן־רעלסן. טייל־מאָל איז מען אַזוי פאַרגראָבן אין שניי, אַז מען זעט קוים אַרויס דעם דרויסן, מען איז מיד און געפרוירן. אָבער דעם כזית מצה עסט מען און ר׳ אברהם חיימס ווערטער טייען אויף דעם שנייאיקן טאָג, דאָס געפרוירן האַרץ, די פאַריאושטע נשמה!

— והיא שעמדה!...

די עלטער־עלטער באָבעשי

די עלטער־עלטער באָבעשי איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור צו די אור־אייניקלעך אויף פאַר ראָקאַווע, אין ברוקלין, פונקט אַזוי ווי די פאַר יידישע ספרים, דאָס ביסל דימענטן און פערל וואָס קיינער נוצט נישט און קיינער טראָגט נישט און פאַרנעמט אַ ווינקעלע אין דעם גרייז־גרויען צימער ביי איר אור־אור־אייניקל בעטי. די אַלטינקע גייט שוין נישט אין ערגעץ, ליגט מער ווי זי גייט אַרום. אָבער אין מושב זקנים וויל זי נישט גיין און בעטי איז געגוג רייך אויף צו האַלטן נעבן איר אַ נוירס.

בעטי האָט איבערגענומען איר עלטער־עלטער באָבעשי ביי איר מאַמען, ען, אַן אור־אייניקל פון דער אַלטער חנה־לאהן. ען איז נאָך געגאַנגען אין אַ יידישער שול עטלעכע יאָר און געקענט רעדן יידיש; ווען ען האָט געלעבט, איז חנה־לאה נאָך געווען אין די שפּעטע אַכציקער, אָבער זי איז נאָך געווען געגוג רירעוודיק, פלעגט נאָך אַפילו אַ מאָל זיך אַריינכאַפּן אין דער וויבער־שול, אַריינגיין צו אַן אַלטינקער שכנה, און דערציילן איר אור־אייניקל די „בייעסן", וואָס זי האָט געהערט; געדענקט אַלע יאָרצייטן פון איר טאָכטער און אייניקל, וועמען זי האָט איבערגעלעבט און נישט אויפ־הערן צו דערציילן איר די „ניסים" פון שטעטל אין וואָלין, פונוואַנען זי איז געקומען: וועגן איר פאָטער. דעם רב און מחבר פון אַ ספר, וואָס האָט אַ העלפט פון זיינע שכירות צעטיילט אָרעמעלייט, פון איר מאַמען וואָס איז געווען אַ גבאיטע פון „הכנסת כלה" און פלעגט זיך אויסשטראָצלען אין אַ פראָסטן מיטוואָך צונויפצונעמען פאַר אַן אָרעמער כלה. ען פלעגט אָפּט זיצן מיט איר, זיך שואל עצה געווען וועגן שידוכים מיט די קינדער.

חנה לאה פלעגט זיין אויף אַלע חתונות. אַוועקזעצן פלעגט מען זי אויבנ־אָן. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין איר גרין זיידן קלייד. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן איר זיידן וויס קאָפּקעלע מיט סטענגעס, טועם געווען אַ גאַר־נישט פון אַלע רייכע עסנוואַרגן וואָס מ'האָט אויפן טיש אָנגעגרייט, אָבער דאָס פנים האָט געשיינט, איר שיינענדיק פנים האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. חתן־כלה זיינען געקומען נעמען איר ברכה.

בשעת ען האָט געלעבט, פלעגט זי נאָך יעדן ערב־ראש־השנה קלינגען צו אירס אַ פלימעניצע אין קליוולאַנד, אויך שוין אַ זקנה, און ווינטשן איר אַ גוט יאָר.

ערשט איז שוין חנה־לאה ביי די הונדערט, קוים וואָס זי זעט, קוים וואָס זי הערט, זי ליגט מערסטנס אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי אין שלאָף; די נוירס דערלאַנגט איר פון צייט צו צייט אַביסל פרוכטן־זאַפט, אַ פּאָר לעפל יויך, אַביסל טיי. די אַלטע מאַכט אויף אויף אַ ווייל די פאַר־

נעפּלטע אויגן, וואָס זיינען פול מיט חלום פון אַן אַנדער וועלט. אַז בעטי גייט אַמאָל צו צו איר, נעמט זי די אַלטע אָרום, קושט זי מיט אירע בלויע אויסגעטריקנטע ליפּן און זאָגט איר אַן דאָס וואָס זי האָט שוין לאַנג פאַר־שריבן אין איר צוואה, אַז מ׳׳זאָל איר למען השם מאַכן אַ יידישע לוויה, אַז זי וועט שטאַרבן און מען זאָל זי לייגן אויפן בית־עולם פון דער אָרטאָדאָק־סישער קאָנגרעגעישאָן, וואו זי פלעגט גיין דאַווענען. בעטי שאָקלט צו מיטן קאָפּ און האָט בלויז אַ פּרעטענזיע צו דער עלטער־עלטער באָבעשי וואָס זי רעדט וועגן טויט — וועסט נאָך לעבן, באָבעשי, אַ סך יאָרן. דו לעבסט נישט אויף קיינעמס פלאַץ. — — — — — — — — — — — — — — — —

...דאָס יונגע לעבן שפּאַנט זיך אַרום דער אַלטער ווי דורות מיט דורות וואָלטן זיך באַהעפט...

כעניעק

אַז איך טראַכט אַמאָל פון „אחרית הימים״, ווען דער וואָלף וועט וואוינען מיטן שעפּס, קומט מיר אין זכרון כעניעק, דאָס וויס־האָריקע פּוילישע יינגעלע, אַ חבר פון די קינדער־יאָרן.

ווי קומט עס אַ בלאָנד־האָריק געקרייזלט שגצל צו אַ חסידיש יינגעלע מיט לאַנגע פּיאות?

דער זיידע מיינער האָט געהאַנדלט מיט יאַן טאַש, כעניעקס זיידע, דעם בעקער, וואָס האָט געבאַקן פאַר די פּאָלקן און געהאַט די גרויסע בעקעריי אין שטעטעלע קאָמעראָוו, וואו עס זיינען געווען קאַזאַרמעס. האָט דער זיידע צוגעשטעלט מעל אין יאַן טאַשס בעקעריי. איז די פריינדשאַפט געווען אַזוי גרויס, אַז ווען זאָשע, יאַן טאַשס ווייב, פלעגט קומען איינקויפן אין שטאָט, פלעגט זי זיך אָפּשטעלן ביי אונדז און מען פלעגט איר ברענגען עסן פון פאַרפּראַצקיס רעסטאָראַן און אַז כעניעקס מאַמע, די שיינע בלאָ־אויגיקע סטעפּע, פלעגט קומען, פלעגט זי מיטנעמען כעניעקן.

כעניעק פלעגט ליב האָבן זיך צו שפּילן מיט מיר, אפשר ווייל ער איז אויך געווען אַזאַ איין און איינציקס און אָפּגעציטערט קינד ווי איך און אפשר ווייל איך האָב געהאַט אַזויפיל שפּילערייען וואָס ער האָט נישט געהאַט, איין קלייניקייט: אַ שפּאַקטיוול, וואָס מען קען זען דערמיט טשעכאָטשינעק, 6 פּיצינקע גלעזלעך און אין יעדן גלעזלע זעט מען אַן אַנדער בילד, דאָס האָט מיר די באָבע געבראַכט אַ מתנה פון פּוילישן קוראָרט, וואו זי פלעגט פאָרן היילן איר רעוומאַטיזם, און קליינע בלעכענע באַנען אויף שינעס, וואָס מען דאַרף נאָר אַנדרייען אַ פּרוזשינע, נעמט זי זיך דרייען אַרום די שינעס; און אַ רייטוועגעלע אויף דריי רעדער; און וועגעלעך, און לאָפּאַטעס

און האַמערלעך און קאָלירטע קלעצלעך און ברעטעלעך און פענצטער פון וועלכע מען קען אויפשטעלן אַ גאַנץ הויז.

כעניעק פלעגט זיך אָפּשפּילן אַ גאַנצן טאָג, און ווען זיין מאַמע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט אין שטאָט און פלעגט וועלן אים מיטנעמען אַהיים, פלעגט ער נישט וועלן מיט איר פאָרן. סטעפאַ האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן דעם הוט מיט דער פעדער, שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזן דעם קליינעם וואואַל ביז האַלבער נאָז, ווי איר שטייגער איז געווען, און געפרייכט אַ דיקלעכע:

— כעניוס!

אָבער כעניוש פלעגט פאַרקריכן אויפן בוידעם, זיך באַהאַלטן אונטער אַ בעט, אַז די מאַמע האָט אים באַדאַרפט זוכן און אַז זי האָט אים געפונען, האָט ער אַרויסגעבאָמקעט ווינענדיק:

— „כצע שיען טו זאָסטאַטש״(איך וויל דאָ בלייבן). מיט גרויס מי האָט זיך איר איינגעגעבן אים מיטצונעמען.

אַמאָל פלעגט ער טאַקע בלייבן. באַזונדער אין די בין־הזמנים. ווען איך פלעג נישט גיין אין חדר. פלעג איך צונויפנעמען מיינע חברימלעך פון חדר און מיר פלעגן זיך שפּילן צוזאַמען אַ גאַנצן טאָג. אַזוי האָט מען אַפילו געוואָלט שפּילן יעקב און עשיו, אָבער כעניעק איז דאָך נישט קיין עשיו, אַז ער כאַפּט אַ דריגע וויינט ער, נאָר ער ענטפערט נישט צוריק, ער לויפט בעסער צו מיין באָבען מיט אַ גערוין און די באָבע לויפט גלייך אַרויס מיט אַ געוואַלד:

— נאָר דאָס פעלט מיר, אַ שגץ צו שלאָגן!

זי וואָלט שוין געווען קאַפּאַבל אים אָפּצושיקן קאַריק אַהיים, אָבער וואָס וועט זי נישט טאָן פאַר מיר? כעניעק גייט טאַקע אין בלויזן קאָפּ און איך — אין אַ זיידן היטעלע מיט פּיאות; איך וואַש זיך צום עסן און ער נישט, אָבער די באָבע ווייסט, אַז איכל זיך פון אים נישט אָפּלערנען, צווי וועלטן! אָבער כעניעק האָט אַ גוטע נשמה, פאַרלויפט מיר דעם וועג שטענ־דיק, מיידט אויס זיך צו קריגן, שמייכלט מיר שטענדיק אָנטקעגן און געפינט שטענדיק עפּעס קאָמישעס צו לאַכן. און אַז ער לאַכט, קאָלערט זיך אים אַזוי האַסטיק דאָס געלעכטער אַרויס פון העלדזל, אַז דאָס קליינע נעזל פאַרשאָסן אויף אַרויף ווערט עפּעס נאָך קירצער, און דאָס געלעכטער — ווי עס וואָלט זיך אַרויפגעקאָלערט אין דער הויך.

כעניעק פלעגט אַזוי אָפט קומען צו אונדז, אַז ער האָט זיך פון מיר אויסגעלערנט יידיש. די ווערטער פלעגן ביי אים אַרויסקומען אויך אַזוי ווי פאַרשפּיצט, ווי דאָס נעזל זיינס, און דער „ריש״ ביי אים איז געפאָרן אויף רעדלעך... אַלע פלעגן גוטמוטיק שמייכלען און כעניעק אויך...

**
*

יאָרן זיינען אַריבער. איך בין שוין געווען אַ ישיבה־בחור און כעניעק האָט זיך געלערנט אין אַ פּלאַט־שול אין דאַנציג. ער פלעגט אַמאָל אַראָפּ־קומען אַהיים, אַ הויכער יונג, אַ בלאָנדער, מיט אַ ווייסע מאַטראָזן היטעלע און אַ בלויען מונדיר, דאָס פּנים איז געווען פאַרהאַרטעוועט פון ים־ווינטן, בראָנזיג. פון דער קינדהייט איז אים געבליבן בלויז די בלאָנדע געקרייזלטע האָר, בלויע אויגן, גוט אַזוי ווי זיי זיינען געווען קינדוויז.

אַזוי פיל דערפאַרונגען פון אַנטיסעמיטיזם האָב איך שוין געהאַט אַרום זיך, נאָר כעניעק איז נאָך אַלץ געווען אַן אויסנאַם; ער פלעגט נאָך אַלץ אַראָפּכאַפּן זיך צו אונדז, זיך טיילן מיט די זכרונות פון דער קינדהייט, אַ רעד טאָן אויף אַ נאָווינע אַ פּאָר יידישע ווערטער, וואָס ער האָט נאָך פאַרגעדענקט.

ער איז געווען אַן אינדזל פון גוטס און ער איז געווען מיין גלויבן, אַז נישט אַלץ איז שלעכט, און אַז מענטשן קענען הויזן צוזאַמען, זעלטן אָבער פּאָרט...

אויפן וועג

אין באָס איז געווען טונקל. בלויז נאָר אויף עטלעכע זיץ־פּלעצער זיינען אָנגעצונדן געווען קליינע לעמפּלעך. אַ יונג מיידל, אַ סטודענטקע, האָט געהאַלטן אויפן שויס אַ שטוס ביכער און אַלע מאָל אָנגעצייכנט מיט אַ בלייפעדער, ביי די ראַנדן, וואָס עס איז פאַר איר מער וויכטיק. ערגעץ האָט אַ קינד זיך אויפגעכאַפּט, געוויינט, געוויינט פון חלום אַרויס, ביז די מאַמע האָט עס איינגעשטילט.

דער באָס גייט אַ לאַנגן וועג און די פרוי, וואָס זיצט ביי מיין זייט האַלט אין איין קלאָגן זיך, אַז דער באָס גייט צו פּאַמעלעך.

איך שלאָף שלעכט פאַרנדיק און מיין שכנטע קאָן נישט האַלטן אין זיך דאָס וואָס זי לעבט איבער. זי דאַרף זיך מיט עמעצן טיילן.

זי לויפט, אַנטלויפט מיט איר געדאַנק אַ סך שנעלער ווי דער באָס לויפט.

וואָס פאַר אַ דעצידירנדיקן שריט זי האָט ערשט אָפּגעטאָן!

ביי דעם גאַנצן געפּאַלענעם טאָן אין איר שטימע, האָב איך געקוקט אויף איר ווי אויף אַ העלד.

ווייסט עמעצער פון די אַלע פּאַסאַזשירן ווער עס פאָרט מיט אונדז?

זי האַלט מיר אין איין דערציילן, ווי זי וואָלט זיך מתוודה געווען, די ווערטער אָפּגעהאַקט און צעשוואומען.

— אויב איר ווילט וויסן, איז ער זייער אַ גוטער... כ׳ווייס, אַ גו־טער?... זעט איר דאָך, אַז ער איז טעמפּ ווי אַ שטיק אייזן... ער קאָן נישט פאַרשטיין... און, צוריקגערעדט, וואָס זאָל איך האָבן צו אים?... און די קינדער מיינע פאַרשטייען יאָ? זיי האַלטן מיט זייער טאַטן...

פון אַלע אירע רייד האָב איך איין קורצן אַרויספאַרשטאַנען:

..זי פאָרט צו איר שוועסטער, צו איר עלטערער שוועסטער, וואָס האָט זי אויסגעהאָדעוועט אַלס קינד, ווען זי, מיט נאָך יינגערע שוועסטערלעך זיינען געבליבן יתומות. ערשט איז די שוועסטער פאַראַליזירט, פאָרט זי זיך באַזעצן מיט דער שוועסטער און זי באַדינען, כל זמן יענע וועט נאָך לעבן. זי האָט איבערגעלאָזט איר מאַן, אירע קינדער, זי פילט, אַז זי וועט דערמיט אָפּדאַנקען דער שוועסטער פאַר דעם, וואָס זי האָט איר אויסגעכאָוועט.

אָבער איר געוויסן פייניקט זי אַלץ פאַרן איבערלאָזן די גאַנצע משפחה און אַוועק אין דער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין באָס האָט זיך עמעץ אויפגעכאַפּט, אויסגעטשוכעט, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און אָנגעשטעלט זיין קליין ראַדיאָ־אַפּאַראַטל, וואָס האָט אויס־געוואָרטשעט משוגענע דזשעז־מוזיק. די סטודענטין איז מיד געוואָרן פון אירע ביכער, אויסגעלאָשן דאָס לעמפּעלע איבער זיך און זיך איינגעניורעט אין אַ ווינקל צום שלאָף.

איך האָב מקנא געווען דער פרוי ביי מיין זייט פאַר איר קאָנען אַזוי שנעל מאַכן איר דעציזיע אין לעבן... ווי שווער, אָ, ווי שווער עס איז אונדז טיילמאָל זיך דעצידירן, אָננעמען באַשלוסן, וואָס קאָנען ענדערן אונדזער לעבנס־שפּאַן און מיר קריכן אַזוי דאָס לעבן אָפּ ווי טשערעפּאַכעס — נידעריק ביי דער ערד...

ש נ י י

אין סיביר האָבן מיר אויפן שניי לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן. שוין אין אָקטאָבער איז דער גאַנצער לאַגער און אַלע פעלדער און וועלדער אַרום געווען באַדעקט מיט אַ שניי, וואָס האָט דערגרייכט ביז איבער די קני, און דער קאַפּיטאַן פון לאַגער, יערמילאָוו, האָט שוין ערשט געפונען אַרבעט פאַר די אַפילו וואָס דער דאָקטאָר האָט באַפוילן זיצן אין דער היים.

שאַרן שניי — זאָל זיין מיילן ווייט — איז ביי יערמילאָוון נישט קיין אַרבעט.

די סטאָלערײ האָט שוין גרייט געמאַכט הונדערטער הילצערנע לאָפּאַ־טעס אויף צו שאַרן שניי.

אָבער סתם רייניקן דעם שניי איז ביי יערמילאָוון נישט קיין ענין.

מען דאַרף רייניקן מיט טאַלק, „קולטורנאַ״, ווי ער פּלעגט זיך אויס־דריקן, ווען מען דאַרף און ווען מען דאַרף נישט. מען דאַרף אויסשניידן ווענגן פון שניי, אַז עס זאָלן זיין גלייכע געטאָקטע שניי־ווענט. אַ וועג צום אַרויסגאַנג פון לאַגער, צו דער קיך, צו דער באָד, צו יעדן באַראַק, צו דער ק. וו. טש. („קולטורנאַ וואָספּיטאַטעלנאַיאַ טשאַסט״ — קולטור „דערציִערי־שע״ אָפּטיילונג), ווענגן אין דער אַרבעטס־זאָנע, אַ וועג צו דער אייזנבאַן, וואו יערמילאָוו האָט אַ קאָנטראַקט אויף צושטעלן אַרבעטס־קראַפט צו רייניקן אויף גאַנצע צוויי מייל די רעלסן, און די באַן, ווי עס איז באַוואוסט, צאָלט דער לאַגער־פאַרוואַלטונג דעם בעסטן פּרייז. יערמילאָוו קאָן נישט פאַרגעסן די צוויי קאָנטראַקטן פון זומער, דאָס איבערפירן דעם דינאַמיט, און די בריק, וואָס מיר, לאַגערניקעס, האָבן פּשוט מיט די הענט, אָן מאַשינען פאַרריכט איבער אַ טייכל — אויף כּפּרות דאַרף מען מאַשינען, אַז הענט זיינען געווען ווי מיסט, און אַז מען דאַרף טויזנט פּאָר הענט — פעלן זיי אויס?

און פאַרן אַלטוואַרג און האַרץ קראַנקע האָט יערמילאָוו אָן „איגרושקאַ״, אַ שפּיל, „יעי באָגו״, אַ שפּיל — רעדט ער איין דעם דאָקטאָר — פּשוט אַ סגולה צום געזונט! קיין איינער, אויסער די וואָס ליגן אין לאַגער־שפּיטע־לער, דאַרפן נישט אַרויסדרייען זיך פון דער אַרבעט.

די „שפּיל״ באַשטייט אין דעם וואָס יערמילאָוו האָט פאַרטראַכט אין דער לאַגער וואוין־זאָנע (פאַראַן אַ וואוין־זאָנע און אַן אַרבעט־זאָנע, וואו עס געפינען זיך די שניידעריי, סטאָלעריי, שמידעריי און אַ ריי אַנדערע אַרבעטס־אָביעקטן) זאָלן די ווענגן געשניטן ווערן און זאָלן זיי האָבן פיר־קאָנטיקע ווענט, ווי פון מאַרמאָר אין די זייטן. די דאָזיקע ווענט דאַרפן געמאַכט ווערן „קינסטלעריש״, מיט אַ „מאָזאַאיקע״, און די ווענט דאַרפן גיין ווי טרעפּ, זיך הויבן און קופּאָלן זאָלן זיין און פיגורן. דערצו גרייטן די אינוואַלידן און אַלטע מענטשן צו פאַרמעס פון אַזעלכע הילצערנע שיידן, וואו עס ווערט אַריינגעקלאַפּט און געפּרעסט דער שניי. און יעגאָראָוו, דער אינזשעניער (וואָס ענדיקט אינגיכן אַ טערמין פון 15 יאָר קאַטאָרגע, פאַר זיינעם אַ קעסל אין אַ פאַבריק, וואָס האָט געפּלאַצט און מ׳האָט אים צוגע־שריבן סאַבאָטאַזש און וועלכער האָט אַ שוואַכקייט צו סקולפּטור־אַרבעט) — יעגאָראָוו שוטה וועט שוין אַכטונג געבן אויף דער „עסטעטישער״ זייט און וועט אויפבויען פון שניי אַ סקולפּטור דריי מענטשן די הויך. אַלטוואַרג דאַרף אים צוהעלפן אין דער „טעכנישער״ אַרבעט.

יאָ, יעגאָראָוו האָט פאַרגעשלאָגן אונדזער נאַטשאַלניק, אַז נישט אַנ־דערש, ער וועט פון שניי אויסשניידן אַ פיגור פון „כאַוועס סטאַלין״. אָבער, וואָס־וואָס, קיין נאַר איז נישט אונדזער נאַטשאַלניק יעדמילאָוו, און ער

האַלט אין איין קוקן „אויף די הענט" ביי זיינע אַרעסטאַנטן, טאָמער וויל מען אים אונטערפירן. טאַקע אַזוי, טאָמער רייסט דער ווינט אַראָפּ אַ שטיקל נאָז אָדער אויער ביי אַ שנייאיקער פיגור פון סטאַלינען, איז אים נישטאָ וואָס מקנא צו זיין, יערמילאָוון. לאָז ער מאַכן אַ פיגור, יעגאָראָוו, פון וועמען ער וויל, נאָר נישט פון סטאַלינען. — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

נישטאָ וואָס צו רעדן, אין הינזיכט פון אויסערלעכן אויסזען, מיט די קינסטלעריש אויסגעשניצטע שנייוועגט — פון דער לאַגער־קיך אַזש ביזן אַרויסגאַנג פון לאַגער — איז קיין גלייכן צו אונדזער לאַגער־פּונקט נישט געווען אין דער גאַנצער לאַגער־אָפּטיילונג (אונדזער טיישעטער לאַגער, פון ספּעציעלן שטרענגן רעזשים, האָט זיך געטיילט אין פיר אָפּטיילונגען, מיט הונדערטער לאַגער־פּונקטן. מיר האָבן געהערט צו דער צווייטער אָפּטיילונג).

קאַפּיטאַן יערמילאָוו האָט פאַרן „קולטורעלן" אויסזען פונעם לאַגער באַקומען אַ פּרייז. נאָר אַזוי ווי צו דער אַרבעט זיינען צוגעצויגן געוואָרן די קראַנקסטע און עלטסטע אַרעסטאַנטן, זיינען אַ סך פון זיי געפאַלן, און יערמילאָווס „שפּילעכל" האָט אָפּגעקאָסט עטלעכע צענדליק לעבנס.

פון רחמנות

ער האָט זי באַגעגנט צופעליק, און ער האָט זיך אין איר פאַרליבט. זי איז געווען שלאַנק, נאָר נישט צופיל שיין. אים איז געפעלן געוואָרן איר באַטירלעכקייט. זי האָט זיך נישט געפּודערט, נישט געשמינקט. אָבער מער פון אַלץ האָט אים „געצומען" איר הלבשה — ריין, נעט, נאָר אָרעם און געפּאַנגען האָט זי אים גאָר מיט אַ קליין, קליין ריסעלע אויף דער זייט פון איר קלייד. קיינער באַמערקט נישט אַזעלכע זאַכן. אָבער צו אים האָט דאָס דאָזיקע ריסעלע גערעדט און אַפּעלירט ווי אַן אָפן וויינענדיק מיילעכל פון אַ קינד. שפּעטער האָט זי אים דערציילט איר נויט, די קאָנפליקטן אין איר הויז.

זי איז געווען אַ גוטע, זייער אַ גוטע, נאָר אַ קאַפּריזנע. זי איז נאָך געווען גענוג יונג מ'זאָל קאָנען איבערמאַכן. ער האָט איר טאַקע אַ סך געלערנט. זיין גאַנץ וויסן האָט ער אויסגענוצט זי צו ענדערן. אַלע פרויען זיינען פּאַקטיש גענויגט זיך צו ענדערן, אונטערן גוטן דיריגיר־שטעקעלע פון אַ מאַן. זיי טוען דאָס נישט בלויז צוליב אייגן־ליבע און איינגערעדטן שטאָלץ...

זי האָט אים ליב געהאַט און געבויגן איר שטאָלץ, געלאָזט זיך לערנען. זי איז פאַמעלעך געוואָרן דאָס וואָס ער: אַ ביכער־וואָרעם. שפּעטער איז

איר דאָס דערעסן געוואָרן און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זי האָט איינגע־נומען אַ גרויסע דאָזע שלאָף־פּילן. ער איז דערפון געוואָרן הערשיטערט. און אַלץ געטאָן זי צו ראַטעווען. זי איז אָפּגעלעגן טעג אין אַ שפּיטאָל און אַלע קראַנקן־שוועסטער האָבן מקנא געווען דאָס ווילדע מיידל מיט איר געדולדיקן איבערגעגעבענעם געליבטן. ער האָט נישט געוואוסט וואָס בעסערס איר צו ברענגען, וואָס איר אונטערצוטראָגן...

ווען זי האָט זיך דערהאָלט, האָט ער שוין געוואוסט, אַז זי איז אַ צו קאָמפּליצירט וועזן מיט איר צו לעבן. אָבער ער האָט זי נאָך מער ליב באַקומען פון רחמנות צו איר.

זי איז געוואָרן זיינע.

וואו נעמט מען הילצערנע לעפל

דאָס האָט מיר דערציילט מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס איז מיט מיר געזעסן אינעם באַקאַנטן לאַגער־סיסטעם, פאַר סטאַלינס צייטן, אין „טיישעט לאַג" (אַ לאַגער פון שטרענגן רעזשים). מיר האָבן זיך באַקאַנט ערשט אויף דער פריי. אונדזער לאַגער האָט געהאַט פיר אָפּטיילונגען. יעדע אָפּטלונג האָט פאַרמאָגט ביז 30 פונקטן; יעדער פונקט — 500 ביז 2,000 אַרעסטאַנטן. ער האָט אין לאַגער „פאַרבראַכט" די זעלבע צייט וואָס איך און זיך באַפרייט נאָך אַ ביסעלע שפּעטער. מיין פריינד האָט דערציילט:

„אויף איינער אַן איבערשיקונגס־טורמע האָט מען אים אַריינגעשטופּט אין אַ קאַמער, וואָס איז געווען פול געפּאַקט מיט אַרעסטאַנטן, אַז ס'איז ממש קיין פּיצל פּלאַץ נישט געווען זיך אַוועקצוזעצן. ער איז שוין געווען נאָכן אורטייל. ער האָט באַקומען 25 יאָר און 5′ מיט 5′. דאָס הייסט, אַז נאָכן אָפּזיצן די שטראָף דאַרף ער נאָך פאַרשיקט ווערן אויף פינף יאָר און פינף יאָר ווערט ער אָן די בירגערשאַפט.

מיט קיינעם פון די אַרעסטאַנטן האָט ער קיין געמיינזאַמע שפּראַך אין קאַמער נישט געהאַט. קיינער האָט זיך איבעריקס אויף אים נישט אומגע־קוקט, געהאַט צו טאָן מיט זיך, געטראַכט בלויז ווי צו באַקומען אַ שפּעלטעלע פּלאַץ אויף אַ רגע זיך אַנצולענען. און דאָ איז אים אַנטקעגנגעקומען אַן עלטערער מענטש און אים דערלאַנגט אַן איי, וואָס ער האָט געהאַט אין אַ זעקעלע פון אַ פּאַקעט וואָס ער האָט באַקומען פון דער היים. דורכשמו־עסנדיק זיך מיט אים, איז מיין פריינד געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ סאָ־וועטישער גענעראַל, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון גענעראַל־שטאַב און ער איז אַזוי פאַרשפּאַרט שוין פון די 30ער יאָרן.

דער גענעראַל האָט מיין פריינד געהייסן זיך האַלטן מיט אים און ער וועט אים העלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען.

לאַנג זיינען זיי נישט געווען צוזאַמען אין טורמע, מען האָט זיי אָפּגעפירט צו איין צוג, מיט די אַזוי גערופענע סטאָליפּינסקע וואַגאָנען, מיט פאַרקראַטעוועטע פענצער און טירן. מיין פריינד האָט צוגעזען ווי אַ וועכטער פון צוג האָט דעם געוועזענעם גענעראַל, וואָס איז נישט אַזוי שנעל אַריין אין וואַגאָן, אַ קאַפּע געטאָן, אַז ער האָט זיך איבערגעקערט, אַזוי שוואַך איז שוין דער גענעראַל געווען פון אָפּזיצן יאָרן אין די טורמעס און לאַגערן.

שפּעטער זיינען זיי געווען אַ שטיק צייט אין איין בריגאַדע אויף איינעם פון די פונקטן. מיין באַקאַנטער — אַ יונגער מענטש איז געווען בריגאַדיר. זיין פונקט האָט זיך באַשעפטיקט מיט וואַרפן בוימער אין וואַלד, איינע פון די שווערסטע אַרבעטן אין לאַגער, בפרט דאָס קאָרטשעווען (דאָס אַרויסטרייבערן די פאַרצווייגטע וואָרצלען אין דער ערד).

מיין באַקאַנטער, וואָס איז אין לאַגער געקומען גלייך פון אוניווערסיטעט, האָט אַלץ געטאָן, אַז זיינע בריגאַדניקעס זאָלן קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ער האָט ליבערשט אַליין שווער געהאָרעוועט, נישט אַזוי ווי די קרימינאַלניקעס בריגאַדירן, וואָס פלעגן אַליין קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַריינטאָן און פון די בריגאַדניקעס אַרויסנאָגן דאָס בלוט.

לאַנג, ווי געזאָגט, איז דער גענעראַל מיט אים נישט געווען צוזאַמען. אין לאַגער ווערט מען אָפט צעשיידט ווייל מען וואַרפט איבער די אַרעסטאַנטן פון איין לאַגער אין אַ צווייטן, מען זאָל זיך צופיל נישט צוגעוואוינען איינער צום צווייטן און נישט פּלאַנירן קיין בונט.

אָבער דער גענעראַל האָט מיין פריינד נישט פאַרלאָזן. ער האָט שוין געפונען אַ וועג אים איבערצושיקן שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס ער האָט אָפט באַקומען פון דער היים (מיין פריינד איז אין לאַגער געבליבן אַ קאַליקע: אַ בוים איז אים אויפן פוס אַרויפגעפאַלן און אים צעבראָכן. ער האָט קיין קרובים אין רוסלאַנד נישט געהאַט).

און אָט קומען מיר צום עיקר:

... עטלעכע יאָר נאָך סטאַלינס טויט, דער גענעראַל איז געוואָרן פולשטענדיק רעהאַביליטירט און פאַרנומען דעם פּלאַץ וואָס ער האָט פאַרן אַרעסט געהאַט אין מאָסקווע. מיין פריינד איז (אַ שיין ביסל שפּעטער) אָבער אויך באַפרייט געוואָרן, כאָטש נישט רעהאַביליטירט און נישט אַראָפּגענומענדיק פון אים דעם „פלעק״ פון זיין אַמאָל אַ געמשפּטער, דער דאָזיקער „פלעק״ האָט אים פאַרשאַפט אַ סך שוועריקייטן ביים באַקומען אַרבעט.

האָט ער באַשלאָסן צו באַזוכן זיין לאַגער־פריינד, דעם גענעראַל, וואָס

האָט ערשט געוואוינט אין אַ פּרעכטיקער דירה און ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט צו אים אַנצוקומען. די שטוב־ווירטין האָט געבעטן זיין נאָמען, אָבער ער האָט געבעטן, דער גענעראַל זאָל אַליין אַרויסגיין אויף אַ וויל און אים זען. דער גענעראַל איז טאַקע אין אַ ווײַלע אַרום אַרויס און דערזעענדיק אים האָט ער אים אַרומגעכאַפּט און זיך מיט אים צעקושט. די שמחה איז געווען אָן אַ מאָס. מען איז געזעסן עטלעכע שעה און זיך דערמאָנט די טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט.

— און ערשט — האָט דער גענעראַל אַ באַפעל געטאָן דער קעכן — גרייט צו אַ האָבערנע קאַשע מיט פּראָסטן בוימל אין אַ הילצערנע שיסל און מיט הילצערנע לעפל. ערשט דערנאָך וועסטו צוגרייטן דעם טיש מיט אַלעם גוטן. — מיר דאַרפן זיך דערמאָנען יענע צייטן ווען מיר האָבן ביידע געגעסן מיט הילצערנע לעפל פון דער זעלבער הילצערנער שיסל, מיט די אָרעמע אַרעסטאַנטסקע שפּייז.

מען האָט איבערגענישטערט די גאַנצע שטוב און קוים געפונען אַ הילצערן וואַזעלע, וועלכע מען נוצט נישט צום עסן. מען גיט בלויז צו טרינקען די פייגל, וואָס צוויטשערן אַ צענדליק אין שטייג.

מען האָט עס אויסגעוואַשן און די בידנע שפּייז אין דעם אַרייַנגעטאָן. אָבער הילצערנע לעפל האָט מען נישט געקאָנט געפינען, ביידע האָבן פון דעם הילצערן וואַזעלע געגעסן אָבער דער גענעראַל איז אַלץ נישט געווען צופרידן.

— שוין זשע האָסטו איבער מאָסקווע קיין הילצערנע לעפל נישט גע־קאָנט געפינען? — האָט ער צו זיין הויז־ווירטין געהאַט אַ טענה. ער האָט געוואָלט אינגאַנצן פילן יענע צייט, איידער מען האָט געגרייט דעם שיינעם מאָלצייט, די צייט פון זיינע לאַגער־יאָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער גענעראַל האָט שוין אַזוי באַזאָרגט מיין פריינד, אַז וועגן אַרבעט האָט ער זיך נישט געדאַרפט זאָרגן. ער האָט אים אין דער „ספּראַווקע" (עמפּיילונגס־בריוו) געריימט, וואָס אין יענע שווערע טייוולאַ־נישע יאָרן האָט מיין פריינד אין זיין בריגאַדע זיך באַמיט אַנצוהאַלטן אין יעדן מענטש זיין מענטשלעכע ווירדע.

מאַדאַם עקס

בײַ גאַרקין האָב איך אַמאָל געלייענט אַ גאַנצע מעשה „וואָס מענטשן טוען ווען קיינער זעט זיי נישט".

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל, פון אַ פאַרבאָהעלטעניש נאָכגעקוקט וואָס

דער גאון פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, לעוו טאָלסטאָי, טוט, ווען אים דאַכט זיך אַז קיינער זעט נישט.

דער גרויסער זשעני האָט געהאַלטן אין די הענט אַ קעצל און צו דעם כסדר אַריינגעשמועסט:

— דיר איז אַ סך בעסער פאַר מיר, דיר איז בעסער, בעסער...

מאַדאַם עקס איז נאָך דערוויל אַזוי שיין, שלאַנק, שאַרמאַנט, געביל־דעט און וויסט איר שטאַרקייט ביים נישט־שיינעם מין און גייט אַרום מיט אַזאַ תקיפות ווי נאַפּאָלעאָן ביי וואַטערלאָ.

אַז מאַדאַם עקס קומט אויף אַ פּאַרטי — קומט זי ווי אויף געבן באַפעלן און אין איר גאַנצער געזעלשאַפט איז טאַקע נישטאָ קיין איין פרוי וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן צו איר. ווייל אָדער זיי זיינען שיינע פּופּעס, אָדער קלוגע מיאוסקייטן.

שטאַרקע מענער האָבן געוויינלעך ליב קליינע, שוואַכע פרויען, אָבער אין דער קעגנוואַרט פון מאַדאַם עקס ווערן שטאַרקע מענער שוואַך און פאַרלירן זיך. גאָר גרויסע פיינשמעקער זעען אין איר אויסטערלישער שיינ־קייט עפּעס צוגעפרוירנס, ווי מען וואָלט איר מיטליעריק פּנים אַרויסגענומען פון אַן אייזקאַסטן, ווייל עס איז נישט מעגלעך, אַז אין אירע יאָרן זאָל אַ געזיכט נישט האָבן אין קנייטש און אירע באַקן זאָלן נאָך אַלץ האָבן דעם געמיש פון רויט און וויס, ווי מ׳וואָלט זיי אָנגעקנייפּט.

אָבער ווען גאָרקי וואָלט אַזוי אונטערגעהערט און אונטערגעזען ביי מאַדאַם עקס אין שטוב וואָלט זיך באַקומען אַזוי:

...מאַדאַם עקסן האָט דער שפּיגל צום טויזנטסטן מאָל געהאַלטן אין איין חנפענען: ביסט שיין ווי אַ מאָל, אַ מאָל, נאָר פונדעסטוועגן האָלט זי זיך אין איין לאַשטשען צו איר קליינגעוואוקסיקן מאַן און גיט אים אַ קוש מיט דער פּלייצע אויסגעדרייט צו אים, אָנגעבויגן דעם האַלדז:

— ווי מיינסטו, איך בין נאָך עמעצן געפעלן?

— וויפיל ווערסטו מיר נאָך פרעגן די זעלבע פראַגע? איך קויף דיר מאָרגן אַ נייעם ברילִיאַנט און אַ נייעם האַלדז־באַנד.

זי קושט אים שטאַרק, שטאַרק.

פון איר ביבליאָטעק פון אַ האַלבן טויזנט ביכער, צווישן זיי אַ סך פראַנצויזישע ראָמאַנען, ווייסט זי אַז פרויען ווערן טראַגיש אין איר עלטער, דאַרף זי זיין טראַגיש. זי לאָזט דעם מאַן נישט אָפּ:

— אָבער דו ווילסט נישט זאָגן דעם אמת. זאָג מיר, בין איך טאַקע שוין אַלט? איך וועל שטאַרבן און דו וועסט זיך נעמען אַ שענערע, אַ יונגע־רע פון מיר...

— וואָס מאַטערסטו מיר מיט אַזעלכע נאַרישקייטן?

— אָבער זע, ווי דו ביסט קאַרג אויף אַ וואָרט, זאָג מיר, קאָן איך נאָך געפעלן ווערן?

דער מאַן ווערט נערוועז און שטעלט זיך אַוועק אויף אַ שטול און דער־קלערט פייערלעך:

— ביסט שיין ווי אַ חלום, ביסט פריש, ביסט קלוג, ביסט שענער ווי אַלע פרויען, וועסט לעבן אייביק...

— אייביק?

— יאָ, אייביק!...

די שיינע, די קלוגע, די שאַרמאַנטע, די הויך־געבילדעטע פרוי עקס ווערט נאַריש ווי אַ קינד... זי כאַפּט עפּעס אַ פּופּע און טוליעט זי צום האַרצן און שפּרינגט אַרום ווי אַ צעדולטע.

טאַנגאָ

דער פריער ווינטער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, נאָר אַ ריינער, אַן שניי און אָן רעגן. אויפן הימל האָבן שוואַרצע כמאַרעס זיך געשלעפּט ווי ציגיינער־בוידן מיט נאָכהענגנדיקע צויטן, אָבער אויף די גאַסן־אַלייען איז געווען אַזאַ אויסטערלישע שטילקייט, אַז מען האָט געקאָנט הערן דעם פּיק־האַלץ קלאַפּן מיטן שנאָבל איינגעעקשנט אין אַ צווייג פון אַ בוים.

אַ וועוויריק איז פון זיין געוואוינטשאַפט לייכט און שלאַנק געשפּרונגען פון אַ בוים און ערגעץ וואו צווישן קוסטעס געגראָבן מיט די פאָדערשטע פיסלעך גיך, גיך, גענישטערט אַ פּאָר ניסלעך וואָס ער האָט זומער־צייט ערגעץ פאַרבאַהאַלטן.

מערי האָט קיינמאָל נישט אַזוי געפילט ווי אומגליקלעך זי איז, ווי אין אַט אַזאַ טאָג.

אין איר פאַרצווייפלונג האָט זי גענומען זוכן אין אַלץ און אין אַלעמען אַן ענלעכקייט צו איר אומגליק.

זי איז אַ הויך שלאַנק מיידל מיט אַן איידל כאַראַקטעריסטיש געזיכט. מענטשן, וואָס ווייסן נישט איר חסרון, פאַרליבן זיך אין איר מיטן ערשטן בליק. מענערישע אויגן עסן איר אויף. זי האָט אין זיך אַזוי פיל צוציענדיקס, אַז מען קאָן זיך פשוט נישט איינהאַלטן איר עס נישט צו זאָגן.

מענטשן זיינען געוואָרן נאַראָנים אין איר קעגנוואַרט און געפּלאַפּלט נאַרישקייטן אויף נאַרישקייטן.

אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט איר בראָך, אַז אויפן האַלדז, אין דער לינקער זייט, וואַקסט איר פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אַ גוליע... מען ראָט

איר אַן אָפּעראַציע, אָבער דער אַנוואוּקס האָט שוין פאַרנומען דעם גאָרגל און די אָפּעראַציע איז זייער געפערלעך.

זי פרוּווט איר פעלער פאַרדעקן מיט אַ שיין זיידן האַלדז־טיכל, אָבער ווען זי קומט אַהיים ווערט זי איר אייגענער רוצח. זי רייסט פון זיך אַראָפּ דאָס האַלדז־טיכל און שטעלט זיך אַוועק פאַרן שפּיגל און רייצט זיך מיט זיך אַליין.

זי נעמט געפינען אַזעלכע חסרונות אין אַלץ אַרום: דער הויכער צע־צווייגטער בוים האָט אויפגעבלאָזענע געשווירן אויף זיך; דער פּיקהאָלץ צעלעכערט דעם בוים, ער זאָל ווערן ווערעמדיק און שפּעטער ערשט באַקו־מען אַ ווערמל; אַ ווערעמדיק איז כסדר איינגעשטעלט אויף ריזיקע פאַרן קליינעם ביסל וואָס ער פאַרנוצט; דער טאָג איז כסדר אין דער פרעמד און אים ציט צו דער נאַכט...

זי פרוּווט זיך שטילן מיט אַן אַלטער טרויעריקער פאַרטאָריקאַנער טאַנגאָ, וואָס זי געפינט צווישן אירע מוזיק־פּלאַטן. איר דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע ביסל קלאַסישע מוזיק וואָס זי פאַרמאָגט אין איר מוזיק־ביבליאָטעק שפּיגלט נישט אַזוי פשוט אָפּ איר ווייטאָג, ווי אָט די טאַנגאָ.

זי שטעלט אַלעמאָל אַריף דאָס נאָדעלע צוריק, ווען דער טאַנגאָ הערט אויף, ווען ער ענדיקט זיך ווי איר פאַרשלייערטע שיינקייט, ווען זי נעמט אַראָפּ דאָס האַלדז־טיכל פון איר מיאוסן אַנוואוּקס. עס נעדיקט זיך די מע־לאָדיע דאָרט וואו זי דאַרף זיך נישט ענדיקן... עפּעס פעלן נאָך אַ פּאָר ווערטער, ווי שטענדיק, ווען מ׳האָט אַזוי שטאַרק, טראַגיש ליב, אַז וואָס מען רעדט איז איבעריק.

זי הערט און ווערט גוט צו דער וועלט און צו זיך אַליין — צו זיך אַליין, וועמען קיינער האָסט נישט אַזוי ווי מערי.

פאַרברעכן און שטראָף

א פריינד דערציילט:

ער איז געזעסן אין געריכט און געקוקט כסדר אויפן יינגערן פאַרשוין, וואָס האָט אים אַזוי צעשלאָגן און געוואָלט באַרויבן.

דער עלטערער האָט געהאַט אַ טיפּיש אָרדענער פּנים פון אַ פאַרברע־כער.

נאָר דער יינגערער האָט געהאַט אַ סימפּאַטיש פּנים, נאַאיוו און אומ־שולדיק, מיט אַ דינעם טרויעריקן שמייכל פון אַ קינד. ער האָט זיך געענ־דערט פון זיצן חדשים אין טורמע, ער איז געוואָרן דינער, אַפילו אויסגע־

איידלטער. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס דאָזיקע פּנים זאָל געהערן צו אַ כוליגאַן, אַ שלעגער, אַ רויבער און דערצו נאָך אַ ליגנער.

ער האָט געטאָן זיין פליכט און געזאָגט דעם אמת, וואָס ער וויס, אָבער אין קאָפּ האָט זיך אים געפּלאָנטערט דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף", סאָניטשקע, די „הייליקע זונה", וואָס האָט זיך פאַרקויפט, ווייל זי האָט געמוזט שפּייזן די אָרעמע שטוב, ווייל דער טאַטע איז געווען אַ שיכור אַ פּיאַניצע; עס האָט זיך אים געפּלאָנטערט די סצענע ווי דער טאַטע אירער קניט צו איר ווי צו אַ מאַדאָנע ווען זי גיט אים אָפּ דאָס פאַרדינטע געלט.

און דעם טאַטנס זאָג:

„ס׳ערגסטע איז ווען מ׳האָט מער נישט וואו צו גיין".

די געריכטס־פּראָצעדור איז מאַטאמאַטיש פּינקטלעך, פּינקטלעך און שטרענג. ער האָט געצווימט זיינע געפילן נישט צו טראַכטן וועגן אַן אָרעמער שטוב, און ענגער וואוינונג און אַ טאַטן, וואָס זאָגט ווי ביי דאָסטאָיעווסקין:

— דאָס ערגסטע איז, אַז ס׳איז נישטאָ וואו צו גיין.

ער האָט זיך באַמיט צו זיין אָביעקטיוו ווי ער קען צו דער גערעכטיקייט און געזעץ.

נישט אויסגעלעבטע טאַלאַנטן

„לעידים און דזשענטעלמען! מיין נאָמען איז אַזוי און אַזוי, איך אַרבעט שוין פאַר דער קאָמפּאַני ווי אַ שאָפער אַריבער 20 יאָר. זייט זיכער, איר זייט אין גוטע הענט, אייער דראַיווער וואַרט עס זאָל אייך נישט געשען קיין שלעכטס. מיר דערנענטערן זיך צום ניאַגאַראַ־וואַסער־פאַל, דאָס איז איינע פון די 7 וועלט־וואונדער. מיר אַלע וועלן שטאַרבן און פאַרגיין ווי אַלץ וואָס לעבט, אָבער די מעכטיקייט פון ניאַגאַראַ־וואַסער־פאַל איז אייביק אַלץ אַרום איז שיין ווי אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט". מיר שטעלן זיך אָפּ אויף 10 מינוט, גרייט צו לאָרנעטקעס בעסער צו זען דעם וועלט־וואונדער פון אַ פאַרגרעסער־גלאָז. איר נעמט אויף דעם וואונדער אין זיין גאַנצער גרויס. יאָ, עס איז אַ וועלט־וואונדער, איבער וועלכן פּאָעטן האָבן אַ סך געשריבן און קיינער פון זיי האָט דאָס אַלץ קיין ריכטיקן אויסדרוק נישט געגעבן. עס זיינען קיין ווערטער נישטאָ. דערנאָך וועלן מיר פאָרן איבער פלאַך־לאַנד, פאַראַן טייל פאַרמס. איר וועט זען ווי קי פּאַשען זיך אויף פעלדער. איך בין שטענדיק גליקלעך ווען איך זע אָט דאָס בילד. און איר?"

דער עולם און באָס, וואָס גייט קיין קאַנאַדע האָט געהאַט „פּאָן". איבערן גאַנצן וועג האָט דער דראַיווער כסדר געהאַלטן אין איין דעקלאַמירן ווי אַ „גאַיד". ער וואָלט ביי אַנדערע באַדינגונגען געוואָרן אַ רעציטאַטאָר, אַן אַרטיסט, אָדער גאָר אַ שרייבער, אַ פּאָעט. ער לעבט זיך אויס ביים עולם רייזנדער ווענמען ער דערציילט מיט אַזוי פיל פּאַטאָס די וואונדוירים פון וועג.

איך קען אַן אַפּטייקער אין אַ דראָגסטאָר, וואָס אַז איך גיב אים אַ קוואָ־דער פּאָר עפּעס וואָס איך קויף — ווייזט ער מיר אַ „קונץ" ווי דער קוואָדער ווערט גלייך אַרויסגענומען פון זיין אויער, פון זיין אַרבל, פון זיין האַלדז־קראַגן...

ער וואָלט אַוודאי געווען אַ פּאַקוסניק אין אַ צירק, אים ציט צו זיין דאַזיקער באַגאַבונג, אַז ער אילוסטרירט זי ביי די באַדינגונגען, אין וועלכע ער לעבט, פּאַר זיינע קונים.

מיין שכנטע האָט אַ לעבן אָפּגעאַרבעט אין אַ פאַבריק. די אַרבעט, טאָג איין טאָג אויס, דאָס איינטאָניקע שטיקל וועגס אַהין און צוריק פון פאַבריק, האָט איר אַביסל צוגעפּלאַטשט, צוגעטעמפּט.

זי איז ערשט אַן אַלמנה פון אַ יאָר 70. זי גייט אַרום און פייפט ווי אַ פויגל. פייפט אויס פאַרשידענע מאָטיוון, פייפט ווי אַן אמתער קינסטלער.

זי דערציילט מיר, אַז זי פלעגט אין פאַבריק אויך אַזוי פייפן — האָט דער טשערמאַן געלאַכט, האָבן אַלע אַרום איר געמאַכט חוזק, מען האָט זי געהאַלטן פאַר אַביסעלע... האָט זיך אויפגעהערט, ערשט איז זי פון קיינעם נישט אָפּהענגיק, טוט זי וואָס איר געפעלט.

איך האָב געקענט אַ פרוי (זי איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן), האָט זי געהאַט אַ נאַטור פון אַן אמתער קינסטלער. זי פלעגט זיך אויפהויבן זומער אין די פאַרטאָגן צו זען דעם אויפגאַנג.

אין די האַרבסטן פלעגט זי פאַרפאַלן ווערן אין וואַלד, אויף דער חתונה פון קאָלירן, וואָס דער האַרבסט, דער שדכן, האָט פאַרטראַכט...

זי האָט ווייניק געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען מאַלעריי. זי האָט בלויז געהאַט אַביסל אַלבאָמען מיט קאָלירטע רעפּראָדוקציעס פון גרויסע מייסטער.

זי האָט געמאָלן שלעכטע בילדער. אָבער מיט איר גאַנצער נשמה האָט זי אַלץ געפילט די נאַטור אַרום איר. זי איז געווען שטום, ווייל זי האָט זיך נישט געלערנט ווי אויסצודריקן אירע געפילן אויפן לייוונט.

נישט אויסגעלעבטע טאַלאַנטן.

אַ חלום

מיטאַמאָל, אַזוי אומגעריכט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ זו־מערדיקער טאָג אין יאַנואַר.

אַלץ וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט טרויעריקס, אומעטיקס, דורך די פּאָר חדשים האַרבסט און ווינטער, איז פֿאַרשוואונדן ווי אַ רויך.

דער טאָג איז געקומען ווי אַ מאַניפֿעסט פֿון פֿרייד. גאַסן, הייזער, ביימער האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן די שווערע ווינטער־מלבושים. טראָטואַרן האָבן געשיינט דעם הימל אַנטקעגן. דאָס ביסל גרין וואָס איז געווען פֿאַרדעקט מיט שניי, האָט באַקומען לשון זיך צעפּלוידערט ווי אַ קינד מיט פֿאַרווייַנטע אויגן פֿון פֿרייד.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן ווי געוויינלעך אין מרס. סאַפּירשטיינס הויז: מיטן מילך־מאַן, וואָס ברענגט פֿלעשער מילך, מיט אַ קלינגערײַ פֿון טעלעפֿאָן: פֿריינדינס האָבן זיך געפֿרעגט וואָס זי מאַכט. דער פּאָסט־טרעגער האָט היינט געבראַכט טאָפּלטע פּאָסט, עפּעס פֿאַרלעגענע צייטונגען, אַ בריוו וואָס האָט צוליב ניי־יאָר אויסגעוואַנדערט אַ וועלט, און ענלעך אָנגעקומען אויפֿן ריכטיקן אַדרעס; אַן אומגעריכטער בריוו פֿון אַ משפּחה אין ישׂראל, מיט אַ סך פֿריילעכע נייעס; עטלעכע „בילס", צווישן זיי פֿון דער טעלעפֿאָן־קאָמפּאַני.

אַלץ איז געווען אַזוי, אַז מרס. סאַפּירשטיין זאָל זיין פֿריילעך, ווי איר שטייגער, אַ קלאַפּ טאָן אויף דער פּיאַנאָ דאָס קינדיש צעשטיפֿטע „מאָמענט־מוזיקאַל" פֿון שובערטן און גיין פֿון אַרבעט צו אַרבעט, די געוויינלעכע הויז־אַרבעטן, וועלכע מרס. סאַפּירשטיין טוט מיט אַזויפֿיל פֿלייס.

אָבער דער חלום גייט איר נאָך און לאָזט איר נישט רוען.

מ'זאָגט, געוויינלעך, אַז אַ חלום איז אַ נאַר. מרס. סאַפּירשטיין האָט געלייענט אין ביכער, אַז אַ חלום קומט פֿון די טראַכטענישן און פּאַסירונגען פֿון פֿאַרגאַנגענעם טאָג. מרס. סאַפּירשטיין קאָן זיך נישט דערמאָנען עפּעס אַ מינדסטע געשעעניש פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג, וואָס זאָל האָבן כאָטש אַ קליינע שייכות צו איר חלום.

זי איז דאָך שוין אַזוי פֿיל יאָרן ווייט פֿונעם היטלעריסטישן קאָנצענטראַציע־קעמפּ, וואו זי איז געשטאַנען גרייט אָפּגעפּירט צו ווערן איבעם גאַז־קאַמער און דורך עפּעס אַ נס האָט זי זיך געראַטעוועט; איר מאַן, אירע קינדער, איר גאַנצע משפּחה זיינען פֿאַרברענט געוואָרן, אָבער דאָ אין אַמע־ריקע, האָט זי אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. איר צווייטער מאַן, וועמען זי האָט באַקענט באַלד נאָך דער באַפֿרייאונג. איז אַזוי גוט צו איר!... ער איז דאָ געוואָרן אַ גרויסער אונטערנעמער, איר הויז איז דאָס שענסטע אין שטאָט...

מרס. סאַפּירשטיין איז צוריק די וואונדערלעכע שיינקייט... זי איז נאָך אַלץ יונג, שלאַנק און פריש, פול מיט געלעכטער און געזאַנג... מענער קאָנען נישט גלייכגילטיק איר פאַרבייגיין.

אמת, די ערשטע צייטן איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן איר טראַגישע פאַרגאַנגענהייט, ווי יעדן איינעם, וואָס איז געווען אַ מאָל אין אַ טורמע, אָדער קאָנצענטראַציע־קעמפּ, און פאַרקלעמט איר ליכטיק פּנים, זיך גע־פלאָנטערט אין איר רייד.

אָבער זי איז דאָך שוין אַזוי לאַנג אַוועק דערפון...

וואָס האָט זיך עפּעס דער חלום פון דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט ווידער גענומען צו איר?

און זע: ער איז געקומען, דער חלום, מיט אַזוי פיל איינצלהייטן, אַז זי קאָן אים נישט פאַרגעסן.

אַזוי פיל פאַרגעסענע געשטאַלטן זיינען ווי אַרויס פון זייער קבר: איר ערשטער מאַן האָט איר געוויזן דאָס חופּה־קידושין רינגל; זיין געזיכט איז געווען אַזוי קלאָר, אַז זי האָט אויף אים דערזען דאָס קליינע ווערצעלע, דאָס חנעוודיקע ווערצעלע, אַרום דער אויבערשטער ליפּ. איר מיידעלע ברכה, האָט געהאַט דאָס איינגעבויגענע קליינע פינגערל אויף דעם לינקן הענטל; איר זונעלע, משהלע, האָט אַזוי זיס צוגעשטאַמלט אויף זיין שטייגער, אַ לייכטער שטאַמל, וואָס איז אים געקומען נאָכדעם ווי ער איז אַלס קינד, אַראָפּגעפאַלן פון טיש אין אַן אומגליקס־צופאַל, און האָט געקאָסט דער מאַמעס נישט איין נאַכט וואַך זיין...

איר לאַגער־חברטע, אסתר, האָט אויף איר געוואוינשאַפט נאָך אַלץ גערעדט וועגן ליבע און וועגן לעבן, נישט געקוקט אויף די מערדערישע לאַגער־באַדינגונגען; דער אויפזעער (קאַפּאָ) האָט געהאַט זיין שווידערלעכן פּנים און געשריגן מיט אַזאַ באַנומען קול, אַז מרס. סאַפּירשטיין האָט אַזש געשריגן פון שלאָף, אַז איר צווייטער גוטער מאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט, זי געקושט און געוויינט פאַר ווייטאָג. דאָס פּיצעלע ברויט, וואָס זי האָט באַ־קומען איז געווען ווי ליים און נאָך געהאַט אין זיך עפּעס אַ שטיק בלאָטיק פּאַפּיר, וואָס זי האָט זיך באַמיט אַרויסצוגעמען, נאָר דאָס פּאַפּיר האָט זיך געוויקלט ווי אַ סטענגע און וויפל זי האָט אים געצויגן האָט ער זיך אַלץ געוויקלט און נישט אויפגעהערט צו וויקלען זיך, עפּעס ווי אַ כישוף.

פון די לאַגער־אויוונס, אין וועלכע מען פלעגט פאַרברענען די פאַר־גאַזטע אומגליקלעכע יידן, האָט געזעצט דער קלעפּיקער, שטיקנדיקער רויך און האָט פאַרשפּרייט צוגלייך מיט עיפּוש אַ גרוילנדיקע שרעק פאַרן פּיצעלע לעבן, וואָס איז נאָך געבליבן... —

מרס. סאַפּירשטיין האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן דעם חלום מיטן גאַנצן

אוצר פון שיינקייט און רייכקייט, וואָס איז געווען ביי איר שטוב. זי האָט אַלעמאָל אַרויסגענומען עפּעס אַן אַנדער שיין געפעס, אַ גילדן, אויסטערליש שקעטעלע, אַ טייערן מינק־מאַנטל, אַ פּאַרפומען־סערוויס, אַ באַגילדעטן אַלבאָם פון איר זונס בר־מצווה, אַ נייעסטע פּלאַטע־געזאַנג פון אַ זינגערין...

זי איז אַרומגעגאַנגען פון צימער צו צימער, וואָס זיינען אַלע מיט אַזוי פיל רייכקייט און געשמאַק אויסגעשטאַט געווען, זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ רעפּראָדוקציע פון מאָדיליאַני, פון מאַרק שאַגאַל, פון חיים סוטין, פון וואַן־גאָג — אָנגעטאַפּט די בילדער מיטן האַנט, ווי קלאַמערנדיק זיך אין איר נייער גליקלעכער ווירקלעכקייט — —

נאָר דער חלום איז איר אַ גאַנצן טאָג נאָכגעגאַנגען און ווי געדראָט מיט אַ פינגער:

„די אַלע, וואָס זיינען דאָרט געווען קערן זיך שוין נישט אום צוריק" — די אַלע, וואָס האָבן דאָס שרעקלעכע איבערגעלעבט קאָנען שוין אויף אייביק נישט געווינען זייער גלייכגעוויכט...

דער „זעלבסטמערדער"

דאָס לעבן האָט אים כסדר אָפּגעטאָן שפּיצלעך, געווען מיט אים קידער־ווידער, אים דערנידעריקט, געלייגט שטיינער אויף זיינע פליגל, אים געטריבן, געווען אויף זיג־זאַג־וועגן, דערצו האָבן זיך געמערט זיינע פיינט. פאַר איינעם פון זיי האָט ער באַזונדערס מורא געהאַט, טאַקע ווייל ער האָט זיך כסדר געהאַלטן אין איין דערקלערן פאַר אַ פריינד. ער האָט געטראַכט — אָט דער וועט זיין דער ערשטער, וואָס וועט אויפהויבן אויף אים דעם שטעקן אין אַ שלעכטער מינוט ווען אַלץ וועט אים פאַרלאָזן. דאָס איידעלע, גוטע ווייב, וואָס האָט געזאָגט אויף אַלעם וואָס ער האָט געטאָן, אַז ס'איז גוט און נאָטירלעך, און פאַר וועמען ער האָט קיין סודות נישט געהאַט, האָט אים פאַרראַטן, פאַרראַטן צום טויט. זי האָט שטענדיק גע־רעדט וועגן טויט ווי וועגן אַ ווייטן גוטן פריינד פון אַ קליינער באַגעגעניש. לאָמיר זאָגן: אַ צופעליקע גוטע באַגעגעניש אין באַן, ביי וועלכע ביידע באַדויערן, וואָס די צייט איז אַזוי גיך אַוועק און עס איז גוט אין זכרון אומצוקערן זיך דערצו. זי האָט זיך פאַרקילט, באַקומען אַ לונגן־אָנצינדונג און געשטאָרבן. געשטאָרבן אַזוי אומגעריכט, ווי אַלץ וואָס פאַסירט אין זיין לעבן.

זי איז געווען די איינציקע פאַר וועלכער ער האָט נישט געשפּילט קיין טעאַטער.

ס'איז אים דערווידער געוואָרן דאָס כסדרדיקע שפּילן טעאַטער מיט

די באַאַמטע און באַאַמטינס אין דער באַנק, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט. יעדן פרימאָרגן איז די זעלבע פראַגע:

— האַו דו יו דו טודעי, מר. פינקעלשטיין?

— דזשאַסט פיין.

— וועררי גוט, — ציט אויס אַרויף מיט איר דין שטימעלע די קאַסי־רערין.

ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן.

ער האָט שוין געהאַט אַלץ אויסגערעכנט, פאַרויסגעזען, ווי מען וועט אים, פינקעלשטיינען, געפינען אין דער וואַנע אַ טויטן. ווי שטיל ס'וועט ווערן אויף אַ שטיק צייט אין זיינע צימערן ביז אַנדערע מענטשן וועלן קומען און דינגען די דירה; ווי זיי וועלן אויסרוימען די קלייניקייטן וואָס די אונ־טערזוכונג האָט נישט געהאַלטן פאַר וויכטיק. ווי מען וועט זיך עס שושקען אַ צייט לאַנג אין זיין באַנק, און ווי די בלאָנדע קאַסירערין וועט עס יעדן איינעם פון סטעף דערמאָנען וועגן אים, פינקעלשטיינען, וועגן זיין אומדער־וואַרטן סוף, כדי אַרויסצובאַקומען דאָס איינציק ווערטעלע:

— „טעריבל!" אָדער „מיין גאָד!".

אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז געווען גרייט יעדן טאָג צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן, איז ער אָנגעפילט געוואָרן מיט מאָדנער פרייד, מיט גליקלעכער רואיקייט, פול מיט פאַרגעבן אַפילו צו זיין ערגסטן שונא. ער האָט זיך נישט געיאָגט דאָס צו טאָן, ווייל דער באַשלוס איז געווען געמאַכט. ער וועט אים נישט ענדערן און ער האָט נישט דעם מינדסטן צווייפל, אַז ער וועט עס טאָן, וואָס איז ער, אַ פחדן?

***

פון דער צייט ווען פינקעלשטיין האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, זיינען שוין דערווייל אַריבער עטלעכע צענדליק יאָר. פינקעלשטיין, וואָס איז שוין ביי די זיבעציק, איז גערימט פאַרן בעסטן, פאַרן שטילסטן מענטשן; פאַר אַ מענטשן, וואָס רעגט זיך קיינמאָל נישט אויף, וואָס ענטפערט נישט אַפילו אויף דער שווערסטער באַליידיקונג. פינקעלשטיין שמייכלט טיילמאָל צו זיך אַליין:

— זיי ווייסן נישט די סיבה פון מיין פרייד און פון מיין מוחל זיין דער גאַנצער וועלט...

אַ פאַסירונג אין פשוטן טאָג

אַ פיירנד דערציילט:

...דאָס בייע הויז, אין וועלכן ער האָט געקראָגן אַ צימער, האָט געהאַט עטאַזשן און איז געווען געבויט קאַרידאָרן־סיסטעם. קעגנאיבער אים האָט 4

געוואוינט עפעס אַ „טשין" פון האַנדלס־מיניסטעריום; אין ווינקל — אַ דאָקטאָר, אַ משומד, וואָס איז אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע געווען אויף דער אַרישער זייט און געשפּילט אַ ריינעם אַריער. איצט, אין נייעם פּוילן, ווען ער האָט שוין געקענט צוריק ווערן אַ ייִד, האָט ער נישט געוואָלט מער בייטן די ראָלע. אַ ביסל ווייטער — אַ לערערין, אַן אינזשיניער, אַ באַאַמטער. איבער אָט דעם עטאַזש אויפֿן פערטן, האָט געוואוינט אַ פּאָרפּאָלק, ביידע טראַמוויי־אַרבעטער, מיט דריי פּיצלעך קינדער און מיט אַן אַלטער מאַמען.

אַלע שכנים זיינען ערשט געווען פאַרזאַמלט אויבן: דאָס ווייב האָט פאַרגעסן צו פאַרמאַכן דעם קראַן מיט וואַסער, ווען די אַלטע מיט די קינדער זיינען גראָד געפאָרן באַזוכן משפּחה. דאָס וואַסער האָט פאַרגאָסן דעם דיל און געפלאָסן אַראָפּ, אויפן דריטן עטאַזש. דער פאַרקעט האָט זיך געהויבן ווי אַ בריק. די פּיערלעשער האָבן אויסגעפּאָמפּעט דאָס וואַסער, אַלע זיינען געשטאַנען אַנטקעגן און איין פרוי האָט געהאַלטן אין איין טענהן:

— ווי פאַרגעסט מען עס צו פאַרדרייען אַ קראַן?

— די גאַנצע וואַנט אונטן איז פאַרגאָסן.

— דער סופיט וועט זיך נעמען קרישלען.

— ווי איז מען אַזוי צעחושט?

דער מאַן האָט געשריען, די קינדער האָבן געוויינט, די אַלטע מוטער האָט געכליפּעט, דאָס ווייב, „די שולדיקע" האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ.

דאָס וואַסער האָט מען פאַמעלעך אַוועקגענומען, אָבער דעם פאַרקעט האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ נייעם.

דאָס פּאָרפאָלק האָט ווי עס איז געלעבט. פאַר דער דירה צאָלן זיי זייער ווייניק, אָבער צו מאַכן אַ נייעם פאַרקעט דאַרף מען אַליין צאָלן. דעמאָלט איז מיין פריינד געווען דער איינציקער, וואָס האָט געפּרוווט איינשטילן די אויפגערעגטע איינוואוינער און אָנגעבאָטן זיין הילף פאַר די קאָסטן פון פאַרקעט.

די לאָקאַטאָרן האָבן זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און אין אַנבליק פון אָט דעם אַקט פון גוטסקייט זיינען איינער נאָכן אַנדערן אַוועק. די אַלטע מאַמע איז אים געפאַלן צו די פיס.

— איך האָב געטאָן אַ גוטע זאַך — פירט אויס מיין פריינד, — אַלץ האָט זיך פאַמעלעך איינגעאָרדנט. דער סופיט האָט זיך נישט געקרישלט, מען האָט נאָך אַ ביסל באַדאַרפט פאַרשמירן די פלעקן. מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגעבעטן. עס איז באמת געווען אַ מינדערוויכטיקער פאַקט, אָבער אין וויפיל אַזעלכע „טראָבעלס" פאַלן מיר אַמאָל אַריין און עס פעלט אונדז אַ טראָפּעלע גוטסקייט, וואָס זאָל אונדז נישט לאָזן פאַלן? אַזעלכע פּאַסי־רונגען קענען דאָך טרעפן מיט אונדז אומעטום, צו יעדער צייט.

אַ בריוו

איך בין אייך שולדיק אַ בריוו, מאַדאַם.

איך האָב נישט געענטפערט אויף אייעריקע פּילמאָליקע שמייכלען, וואָס איר האָט מיר באַוויליקט צו געבן, ווי מען גיט נדבות, ווייל איר האָט נישט אויפגעהערט צו קיניגן מיט אייער אויסטערלישער שיינקייט, מיט אייער קיניגלעכער קליידונג, מיט אייער קלוגשאַפט. מיר האָבן אָפּגעשאַפט קנעכט און דינערס. זיי וואָלטן אייך געהאַסט.

אייער הכנעהדיקער בריוו איז איינער פון אייערע קאַפּריזן. אַזאַ קאַפּריז ווי אַ שיינער זומערדיקער טאָג אין מיטן ווינטער. אַזוי איז די נאַטור און איר האָט אין וועמען געראָטן צו זיין.

אָט אַזאַ געשטאַלט ווי אייערס האָב איך געהאַט געזען ביי וואַן־דייקן. ער האָט אייער געזיכט ערגעץ געשפּיגלט אין אַ שפּיגל. און אַ שפּיגל (ווי אַלע שפּיגלען אויף דער וועלט) טוט אָפּ שפּיצלעך פון קנאה און באַווייזט דעם טויט.

ער טוט עס, דער שפּיגל, זייער איידל, ווי אַ קיל ווינטל אין יוני־חודש, וואָס רעדט אַזוי שאַרף פון שניט־צייט, כאָטש די תבואה וואַקסט ערשט אויפן פעלד.

איר, חשובע מאַדאַם, האָט אויך געמוזט טראַכטן פונעם האַרבסט פון אייער לעבן, ווען איר האָט געשריבן אייער בריוו, פאַררופנדיק זיך אויף מיינס זייער אַ טרויעריק ליד, וואָס האָט צוגעטראָפן אייער שטימונג.

איר שרייבט:

„די נאַראָנים, פאַרערער מיינע, רעדן כסדר וועגן פרילינג און איך טראַכט וועגן האַרבסט. עמעץ האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז מיין האַרבסט דאַרף זיין שענער, טיפער, טראַגישער ווי מיין פרילינג, זייט איר מסכים?"

אָרעמע שיינקייט!

דאָס גאַנצע לעבן טראָגט איר זיך אַרום מיט אַ פרעמדער מתנה, מיט דער שיינקייט, וואָס איז אַ טייל פון יענעם גרויסן סוד, וואָס רינגלט אונדז אַרום און איך בין דער קלענסטער אים צו פאַרענטפערן.

אַ סך פרילינגס און אַ סך האַרבסטן וועלן נאָך קומען אויף דער ערד, עמעץ מישט איבער ווי אין אַ בוך בלעטער פון שיינקייט.

איך ווינטש אייך, ליבע מאַדאַם, אַז אַ גוטער קינסטלער זאָל אייך מאָלן. איך ווייס, אַז אייערע וואונדערלעכע אויגן וועלן דעמאָלט פאַרלירן אַ סך פון זייער באַפעלערושקייט. די לייט (די קינסטלער) זיינען שטענדיק פאַר־קוקט אויפן סאַמע סוף און זיי זעען טיילמאָל אין אַ קליין מיידעלע — די קומענדיקע באַבעשי. אייערע אויגן וועלן ווערן פאַרגעבנדיק מילד און שטיל און מיט דער שיינקייט פונעם האַרבסט פון אייער לעבן.

שלעכטס

ווען יצחק דערמאָנט זיך אין רחלען, קומט אים אויס, אַז איר וואונדערלעכע שיינקייט איז עפּעס אַ פרעמדע זאַך, וואָס איז דורך אַ צופאַל צוגעקלעפּט צו איר פּנים.

ער קען נישט פאַרשטיין, ווי קומט עס צו אַזאַ שלעכטן כאַראַקטער, וואָס זי פאַרמאָגט, אַזאַ אויסטערלישע שיינקייט?

זי איז הויך און שלאַנק און איר געזיכט איז ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער, וואָס שפּילט טרויעריקע מוזיק.

אַ וואַלד פון שוואַרצע האָר נעמען אַרום דעם שניי־וויסן שטערן; איבער די בלאָע אויגן האָט אַן אָדלער אַ הויב געטאָן צוויי פליגל צום פליען; די דינע אויסגעטאָקטע נאָז איז אַזוי ווייס ווי איר שטערן און די ליפּן זיינען ווי אויסגעשטרעקטע שטענדיק צום געבעט; אין דער שיין־אויסגעפּאַרמטער גאָמבע איז פאַראַן אַזאַ חנעוודיק גריבעלע אונטן; אירע ברוסטן זיינען פול און שטייף און שפּאַרן אַרויס פון איר ברוסט־האַלטער; די פינגער אירע זיינען מאַרמאָר־ווייס, דין און לענגלעך, און איר שטים? — איר שטים איז אַזוי זיס־קלינגענדיק, באַזונדערס ווען זי צעלאַכט זיך.

טאָ ווי קומט עס צו איר אַזאַ מין רשעות?

עס דערמאָנט אים שטענדיק אין אַ פייגעלע, אַ שיין קאָלירט פייגעלע, אַ זינג־פויגל וואָס שפּרינגט אַרום פון רוים צו רוים אַן זאָרג, און פלוצעם לאָזט עס זיך אַראָפּ אויף דער ערד, זוכט מיטן שנאָבעלע אין דער בלאָטע, פּאַקט ערגעץ אַ שלענגעלע, צעשניידט עס אויף צווייען מיטן שנאָבל און פליט אַוועק מיט איין העלפט. דאָס שלענגעלע איז אומשולדיק, קריכט דאָס גאַנצע לעבן אויפן בויך פאַר דער „זינד” וואָס איר עלטער־עלטער־עלטער זיידע האָט אַ מאָל אָנגערעדט חוהן צו עסן פונעם בוים פון וויסן...

אין זיין, יצחקס, לעבן האָט זיך רחל אויך אַזוי אַריינגעמישט, אים מיט איר זיס פּיסקעלע צעשניטן אויף צווייען.

זי איז געקומען גראָד אין אַזאַ מאָמענט ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז זיין גאַנצע וועלט פאַלט איין.

ער איז געווען אַ פּרינציפּאַל אין אַ שול און נישט צוליב זיין שולד, זיך צעקריגט מיט זיינע באַלעבאַטים. נישט מיט אַלע באַלעבאַטים, נאָר מיט אַ באַלעבאָס — עפּעס אַ גרויסע שישקע אין שטעטל, וואָס האַלט אַלע אָרגאַניזאַציעס אין זיין האַנט. צעקריגט האָט ער זיך נישט אַזוי מיט אים אַליין ווי מיט זיין ווייב, וועמען ער שיקט שטענדיק פאַראויס, ווי די פּיעכאָטע אויף אַ שלאַכט־פראָנט שיקט איר שליח די אַרטילעריע.

און דוכט זיך, אַ קלייניקייט: זי האָט אים גענומען זאָגן דעות אין זאַכן וועגן וועלכע זי האָט קיין שום באַגריף נישט. איין מאָל, אַ צווייט מאָל,

אַ דריט מאָל, האָט ער איר אין אָנהויב זייער איידל געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס איז נישט איר געביט.. האָט זי זיך אויפגעקאָכט. אָבער אַלץ, האָט זיך געדאַכט, איז פאַרהיילט געוואָרן. עס איז שטיל געווען אַ שטיקל צייט, ביז ס'איז געקומען צו אַן אָפענעם איבערווערטלען זיך אויף אַ זיצונג. כאָטש די פּרוי פונעם פּרעזידענט פון דער שול געהערט נישט צום קאָמיטעט אָפיציעל, פאַרפעלט זי נישט אין זיצונג. האָט זיך איינמאָל גענומען אַ וואָרט און געמאַכט די גאַנצע פּראַצע, וואָס יצחק האָט אַריינגעלייגט אין דער שול, מיט דער בלאָטע צוגלייך. יצחק האָט דאָס נישט געקענט אַראָפּשלינגען. האָט ער איר צום לעצטן מאָל געזאָגט, אַז זי זאָל זיך אין דערציאונגס־ענינים נישט מישן. זי האָט געענוג אַרבעט אין אירע אָרגאַניזאַציעס.

נו, האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס. און מאַדנע: פּלוצעם זיינען אַלע „גוטע פריינד" זיינע, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַט אַ פול מויל מיט לויב וועגן זיין אַרבעט, עפּעס ווי אויסגערונען. קיינער האָט נישט גענומען קיין וואָרט אים צו פאַרטיידיקן. ער איז געבליבן אַליין. מען האָט אים אַזוי לאַנג געמאַטערט ביז ער האָט געמוזט אָפּטרעטן. ער האָט פאַרלאָרן זיין פּאָסטן און איז אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט.

דעמאָלט טאַקע האָט ער זיך באַקענט מיט רחלען.

אויף זיין אָפענער וואונד איז זי געווען ווי אַ פּלאַסטער. ער האָט זיך אַליין געפּייניקט מער ווי ער האָט עס אַפילו באַדאַרפט. ער האָט צו יעדער צייט געקענט ווערן אַ לערער אין אַ מלוכה־שול (און ער איז עס שפּעטער טאַקע געוואָרן). אָבער ער האָט נישט געקענט צוזען דאָס מענטשלעכע שלעכטס, נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז אויף דער וועלט עקזיסטירט אַזוי פיל אינטריגע, און מער ווי אַלץ האָט אים געמאַטערט די שוואַכקייט פון זיינע „גוטע פריינד", וואָס האָבן אים פאַרלאָזן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון טראָפּפעלע כבוד, וואָס זיי האָבן דערוואָרט פונעם פּרע־זידענט פון דער שול, ער זאָל זיי ביי אַ געלעגנהייט צוטיילן... רחל האָט אים געטרייסט. איר בעטנדיק געזיכט איז געווען עפּעס אַ תפילה, וועלכע ער האָט זיך געשעמט צו זאָגן. איר פּנים האָט עפּעס ווי געדאַוונט פאַר אים אַליין.

אָבער זיין גליק האָט לאַנג נישט געדויערט. רחל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן ארורה. איר שיינקייט, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון איר איידל געזיכט, איז געווען ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך, אַן אויסטערליש שפּילצייג, וואָס מ'שענקט אַמאָל אַ קינד און עס ווייסט נישט וואָס דערמיט צו טאָן.

עס זיינען אַריבער יאָרן. עס זיינען געבוירן געוואָרן קינדער. יצחק ווי אַ דערציער, האָט געוואוסט ווי שווער עס ווירקן אויף די קינדער די רייַ־סערייען צווישן די עלטערן, און ער האָט אַלץ פאַרשוויגן. וואָס האָט זי פון

אים געוואָלט? זי האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס זי וויל פון אים. ער האָט שווער געאַרבעט בייטאָג, געלערנט אין דער מלוכה־שול און אין די נעכט זיך אַליין געלערנט, געאַרבעט אויף זיין „מאַסטער דיגרי". ער האָט נאָך דעם אַלעמען דאָך געפונען צייט פאַר איר אויך: זי אויסגענומען נישט זעלטן אויף פאַרוויילונגען, כאָטש אויף קיין פאַרטיס מיט זיינע אַמאַליקע גוטע פריינד האָט ער מער נישט געוואָלט גיין. ער האָט זיך געהאַלטן פונ־דערווייטנס פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, דאָרט וואו זיין געוועזענער פרעזידענט האָט געהאַט אַ האַנט.

ער האָט זיין „מאַסטער דיגרי" דערגרייכט, אין משך פון יאָרן אַפילו באַקומען אַ דאָקטאָר־טיטל, געוואָרן אַ פרינציפּאַל פון אַ שול, אָבער זיין רחל האָט אים נישט אויפגעהערט צו יאַדען: וואָס ער זאָל נישט טאָן, איז איר נישט געפעלן געוואָרן — צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן!

דאָס לעבן מאַכט אָן טעותים. שלעכטע מענטשן פעלן נישט, פונקט אַזוי ווי עס זיינען דאָ גוטע געגנוג. אָבער פאַרוואָס פאַרט אַזוי דער גורל בלינדערהייט צונויף מענטשן? און פאַרוואָס קען עקזיסטירן שיינקייט טייל־מאָל ביי אַ פרוי, וואָס זאָל גאָרנישט אָפּשפּיגלען די אינערלעכע פאַרדאָר־בענקייט און רשעות?

יצחק קען דאָס נישט פאַרשטיין.

און איר קענט עס פאַרשטיין?...

מוזיק

איך בין געזעסן נעבן אַ מיידל אויף אַ באַנק און ביידע האָבן מיר געוואָרט אויף אונדזערע באָסעס. שפּעט ביינאַכט אין טוירמינאַל פון די צווישן־שטאָטישע באָסעס.

די צייט האָט זיך געקלעבט ווי צעלאָזענע גומע; דער טוירמינאַל איז געווען העל באַלויכטן, נאָר אין דער נשמה איז געווען פינצטער, ווי שטענ־דיק, ווען מען איז מיד. איך האָב אַ זינג געטאָן פאַר זיך איינע פון מיינע באַליבטסטע ניגונים, אַ מאָטיוו פון „טשאַיקאָווסקיס „באַרקאַראָלאַ".

און דאָ איז געשען דער וואונדער: דאָס מיידל וועלכער איך האָב קיינ־מאָל נישט געזען און וועל מער נישט זען אין מיין לעבן, האָט פאַרטגעזעצט דאָס וואָס איך האָב אָנגעהויבן.

איך בין געווען אַזוי „צעשרויפט" דערפון, אַז איך האָב מיר אָנגענומען מוט און געפרעגט ווער זי איז. זי רעדט זייער און זייער אַ שלעכטן ענגליש; איך האָב זי נישט פאַרשטאַנען, איך האָב נאָר קוים דעשיפרירט איר לשון, אַז זי איז פון פּערו און אַז זי וואוינט איצט אין וואַשינגטאָן, פון גרויס

אומדערוואַרטונג האָב איך אַ זינג געטאָן באַכס „קאַנטשערטאָ נומער איינס אין „איי מיינאָר", וואָס איז מיט מיינע כריפּנדיקע שטים־בענדער אַרויסגע־קומען ווי אַ חסידישער ניגון, אָבער זי האָט אים געדענקט און פאַרגעזעצט.

פריילעך דערשידערט האָט מיין טיוולאָנישע נייגעריקייט איר געוואָלט פּרוּוון צי זי ווייסט, למשל, באַכס סואיטעס. איך האָב אַ זינג געטאָן באַכס אַ פראַנצויזישע סואיטע — זי האָט פאַרגעזעצט. איך האָב אַ זינג געטאָן בעטהאָווענס סאָנאַטע פון לבנה שיין („מון לאַיט סאָנעיט") זי קען עס.

בין איך שוין איינגאַנצן „עקסאַיטעד" און גיב אַ זינג דעם אָנהויב פון מאָצאַרטס קאָנטשערטאָ נומער 20 — זי געדענקט אים.

איך און זי האָבן געוואָרט אומגעדולדיק אויף אונדזערע באַסעס. אָבער ווען מען האָט אויסגערופן מיין באַס, האָבן מיר ביידע באַדויערט וואָס מיר דאַרפן זיך אַזוי פרי שיידן...

צוויי הינט

פאַראַן עטלעכע הינט אויף מיין גאַס. איינער איז אַ ראַסאָוועך וואָלף־הונט, אַ „קראַסאַוויעץ", נאָר ביטער ווי גאַל האָלט אין איין האַווקען, און די שעה זאָל נישט געשען איר זאָלט חלילה אַריינפאַלן, ווי מען זאָגט, „צו אים אין די הענט אַריין" — אַ גזלן! ער איז שטענדיק צוגעבונדן צו אַ קייט און היט דאָס הויז פון אַ גראָסערימאַן וואָס מוז שטיין אין זיין סטאָר פון 9 פרי ביז 10 אָוונט. ערשט אין אָוונט, פירט דער אייגנטימער פונעם הונט אים אַרום אויף דער פרישער לופט, מוז ער האַלטן די קייט אין ביידע הענט, ווייל נישט ער פירט דעם הונט, נאָר דער הונט רייסט אים ווי אַ פערד...

פאַראַן עטלעכע יונגע הינט, וואָס זיינען נאַריש און שמעקן צו אַלטע פאַרבייגייער טראָץ די פּראָטעסטן פון זייערע באַלעבאַטים. דאָס זיינען יונגע הינט וואָס פאַרשטייען נאָך נישט, אַז זיי דאַרפן בייסן, אָבער איך שרייב ערשט וועגן דעם גורל פון צוויי הינט, איינער אַן עובר־בטל, וואָס איז, לויט זיינע יאָרן, דאָס וואָס ביי מענטשן, להבדיל, איז אַ מאַן פון 80־90. קוים וואָס ער שלעפּט זיך. קיין הונט וויל מיט אים נישט האָבן עסקים; ער איז באַ־וואַקסן ווי אַ קאָזיאָל, אָבער זיינע אייגנטימער לאָזן אים גיין. ער האָט אַמאָל אין זייער שטוב אָפּגעשפּילט אַ ראָלע. ער איז געבליבן מיט די קינדער ווען די באַלעבאַטים פלעגן גיין צו דער אַרבעט. ער איז געוועזן הינטיש ערלעך, געטריי, קלוג און געהאַרכזאַם יאָרן גאַנצע. איצט דערוואַרט אים דער טויט, אָבער דערווייל דרייט ער זיך אַרום שלינג און שלאַנג אויף דער גאַס, גיט אַמאָל אַ הייזעריקן ביל צו לאָזן וויסן, אַז ער לעבט נאָך, אַז מען האַלט אים

נישט אומזיסט. ער קריכט פּאַמעלעך און וואַקלט זיך, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. ער קריכט אַזוי ביז ער דערגייט צום הויז, וואו אין אַן אָפן פענצטער פון צווייטן שטאָק שטייט דאָס יונגע הינטל פון אַ יונג פּאָרפאָלק און שפּילט זיך מיט אַ קליין יינגעלע, וואָס זיצט און קוקט אַרויס אין דרויסן. דאָס הינטל שפּילט זיך מיטן קינד גאַנצע טעג. עס קושט אים אויף זיין הינטישן אופן, לאָזט אים נישט זיך אַריבערבייגן, לאָזט זיך פון קינד רייסן דעם וויידל, רייסן ביי די אויערן, ווי עס וואָלט דעם הונט פאַרשאַפט באַזונדערע הנאה, אָבער אַ הונט ציט צום דרויסן, ער קוקט מיט קנאה אויף די הינט וואָס לויפן פאַרביי אונטן, שמעקן און זוכן אַרום אין גראָז ווערעם, זיינען משתּין מיט אַן אויפגעהויבן פיסל ביי אַ בוים צו געבן סימנים פון זיך אַנדערע הינט.

דער אַלטער הונט איז דער איינציקער וואָס קוקט אַרויף אויבן צום יונגן הינטל און דאָס יונגע הינטל ענטפערט מיט אַ פריינדלעכן ביל, ווי ער וואָלט געפילט, אַז אין יאָרן אַרום דערוואַרט אים אויך אַזאַ סוף.

אַ מאַמע

איך האָב באַדאַרפט זיין אין אַרט, וואו כ׳בין שוין לאַנג נישט געווען. דאָס אַרט איז אַן אַ זייט פון שטאָט. דאָרט אויבן וואוינט מיינס אַן אַלטער פריינד, אַן איינצלנער מענטש. אונטן וואוינען לאָקאַטאָרן (טענענטס). אויף דער ווערענדע האָט מיך באַגעגנט מיט אַ געוויין אַ קאַץ, אַ ווייסע קאַץ אַן אַ שפּרינקעלע, אַ קלאָר ווייסע קאַץ, אַ שיינע ליכטיקע קאַץ, זי האָט מיך באַגעגנט מיט אַזאַ עלנט געווין, יענעם געוויין וואָס איך טראָג אין זיך אַזוי אָפט אין דער גרויסער שטאָט ווען איך בין פון עמעצן באַליידיקט אָדער איך האָב נישט צו וועמען צו גיין.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ פּאָר אויגן, פול מיט ווייטאָג און געבעטן איך זאָל איר אַריינלאָזן אינעווייניק.

ווען זי איז געווען שוין אין קאָרידאָר איז אַרויס אַ פרוי אַ צעכראַסטעטע מיט צעפלאַשעטע האָר און מיך אויסגעזידלט פאַרוואָס איך האָב זי אַריינגעלאָזט — זי קריכט שוין אַזוי אַרום ביי עטלעכע וואָכן און זי וויל פון דאַנען נישט אַוועק. זי דאַרף האָבן קעצלעך, זוכט זי אַ וואַרעם אַרט.

— טאָ פאַרוואָס לאָזט איר זי נישט אַריין?

— איך דאַרף האָבן זי זאָל מיר פאַראומריינן די שטוב און עס זאָל נישט אויפהערן דאָ מיאַוקען טאָג און נאַכט?

— זי איז נישט אייער קאַץ?

— זי איז אַ קאַץ וואָס האָט זיך מסתמא אַרומגעשלעפּט און זיך אָנגעמאַכט קעצלעך...

די פּרוי האָט מיטן פוס כסדר געשטופּט די קאַץ צום אַרויסגאַנג און די קאַץ האָט ביטער געמיאַוקעט, זיך געריבן דעם רוקן אָן איר פוס, געבעטן, געחלשט זי נישט אַרויסצוואַרפן און אירע אויגן האָבן מיר דערמאָנט די אויגן פון אַלע מענטשלעכע מאַמעס אין די הויכע חדשים אין וועלכע עס זיינען אויך פאַראַן אַזוי פיל געבעט, שרעק און האָפענונג, נאָר זיי דערוואַרט אַ זיסער וויטאָג פון האָבן און אַ סך גליק. גליק פון וואַכן, פון וויג־לידער איבער וויגלעך, פון אַ סך, אַ סך זאָרג וואָס איז אויך אַזאַ גרויס, גרויס גליק.

מיס וויאָלעט

דאָרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אין מיין שטעטל אין פּוילן אַראָפּגעקומען אַ צירק.

אַ פראַנצויז, וואָס איז מיט אַ מאָטאָרציקל אַרומגעפאָרן מיט אַן אויסטרעלישער שנעלקייט אַרום אַ הויכער קיילעכדיקער הילצערנער וואַנט, די וואַנט איז שרייענדיק רעקלאַמירט געוואָרן ווי אַ טויטן־וואַנט, די הייזעריק גרילצענדיקע אַפּישן האָבן פאַרטרעטלט די וואַנט מיט עמבלעם, וואָס יעדער אַפּטייק קלעפּט־צו צו סם׳ענדיקע פלעשלעך פון אירע רפואות; אַ שאַרבן מיט צוויי ביינער. אַ קונצנמאַכער, וואָס ציט אַרויס שווערדן פון האַלדז.

אַ נישט געוויינלעך הויכער מאַנספאַרשוין פון 7 פוס די הויך.

אַ פּרוי פון דריי הונדערט פונט די וואָג; בערן וואָס טאַנצן.

מאַלפּעס, וואָס זיינען אַזוי דרעסירט, אַז זיי פאָרן אַרום אויף אַ רייט־וועגעלע (באַיסיקל) און דער עיקר, מיסס וויאָלעט.

איך וויל ניט אָנשטרענגען מיין פאַנטאַזיע אַרום אומגליקלעכן ווען וואָס איז געווען איין אויסגעשטעלטער פראַגע־צייכן קעגן די הימלען. די אַלע פראַגע־צייכנס, וואָס זיינען נאָר פאַראַן זייט טויזנטער יאָרן און מיר, מענטשן־קינדער, האָבן אויף זיי ניט קיין ענטפער.

אַ זעלטן שיינער, איידעלער, צאַרטער פּנים פון אַ מיידל, וואָס האָט נישט קיין הענט און קיין פיס, זיצט אויף אַ ספּעציעל הויך אויסגעבעט בענקל און מאָלט מיטן מויל פאָרטרעטן. איך בין זיך מודה, אַז מיר טוט וויי ווען מען מאַטערט חיות, אַז זיי זאָלן ווערן האַלבע מענטשן, פונקט אַזוי ווי מען וויל מאַכן פון מענטשן חיות.

עס האָט מיר געשניטן דאָס האַרץ פון די אַלע צוויי־דייטיקע רמזים אויף דער מיסס וויאָלעט ווי אַ פרוי וואָס „וואוילע יונגען" האָבן געמאַכט, איר אַרומריינגלענדיק.

אָבער מיסס וויאָלעט איז געווען די אַטראַקציע פון צירק. דער דירעק־טאָר — אַן אַסימילירטער איד האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן שטעטל מיט אַ גרויסן וואָלף־הונט און געשעפּט נחת פון זיינע געשעפטן, וואָס זיינען גוט געגאַנגען.

פון אַ קליינעם שמועס מיט מיסס וויאָלעט (אַזוי האָט איר דער דירעק־טאָר רעקלאַמירט ניט אַנדערש ווי „מיסס" און ניט „פּאַני" ווי מען דאַרף אין פּוילן רופן אַ פרוי) בין איך געוואויר געוואָרן, אַז זי איז אַ יידיש מיידל. דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש האָט אַ מאַמען ערגעץ אין אַ שטעטל אין פּוילן, אַן אַלטע מאַמע וועמען זי שיקט אַ גרויסן טייל פון אירע פאַרדינסטן. דאָס איז איר איינציק גליק אין לעבן.

— — — — — — — — — — — —

מיט דער ערשטער היטלעריסטישער באָמבאַרדירונג אויף פּוילן, איז דער צירק פאַרשוואונדן פון שטעטל. דער פראַנצויז איז דער ערשטער אַנט־לאָפן מיט זיין מאָטאָרציקל. דער דירעקטאָר האָט איינגעפּאַקט זיין האָב און גוטס אַלע זיינע בערן און מאַלפּעס און זיך אָפּגעטראָגן... כ'האָב געהערט אַז מיסס וויאָלעט איז אומגעקומען אין שטעטל קאַלושין פון אַ דייטשער קויל.

„אָנקל טאָמס כאַטע"

דער דיאַלאָג איז דאָס מאָל געגאַנגען שנעלער ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. דער שוואַרץ־הויטיקער בחור וואָס איז געפאָרן פון וואַקאַציע צום אוניווערסיטעטס־שטעטל, האָט בלויז אַ קליינע ווייל אַ טאַש געטאָן זיין הויפן ביכער, געזוכט עפּעס אַ פאָרטל ווי אַנצוהייבן פירן אַ שמועס און, אַז דער שמועס האָט זיך פאַרבונדן, האָב איך גלייך געוואוסט ווער ער איז, וואָס ער איז, פונוואַנען ער קומט.

רעדנדיק מיט אים, האָבן זיך מיר דערמאָנט די רוסישע מענטשן וועלכע זיינען אַזוי באַקאַנט מיט זייער אָפנהאַרציקייט און טראָגן אַרום ווי מען זאָגט „דאָס האַרץ אויף אַ טעלערל".

...ער איז שוין דער דריטער דור פון אַ משפחה וואָס אַרבעט פאַר דער מלוכה. דער זיידע האָט געפירט אַ הויז אָבער דער טאַטע זיינער איז אויף אַן אָנגעזעענעם אַמט און ער אַליין שטודירט כעמיע. ער איז שוין

אויפן דריטן יאָר מיט צוויי סקאַלער־שיפּס, וואָס געגונגן אים זיך צו לערנען אָן דער שטיצע פון זיינע עלטערן.

ער נעמט אַרויס פון זיין רענצל פּאָמעראַנצן, שאָקאָלאַד און איז מיך מכבד:

— עסט, זשעניִרט זיך ניט...

איך דאַנק אים פאַר זיין פריינטלעכקייט און הויב אים אָן דערציילן אַ מעשה ווי איך האָב נאָך ייִנגלווייז געווײנט לייענענדיק אוידזשען סיו׳ס „די כאַטע פון אָנקל טאָם״, דאָס בוך וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה אין אַמעריקע און אַ סך מיטגעווירקט צום קאַמף קעגן דער שקלאַפעריי פון די נעגער.

איך האָב זיך געוואונדערט, אַז מיין מיטשמועסער געדענקט אַזוי ווייניק דאָס בוך.

— האָט איר דעם בוך נישט געלייענט?

— אפשר יאָ געלייענט אַ מאָל, אָבער איך האָב נישט ליב אַז מען האָט אויף אונדז רחמנות, איך פיל אַ מענטש, צוגלייך מיט אַלע מענטשן, פּונקט אַזוי גוט און פּונקט אַזוי שלעכט. איבעריקנס, אינטערעסירט מיך די וויסנשאַפט, איך בין געזונט, פריש, פול מיט לעבן, האָב אַ גרויסן באַגער צו לערנען, בין פעאיק, מיידלעך ליבן מיך, און איך ליב זיי, און איך וויל נישט מען זאָל מיר דערמאָנען, אַז מ׳האָט אויף מיר רחמנות...

„בעבעלע״

„בעבעלע״ אַזוי האָט מען אים גערופן אין לאַגער, ער איז געווען אַזוי קליין אין זיין וואוקס, ווי די ליליפּוטן, וועלכע מען זעט אַמאָל אין צירק. דערצו — דאַר און נעבעכדיק. ווי אַזוי האָט עס אַזאַ פּיצעלע מענטשעלע געקענט טאָן אַזוי פיל זינד?

אַזוי פיל ריזן זיצן מיט אונדז פאַר גאָרניט, אין ערגסטן פאַל איז דאָס וואָס מען רופט אין רוסיש פאַר אַ „פּוסטיאַק״, פאַר אַ נאַרישקייט, אַ גאָר־נישט מיט גאָרנישט. און דאָס פּיצעלע מענטשעלע האָט מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ, אויסגעגעבן פּאַרטיזאַנער־נעסטן, אויסגעפונען און דערטראָגן די פּלעצער וואו יידן באַהאַלטן זיך אויס, געווען אַ מיטגליד פון אַ שטראָף־אַטריאַד, און אַליין מיט די פּיצינקע הענטעלעך געשאָסן אין זיינע קרבנות.

אין סאָוועטישן לאַגער איז דאָס מענטשעלע אַרומגעגאַנגען מיט 25

יאָר שטראָף, און אַז עס וועט אָפּזיצן די שטראָף וועט עס נאָך 5 יאָר אַרומגיין אָן בירגערשאַפט, און נאָך פינף יאָר זיין אויף ספּעציעלער פאַר־שיקונג אין סיביר, ניט אין קיין לאַגער, נאָר ערגעץ אין אַ ווייטן דאָרף.

אַרבעטן אַרבעט דאָס מענטשעלע אַליין, אָן אַ „נאַפּאַרניק" (אָן אַ שותף צו דער אַרבעט), ווייל קיינער קען מיט אים צוליב זיין פּיצינקן וואוקס נישט טראָגן קיין משא, ניט זעגן קייןביימער, קיין שפּאַלטעס צו דער אייזנבאַן ביים טוישן די רעלסן. גראָבט עס די ערד. און אַז עס טראָגט עפּעס — זעט עס אויס ווי אַ מילב, וואָס שלעפּט אַמאָל אַ שטרוי אַ סך לענגער און גרעסער פאַר זיך אַליין.

וואו נעמט דאָס פּיצעלע מענטשעלע אַזוי פיל כּוח?

אין באַראַק שלאָפט עס אויף אַ פּיצעלע ערטעלע נעבן אויוון. דאָס פּיצעלע מענטשעלע פאַרריכט זיך אין די נעכט דאָס ביסל לאַכעס, מאַכט אַ חשבון מיטן ברויט, עס נישט אויפצועסן פאַר אַמאָל, שרייבט ווי אַלע אַרעסטאַנטן צוויי מאָל אַ יאָר בריוו אַהיים.

און „בעבעלע" באַקומט בריוו פון דער אַלטער מאַמע זיינער אין אוקראַינע, און אַז בעבעלע באַקומט אַזאַ בריוו, לאָזט ער זיך שלאָגן פון פּעדקען דעם משוגענעם בריגאַדיר, און פאַלגט אים דאָס מאָל ניט זיין באַפעל: צו לויפן אויף אַלע פיר ווי אַ הינטל, און געבן אַ קוויטשיקן ביל...

די דאַמע

אינם שטאַטישן באָס זיינען געזעסן צוויי רייען מענטשן, איין רייע קעגן דער אַנדערער.

עס איז געוועזן די צייט ווען מען פאַרט פון דער אַרבעט. איך האָב נייגעריק, ווי אַלעמאָל, אַרומגעקוקט מיינע שכנים: מענטשן, וואָס איך זע זיי דאָס ערשטע און לעצטע מאָל, אַ פּערטל אָדער אַ האַלבע שעה פון זייער לעבן. איך האָב זיך כּסדר געווערט קעגן זינדיקן פאַרגלייך אין מיין געדאַנק, זעענדיק אַ פאַרמאַטערטן קאָפּ פון אַן אַרבעטנדיקער פרוי אָנגעלענט אויפן קעפּל פון איר קינד, נישט צו פאַרגלייכן עס מיטן קאָפּ פון אַ פאַרמאַטערט פערד אָנגעלענט אויף איר קליינעם זשעבראַק, און מיטאַמאָל עמיצער זינגט, זינגט פאַר זיך אַ שטיקעלע פון באַכס אַ סואיט. זינגט עס פאַרדרייט, פאַלש. עס רעגט מיך אויף. פאַלש זינגען איז ווי זאָגן ליגן. אָבער איך שוויג. איך שוויג און בין אומרואיק. אָבער די שיינע, שיינע דאַמע מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר קעגנאיבער דעם מאַן וואָס זינגט איז שטיף און רואיק און לייענט איר זשורנאַל, ווי זי האָט אים אָנגעהויבן לייענען

ווי נאָר זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין באָס, ווי זי וואָלט קיינעם און גאָר־נישט נישט באַמערקט. בלויז ביים אויסשטייגן פון באָס, אויפן לעצטן אָפּשטעל, האָט עפּעס פּאַסירט וואָס כ׳האָב נישט דערוואַרט. די הויכע, בלאָנדע שטייפע דאַמע האָט אומדערוואַרט זיך געווענדעט צום יונגנמאַן:

— איר האָט פאַלש געזונגען. געזאָגט עס מיט אַזאַ טאָן, ווי ער, דער דאָזיקער יונגערמאַן, וואָלט זי פּערזענלעך באַליידיקט אָדער אָפּגעטאָן עפּעס אַ שווייַנעריי...

איך בין געוואָרן שטאָלץ מיטן ביסל מענטשן אויף דער וועלט; שטאָלץ מיט זיך אַליין; שטאָלץ, וואָס די קריוודע פון באַליידיקן מוזיק גייט נאָך עמיצן אָן.

רעגן אין קעמפּ

גאַנצע דריי טעג איז געגאַנגען אַ רעגן. אָנגעהויבן האָט זיך דער רעגן ווי אַ קאַפּריז, ווי אַ שפּיל צו טאָן זיך מיט די אַלע געסט, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין קעמפּ מיט דינע העמדלעך און קורצע הויזן פון פרי־מאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט. פּלוצים איז אַ כמאַרע אָנגעלאָפן, האַסטיק געשאָסן מיט רעגן־טראָפּנס און צעיאָגט די מענטשן אין די באַנגאַלאָס. דער רעגן האָט אַביסל נאָכגעלאָזן, כדי שפּעטער מיט בייזער עקשנות צו פּויקן אין די דעכער, וויגן די קרוינען פון די ביימער, אויסליידיקן אַלע טונקעלע אַלייען פון אַ מענטשן־טראָט.

דעם דריטן טאָג איז שוין דער רעגן געווען אַ דריבנער, אַ דער־עסנדיקער, די געסט אין קעמפּ האָבן זיך באַמיט צו „ראַטעווען״, אַנטלויפן־דיק אין שטאָט אַריין. דער קעמפּ איז געבליבן כמעט ליידיק און אַזאַ טיפער אומעט איז באַפאַלן די געבליבענע, אַז מען האָט זיך געטוליעט איינער צום צווייטן און געזוכט עפּעס געמיינזאַמעס.

מיסעס בוימאַן, די לערערין, וואָס פאַרברענגט דאָ איר וואַקאַציע, האָט די גאַנצע צייט פאַרטריבן פון זיך „פאַרערער״. איצט האָט זי שלום געמאַכט מיטן אינשורענס־אַגענט, מיסטער טירקעל.

מיסטער טירקעל — אַ נידעריקס, אַ געלס, אַ קוועקזילבערדיקס, פלעגט דערקוטשען מיט זיין דורכדרינגלעכקייט, ער האָט אין קעמפּ געהאַט זיין מאַשין און אַלע מאָל צוגעשטאַנען צו אָן אַנדערער:

— איר ווילט אפשר אַ ראַיד אין שטאָט אַריין?

— און וואָס פעלט מיר דאָ? די זעלבע ביימער, דאָס זעלבע גראָז,

די זעלבע טייכן — פלעגן די פרויען אים ענטפערן ווי זיי וואָלטן זיך אָפּ־געפרעדט. — ווי ווערט עס אייך ניט צוגעגסן זיצן כסדר אויף איין אָרט?

עס האָבן ניט געהאָלפן מיסטער טירקעלס וויצן, וועלכע ער פלעגט האָבן צו דערציילן ביי יעדער געלעגנהייט.

...ערשט איז אַזוי אומעטיק אין קעמפּ... עפּעס ווי אַלע פייגל וואָלטן אויסגעשטאָרבן. מיסעס בוימאַן — כאָטש זי האָט מיט זיך מיטגענומען אַ קליינעם ראַדיאָ, האָט זי זעלטן אים געעפנט. זי פלעגט ליב האָבן זי צו פאַרקלייבן אין אַ ווייט ווינקעלע צווישן די געדיכטע ביימער, לייענען אירע ביכער און זיך איינהערן אין דער וואונדערלעכער סימפאָניע פון פייגל־געזאַנג. יעדער מין פויגל האָט געטרילערט אויף אַ באַזונדער אופן. איינער — אַזוי נאָגענדיק עלנט און פאַרלאָזן מיט אַזאַ פאַרטיפטקייט אין מינאָר, אַ צווייטער זינגענדיק, צעשטראַלט, ווי עפּעס אַ מאַניפעסט פון זוניקייט און פרייד; אַ דריטער — ווי אַ פּאָליציי־פייפל וואָלט געוואָרנט.

זיי זיינען גאָרניט מיד געוואָרן, די פייגל. אויפגעהערט אַ וויילע אי־בערפליענדיק פון איין בוים צום צווייטן, און ווידער געזונגען.

עס פעלט זיי גאָרניט און זיי דאַרפן גאָרניט — פלעגט נישט איינ־מאָל מיסעס בוימאַן טראַכטן. ווי גוט וואָלט געווען ווען דער מענטש, דער קעניג פון באַשאַף, זאָל אויך אַזוי ווייניק דאַרפן, וואָלט ער אויך שטענדיק געזונגען...

ערשט זיינען אַלע פייגל־שטימען אַנטשוויגן געוואָרן, בלויז אויף אַ נאָווינע הויבט זיך אויף פון ערגעץ אַ ווראָנע, גיט אַ פּאַטש מיט די פליגל און צעקראַקעט זיך, אַ שטייגער, ווי עס וואָלט שוין געווען שפּעטער האַרבסט. דער טאָג — ווי ער וואָלט זיך איינגעקורטשעט אויף קלענער. עס בענקט זיך שוין נאָך דער עלעקטרע־שיין פון אָוונט.

מיסטער טירקעל טרעפט דעמאָלט מיסעס בוימאַן אין קאַסינאָ. זי נעמט אַ גלאָז טיי בלויז אויף צו קענען אַ וויילע זיצן צווישן מענטשן און ניט זיין אַליין. ער זעצט זיך צו צו איר טישל און אַלע זיינע רייד זענען איצט אויס אינטערעסאַנטער ווי שטענדיק.

— פאַראַן מענטשן, וואָס ווערן אינטערעסאַנט אויפן פאַן פון אָרום — טראַכט מיסעס בוימאַן, און ווען מיסטער טירקעל לייגט איר פאָר אַ ראַיד אין דערבייאיקן שטעטל — זאָגט זי אים נישט אָפּ.

אומדערוואַרט

ס'האָט זיך אים קיינמאָל ניט געחלומט, אַז די רייזע זיינע פון אַ מעת־לעת אין אַ באַן מיט אָט דער שלאַנקער, קלוגער, געבילדעטער איינ־

טערעסאַנטער, שיינער פרוי וועט זיך אַזוי ענדיקן. אָנגעהויבן האָט זיך די רייזע אין איינעם פון די פאַר־פרילינגס טעג. די ערשטע פעלדער, וועלכע זיי האָבן ווי אַ בוך געלייענט צוזאַמען, זיינען נאָך פול געווען דאָ און דאָרט מיט פלעקן שניי, וואָס ער האָט אין זיין געמיט פאַרגליכן צו קי מיט פולע אייטערס ווייס געפלעקטע. אַלץ אַרום, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער, איז געווען ווי פול מיט שפּאַנונג, אָנגעצויגן, ווי אַ יונגע פרוי וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן פילן, אַז זי איז מעוברת. די דינערע צווייגן פון די ביימער — ווי אָנגעשרענגטע אָדערן אויף אַ האַנט ביים אויפ־הויבן עפּעס אַ שווערע משא.

אירע רייד, וואָס האָבן אין אָנהייב ווי געבלאָנדזשעט פון אָביעקט צו אָביעקט, ווי געוויינטלעך ביי פרויען אין אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדן מאַנס־פּערשוין, האָבן פּאַמעלעך באַקומען די זיכערקייט און פאַרגלויבטקייט אין זיך און זיינען אַזוי שיין, אַזוי קלוג, אַזוי איבערגערעכנט געפלאָסן, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין באַוואונדערן איר וויסן און פיינעם דיסקרעטן הומאָר. אים האָט נאָר געפּייניקט, צי אָט די אַרום פערציק יעריקע פרוי איז אַזוי קלוג בלויז פאַר אים, צי דאָס איז אַן אויסגעחזרטער רעטשיטאַטיוו, וועלכן זי האָט שוין ניט פאַרן ערשטן מאַן באַוויזן.

אָבער זי איז פאָרט אַנדערש ווי אַנדערע פרויען: זי האָט אים נאָך אַזוי פיל שעהן רעדן אַפילו איין מאָל ניט געפרעגט דירעקט אָדער אומ־דירעקט מיט אַ זייטיק כיטרע וועגעלע צי ער האָט אַ פרוי. זי האָט אים אויך גאָרניט וועגן איר פּריוואַט לעבן דערציילט. אָבער אַזויפיל געמיינ־שאַפטלעכעס האָבן זיי געהאַט אין זייערע מיינונגען! כאָטש עס זיינען נאָך אַלץ געבליבן זאַכן, וועגן וועלכע זייערע מיינונגען זיינען געווען פאַרשידן, עפּעס ווי ספּעציעל, דער שמועס זאָל זיין אינטערעסאַנטער.

זיי זיינען געוואָרן אַזוי היימיש, אַז זי האָט שוין ווי אַ נאָענטער וועזן אַראָפּגענומען מיט צוויי דינע פינגער אַ פעדערל פון זיין אָנצוג און נאָכדעם לייכט אַ קלאַפּ געטאָן דעם שטויב; און ער האָט זיך דערלויבט אַרומצו־רירן די וואונדער־שיינע קינסטלערישע גאָלד־צירונג, וואָס איז געווען פאַר־שטעקט אין איר קלייד, פילנדיק דערביי די צאַרטע שטייפקייט פון איר ברוסט.

אַזוי זיינען זיי דערפאָרן צו דער ווייטער, דרומדיקער שטאָט, וואו אים האָט קיינער נישט אָפּגעוואַרט און אויף איר האָט אויך קיינער נישט גע־וואַרט, ווייל ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט.

זי האָט אים געבעטן פאַרשרייבן איר אַדרעס און טעלעפאָן, און ער איז דאָך בלויז אַ גאַסט אין דער שטאָט, האָט זי אים געהייסן גלייך אויף מאָרגן אין דער פרייער צייט אַ קלונג טאָן, ווייל זי וואָלט זייער געוואָלט,

אַז ער זאָל זען איר הויז, איר שיינע ביבליאָטעק, איר הויף און איר גאָרטן וואָס גיט פּרוכטן.

ער האָט איר געהאָלפן צוטראָגן די טשעמאָדאַנעס צום טעקסי און ווען זי איז פאַרשוואונדן אין דער נאַכט האָט ער געטראַכט, שוין ניט וועגן די אַנגעלעגנהייטן צו וועלכע ער איז אייגנטלעך געקומען, ווי וועגן אָט דער פרעמדער און נאָענטער פרוי.

עס האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט עפענען די דיסקרעטקייט און אַ פרעג טאָן מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך? צי זי האָט אַ פאַמיליע? וואַרשיינלעך האָט זי עס ניט, און לויט איר גרויסן וויסן און אינטעליגענץ. מוז זי זיין אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט, אַ שרייבער, אַ פרוי מיט גרויסע דערפאַרונגען אין לעבן.

אויף צומאָרגנס, האָט ער בלויז עטלעכע שעה געווידמעט זיינע אינ־טערעסן. ער האָט געטראַכט, ווען עס איז בעסער צו קלינגען און ער האָט באַשלאָסן, אַז די מיטאָג־שעה איז די בעסטע צייט. ער האָט איר גע־קלונגען פון זיין האָטעל־צימער און ס׳איז אים אַזוי ליב געווען צו הערן די אָנגענעמע שטימע, צו וועלכער ער האָט זיך צוגעוואוינט אין משך פון מעת־לעת פאַרן צוזאַמען אין באַן.

די שטים איז געווען נאָך רייצנדיקער, נאָך נעענטער. — ווען עס איז די פּאַסיגסטע צייט? שוין היינט. עס איז איר ליב צו וויסן, אַז דער פריינט פון דער לאַנגער רייזע, האָט זי ניט פאַרגעסן. זאָל ער קיין סך ניט עסן ביטאָג, ווייל זי האָט ליב, אַז דער גאַסט זאָל ביי איר עסן אַלץ וואָס זי האָט צוגעגרייט...

די טעקסי, וועלכע ער האָט גענומען, איז לאַנג געפאָרן דורך דער שטאָט, דערנאָך צו די בערג דורך שמאָלע געסלעך, וועלכע האָבן זיך גע־דראַפּעט באַרג־אַרויף. דער שאָפער האָט לאַנג געזוכט דעם נומער פון דעם הויז און געבליבן שטיין ביי אַ היגל אויף וועמענס סאַמע שפּיץ עס איז געשטאַנען דאָס הויז: אַ וואונדערלעך הויז, מאָדערן געבויט, אַ פּאַלאַץ אַ גאַנצער, צו וועלכן עס האָבן געפירט עטלעכע צענדליק טרעפּ.

וואָס טוט אַיין פרוי אין אַזאַ גרויס הויז? ער איז געשטיגן אויף די טרעפּ מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און ער האָט פאַרשפּאָרט צו קלינגען, ביים אַריינגאַנג האָט אים שוין אָפּגעוואַרט די פרוי, אַ צעשמייכלטע אין אַ פאַר־טוך גלייך פון דער קיך אַרויס פון וועלכער עס האָבן זיך געטראָגן גע־שמאַקע ריחות פון געקאָכטס און געפּרעגלטס.

זי האָט אים געפירט אין לאַנגע און הויכע צימערן, באַהאַנגען מיט אָריגינעלע בילדער פון באַקאַנטע קינסטלער. דער גרויסער זאַל איז געווען צוגעגרייט צום אָוונט־ברויט. אויפן טיש זיינען שוין געשטאַנען טעלער און

טעלערלעך, גלעזער און טעפּלעך, זילבער געשיר איז סערווירט געוואָרן אויפן בלאַנקען טישטוך און די ערשטע פּאַרשפּייזן האָבן זיך אַזוי ליב געטוליעט צו די קאַרפינקעלס מיט ווייַן.

— איך וועל אייך אַריינפירן דערווייל אין ביבליאָטעק־צימער. איר האָט דאָ אינטערעסאַנטע זשורנאַלן, וועלכע איר ווילט נאָר, אין עטלעכע שפּראַכן. איך וואַרט אויף מיין מאַן, ער האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, ער איז אַ דאָקטאָר און די פּאַציענטן האָבן נאָרוואָס פאַרלאָזט זיין אָפיס. ער האָט מיר געקלונגען, אַז ער פּאָרט גלייך אַרויס, ס׳איז ניט וויט פון דאַנען.

— מיין מאַן ווייסט, אַז איר דאַרפט קומען און פילט זיך פריי, מיר זיינען מאָדערנע מענטשן, עס זיינען אונדז שטענדיק אינטערעסאַנט נייע באַקאַנטשאַפטן.

ער האָט באַוואונדערט די ריזיקע ביבליאָטעק פון עטלעכע טויזנט בענדער, די אַלע בילדער, גאָבעלינען, דיוואַנען, די זעלטענע מעבלשטיק, וועלכע זי האָט אים באַוויזן, דעם פּרעכטיקן גאָרטן.

— די קינדער זיינען ערגעץ אַרויס, זיי וועלן זיין צום אָוונט־ברויט... וואָס זייט איר אַזוי צעטומלט? מאַכט זיך באַקוועם.

אים האָט געעגבערט אַ פראַגע, און וויפל ער האָט זיך באַמיט די דאָזיקע פראַגע צו דערשטיקן אין זיך, האָט אים ניט געהאָלפן. ער האָט אַ פרעגעלע געטאָן:

— און איר אַליין זייט ניט עפּעס אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפעסאָר?

— ניין, מיין ליבער, איך בין נאָר אַ הויז־פרוי, אַ מאַמע פון צוויי קינדער...

...ער האָט פּלוצים דערפילט ווי צוריקגעשטאַנען ער איז פון אָט דער פרוי, ביי וועמען אַ נייע אינטערעסאַנטע באַקאַנטשאַפט איז אַזוי נאַטירלעך ווי דאָס סערווירן אַזוי געשמאַקפול איר טיש צום אָוונט־ברויט.

קאָנטראַסטן

איך הויז איז דאָס שענסטע הויז אין אָט דער געגנט צווישן בערג.

די בערג בויגן זיך אַרום ווי רוקנס פון קאָלאָסאַלע פרע־היסטאָרישע חיות, אָדער ווי הויכע צעשטורעמטע כוואַליעס וואָס זיינען פאַרשטיינערט געוואָרן.

דאָס הויז פונדערווייטנס אויף אַ שפּיץ־באַרג זעט אויס ווי אַ וואַסער

פויגל, מיט צעשפרייטע לענגלעכע פליגל, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַראָפּקוקן אויף דער ריזיק פונאַנדערגעשפּרייטער שטאָט, צופוסנס פון די בערג און שימערט מיט מיליאָנען ליכטער. אָבער דאָס הויז איז מעכטיק. פון שטיינער געבויט און אַזאַ רחבות און פּראַכט איז אין הויז! אַ צענדליק גרויסע הויכע צימערן אויסמעבלירט מיט מאָדערנסטע מעבל און די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט בילדער אָריגינאַלן פון באַוואוסטע מאָלער. אַ צוויי־שטאָקיג הויז אין שפּאַנישן סטיל.

און אַ גרויסע, זייער אַ גרויסע ביבליאָטעק האָט דאָס הויז און שפּיל־קאַסטנס, און צו די גרויסע צימערן — אַזעלכע טונקעלע ווינקל־צימערן און טייערע טעפּיכער זיינען אויף די דילן אויסגעלייגט און אַלץ איז איר מי, איר אייגענע מי, די אַרבעט פון אָט דער הויך־געבילדעטער פרוי מיט אַ פּראָ־פעסאָר־טיטל, וואָס אַרבעט בייטאָג, קומט שפּעט אַהיים און טוט אַרום איר הויז.

און אַז זי ווערט פאַרטיק — שטייט פאַר איר גרייט אַ שרייב־טיש פון לעצטן וואָרט פון דער מאָדע אויף צו אַרבעטן און שרייבן אירע פאָרש־אַרבעטן.

און ער האָט זיך דערמאָנט די צייט, ווען ער האָט ערגעץ אין אַ לאַנד, אַ ווייט לאַנד, געוואוינט אין אַן ענג צימערל, וואו ער האָט מער ווי 3 שפּרייזן ניט געקאָנט טאָן און ער האָט געאַרבעט ביי אַ קאַהאַנעצל פון נאַפט. און אַז ס׳איז אים שוין גאָר געווען אומעטיק — פלעגט ער גיין אין שטאָט־גאָרטן און אין אַ ליידיק פושקעלע פון שוועבעלעך אַנגעזאַמלט פליגן און זיי אַרויסגעלאָזט שפּעטער אין זיין חדרל עס זאָל כאָטש זיין אַ טראָפּן גע־רויש, אַ סימן פון לעבן...

און ער טראַכט, ווי מאָדנע אין זיין לעבן מישט זיך כסדר איבער פון דער העכסטער הויך אין דער גנזעלשאַפט ביז צום סאַמע נידעריקסטן שטאַפּל, ווי לאַנג איז ער איז געווען פאַרשפּאַרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, ניט אַזוי ווייט פון דאָרט, וואו דאָס פּאָלאַר־ליכט לאָזט עטלעכע חדשים ניט שלאָפן ביינאַכט, און דאָרט פלעגט טרעפן: אַרעסטאַנטן־מענער באַגעגענען זיך מיט פרויען ביי דער אַרבעט און איינע אַ פרוי, אַ קרימינעלע פאַרברעכערין, האָט מיט אים געאַרבעט אין צווייען ביים איבערטראָגן ציגל. צוואַנציק שווערע ציגל אויף אַמאָל אויף אַ טראָג־ברעט. און ביידע זיינען אויסגעשמירט מיט דזשעגעכץ די פּנימער און די הענט, כדי די מיליאָנען קליינע פליגעלעך זאָלן זיך נישט איינעסן.

און די אויסגעשמירטע פרוי אין סמאָלע אין דער ברענענדיקער היץ האָט אים דעמאָלט געבעטן:

— נעם מיך כאָטש גוט אַרום, איך בין אַזוי אויסגעבענקט נאָך אַ מאַן!

אין קונסט־מוזיי

כ׳האָב געזען אַ קריפּל אין קונס־מוזיי. אַ מיידל מיט אַ שיין פּנים אָבער מיט קורצע פּיסעלעך מיט צעקרימטע פינגער. קיין הענט האָט זי ניט געהאַט. דאָס מיידל, פון אַ יאָר צוואַנציק, איז געזעסן אויף אַ שטול מיט רעדלעך, געפירט פון איר מאַמען.

אַרום זיינען געהאַנגען בילדער פון גרויסע שפּאַנישע מייסטערס: פרויען שענער פון שיין, האָבן אַראָפּגעקוקט פון די פּאָרטרעטן, מיט וואונדערלעכע ליניעס פון זייערע קערפּערס. די מייסטערס האָבן אַזויפיל אַרבעט אַריינגעלייגט ביים קאָמבינירן די פאַרבן פון די פנימער, פון דער הויט, ביים אויסזינגען יעדער אויסבויג, וואָס איז ווי אַן איבערגאַנג פון טאָג צו דעמער, ביים איינוויגן די איינגעהאַלטענע ליניעס פון די פינגער, ווי איינהאַלטן דעם אָטעם.

און די הימלען, וואָס קוקן אַריין אין די פענצטער ווי בשורות פון ערגעץ־ווייט; און די אויגן, זייערע אויגן! ניגונים לאַנג־פאַרגעסענע, וואָס מען הערט אַמאָל פון אַ וויי טן פענצטער אַרויסשפּילן אין שפּעט־נאַכט פון פּיאַנאָ־קלאַווישן אַדאַגיאָ, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. און די קאַליקע — גאָט׳ס טעות — צווישן אַלעם.

ביי וועמען גנבענען שיינקייט פאַר אָט דעם אומגליקלעכן ״קריפּל״?

אין דיסני־לאַנד

ווען די גאַנצע וועלט האָט געטרויערט נאָך וואָלט דיסני, האָב איך, וואָס כ׳בין געכאָוועט געוואָרן צו זיין דערוואַקסן פון קינדוויז אָן, באַזונדערס געטרויערט נאָך דעם, וואָס האָט מיר געגעבן אַ טאָג פון דערפילן זיך, נאָענט צו די זעכציקער, אַן אמת קינד.

און געווען איז עס מיט ניט קיין לאַנגער צייט צוריק, ווען כ׳האָב געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט צו פאַרברענגען גאַנצע 8 שעה אין דיסני־פּאַרק, ניט ווייט פון לאָס־אַנדזשעלעס.

דיסני־לאַנד איז אַ רעאַלקייט וואָס איז חלום, אָדער חלום וואָס איז פאַרווירקליכט געוואָרן. איך בין אַ קנאַפּער שפּאַצירער, און די יונגע דאַמע וואָס האָט מיך אַרומגעפירט האָט זיך מסתמא געוואונדערט, וואָס כ׳האָב דווקא אין גרויסן דיסני־פּאַרק ניט געוואָלט פאָרן נאָר גיין און גיין.

גיין און זיך לאָזן מיטטראָגן מיט אַלע פאַנטאַסטישע איינפאַלן פונם דיסני־פּאַרק. זיך לאָזן פליען „צו דער לבנה” מיט אַ ספּעציעלן „מיסיל”,

וואָס ווערט קינסטלעך „אַרויסגעשאָסן" אין דער הויך און אַלע עפעקטן זיינען אַזוי געמאַכט, אַז דו פילסט באַשיינפערלעך, ווי דו דערווייטערסט זיך פון דער ערד און דערנעענטערסט זיך צו דער לבנה.

איך קען ניט פאַרגעסן דעם מאָמענט ווען ביים „צוריקקומען צו דער ערד" האָט עפּעס אַ פרוי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— אוי, אַ שאָד, מיר זיינען שוין צוריק אויף דער ערד!... אַזוי איז די „רייזע" געווען עפעקטיוו.

און די קליינע, פּיצעמאַנצינקע הייזעלעך, און די טירן, אין וועלכע מען דאַרף איינבויגן דעם קאָפּ אַריינגייענדיק. און די שיף, געבויט לויטן מוסטער פון קאָלאָמבוסעס צייטן, און די קינסטלעכע וואַסער־פאַלן און די פאַרבאָרגענע היילן, אין וועלכע מען פאָרט אַריין מיט קליינע וואַגאָנעטקעס. „שטראָף מיך מיט אַלץ, נאָר לאָז מיך זיין אַ קינד" — אָט די שורה האָב איך אויסגעחלומט אין קינדערלאַנד פון דיסני. כ'האָב פאַר די 8 שעה דאָרט זייענדיק נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט מיין קינדהייט, אין וועלכער עס איז געווען אַזוי ווייניק שפּיל.

אַ דאַנק אָט דעם גרויסן פאַרשטאָרבענעם מייסטער פון דער קינדער־פאַנטאַזיע ניט בלויז פאַר קינדער נאָך אויך פאַר דערוואַקסענע.

פון נקמה וועגן...

זי איז געזעסן אַ טישל נעבן אַ טישל מיט אים אינעם רעסטאָראַן אינמיטן דער רוישיקער גאַס.

אין אָנהויב האָט זי אים אַפילו נישט באַמערקט.

זי איז געזעסן ביי אַ טעפּעלע קאַווע און אומגעדולדיק געקוקט אויפן זייגער.

זי איז געזעסן אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און ער האָט, אַ רוק־טוענדיק זיין שטול קוים געקענט זען איר פּראָפיל: אַן אויסבויג פון שוואַרצע האָר, וואָס הויבן זיך אָן ביי אַ נידעריקן שטערן און לאָזן זיך אַראָפּ און דעקן צו דעם נאַקן. די האָר זיינען אַרומגעראַמט מיט אַ ברייטן בלויען באַנד און איר לענגלעכע פיין־געשניצטע נאָז האָט דאָמינירט אין איר גאַנץ געזיכט.

איר קלייד איז געווען העל־בלוי און איבערגעבונדן ביי די לענדן מיט אַ פאַרביקן, דינעם שנור. דער ברייטער אויסשניט אין איר קלייד אַרום אירע הענט, האָבן ביי יעדן אויסבויג אירן אַנטפּלעקט די ווייסע בענדלעך אַראָפּ צו איר ברוסט־האַלטער און אַ טייל פון דער לאַקנדיקער פאַררונדי־קייט פון דער ברוסט.

זי האָט וואַרשיינלעך געוואַרט אויף איר באַקאַנטן, וואָס האָט זיך מיט איר אָפּגערעדט זיך דאָ צו טרעפן.

זי האָט אויף איין שטול פאַרהאַנגען איר לייכטן מאַנטל צו האַלטן פאַר אים פּלאַץ.

און דערווייל האָט זי געמישט אַ צייטונג, אויפגעהערט לייענען און אָבסערווירט פּאָרלעך וואָס עסן אַרום ביי די טישלעך, ענדיקן און מאַכן פריי דעם פּלאַץ פאַר אַנדערע, די שטענדיקע האַלבע משוגעים וואָס רעדן צו זיך אַליין און קוקן דיר אָן מיט בייזע אויגן, ווען דו וואַרפסט אויף זיי אַ בליק, די מידמאַכנדיקע אַרבעט פון די געפּעקסאויפקלייבער. געהערט עטלעכע טאַנגאָס פון הייזעריקע מיקראָפאָנען איינגעמויערטע אין די ווינק־לען.

זי איז געוואָרן נערוועז און זיך אַ דריי־געטאָן נישט־ווילנדיק צו אים, וואָס האָט געהאַלטן נאָכן עסן און געלייענט זיין צייטונג:

— אַנטשולדיקט, מיסטער, ווי שפּעט איז ביי אייך? מיר דוכט, אַז מיין זייגער לויפט צופיל...

— פופצן צו ניין, און ביי אייך?

— ליידער דאָס זעלבע.

דעם „ליידער" האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל צער, ווי אַ שטייגער, ווען איר זייגער וואָלט אונטערגעלאָפן כאָטש מיט אַ האַלבער שעה וואָלט זי געווען גליקלעך, ווייל שוין אַ שעה ווי זי וואַרט אויף איר באַקאַנטן און אויף וויפיל קאָן מען זיך פאַרשפּעטיקן?

ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר דאָס טיוועלע וואָס ליגט אין יעדן עמעצן כאָטש אַ לייכט קוויל צו טאָן, האָט אים דיקטירט זי אַ פרעג צו טאָן:

— און איר האָט מסתמא אַ „דעיט"?

— איך בין שוין אומרואיק. פאַרשפּעטיקן פאַרשפּעטיקט ער שטענדיק. אָבער אויף אַזוי לאַנג? מסתמא אַן עקסידענט.

— פּרוּווט אַ רוף טאָן אין טעלעפאָן.

— אין דער צייט איז ער נישט אין דער היים.

זי האָט אויסגעטוישט ביי אים אַ „קוואָדער" און זיך לאַנג פאַרהאַלטן ביים טעלעפאָן, און צוריקקומענדיק איז זי געווען רויט, פאַרשוויצט און אויפגערעגט:

— אָ, איר זייט מסתמא אַ קלוגער מענטש. איך האָב אים טאָקע גע־טראָפן אין דער היים. ער איז אַ ליגנער. ער זאָגט, אַז ער האָט זיך געפילט אַזוי מיד, אַז ער האָט געמוזט גיין אַהיים זיך אָפּרוען. ער נאַרט אָפּ. אָבער איך וויל זיך מער מיט אים נישט טרעפן. נו, ערשט קאָן איך רואיק טרינקען

אַ פּריש טעפּעלע קאַווע... זעצט זיך צו צו מיין טישל, וועלן מיר אַ ביסל רעדן. אָ, ווי איך וואָלט וועלן ער זאָל פּלוצעם אַריינקומען און אונדז דאָ טרעפןביידע זיצן. — ער איז נאָך, צו דער צרה, אייפערזיכטיק אויך, עס וואָלט אים זייער געערגערט!...

צוליב די צען אומשולדיקע

דער הויכער, בלינדער נעגער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון טראָטואַר און געגלאָנצט מיט די אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי בלויז ווייסלען. קיין שוואַרצאַפּלען האָבן זיי נישט געהאַט. ער איז געשטאַנען מיט אַ צוגעשנורעוועטער בלעך אויף זיין ברוסט, אויף וועלכער עס זיינען גע־שריבן געווען ווערטער פון געבעט: „שענקט עפּעס אַן אָרעמען בלינדן!"

נעבן אים איז מיט אַ באַזונדער מילדקייט און גוטסקייט אין די אויגן געשטאַנען זיין הונט און זיך איינגעהערט אינעם צוגעוואוינטן צו זיין אויער געקלינגערײַ פון די פּינפּערלעך, צענערלעך און קוואָדערס וואָס מענטשן האָבן פאַרבייגייענדיק אַריינגעוואָרפן.

דער שטראָם פון מענטשן איז געגאַנגען ווי אויף פּאַראַד, ווען די דאָזיקע ריזיקע צעווילדעוועטע און דאָך אינטערעסאַנטסטע שטאָט אין דער וועלט פּראַוועט איר טאָג־טעגלעכן יום־טוב פון פּאַרנאָכט.

עס האָבן געוואָרפן נדבות עלטערע דאַמען, פיין געקליידעטע הערן, יונגע מיידלעך און אַפילו יונגעלייט, וואָס זייערע פּנימער און לויפנדיקע אויגן זאָגן עדות וועגן דעם ציל פון זייער שנעלן שפּאַציר איבער די טראָ־טואַרן.

ציגיינער־מיידלעך, וואָס טשעפּען צו פאַרבייגייער קינסטלעך־געמאַכטע בלומען צו אַ לאַץ און נעמען דערפאַר אַ קוואָדער, האָבן אויך אַריינגעוואָרפן געלט אינעם נעגערס פּושקע און אַ ביסעלע ווייטער האָט אַ מיטליאָריקע פרוי, אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע יונגעלייט, געשריגן אויפן קול פּסוקים פון נייעם טעסטאַמענט, מיט אַזאַ ליידנשאַפט, ווי זי וואָלט זיך געקריגט מיט עמעצן.

יונגע בחורים האָבן איר געשטעלט פראַגן און זי האָט זיי ווי מיט אַ בייזקייט אין דער שטים געענטפערט.

— און פאַרוואָס, באַבעשי, ווערן געבוירן בלינדע?

— וואָסערע בלינדע?

— אָט אַזעלכע ווי דער בלינדער נעגער?

— דאָס אַלץ איז פאַר זינד.

— וועמעס זינד?

— פאַר אונדזערע זינד.

— און פאַר איר זינד אויך? — ווייזט דער בחור אַן אויף אַ יונג מיידעלע, וואָס האָט זיך פון נייגעריקייט אַריינגעקוועטשט אינעם קרייז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער בחור האָט איבערגעלאָזט די מיסיאָנערקע, צוגעגאַנגען צום נעגער און אים אַריינגעלייגט אַ דאָלאַר אין זיין קוואָרט.

פון געוואוינשאַפט...

איך בין אַריינגעקומען אין מיטן. זי איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע, מיט באָרוועסע פיס, מיט ביידע האַנט־פלאַכן פאַרשטעקט אין די האָר, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט זיצן שבעה, און ער איז געזעסן אויפן ביי־שטידל פון פענצטער אין זיין צימער אינעם גרויסן האָטעל, וואָס אין די בערג און איר געפּרעדיקט מיט אַ שטימע, ווי ער וואָלט גערעדט צו מאַסן און נישט צום דראָבנינקן ווייבעלע זיינס:

— פעלקער און לענדער קעמפן פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט, פאַר זייער פרייהייט, פאַרן ביסל אייגענער לופט צו אָטעמען און דו ווילסט מיר מאַכן פאַר אַ שקלאַף צו זיך?! פרייהייט, דאָס איז אַ וואָרט, וואָס האָט באַגייסטערט די איידלסטע גייסטער, פּאָעטן האָבן וועגן דעם געשריבן פּאָעמעס, דענקער האָבן געשריבן טראַקטאַטן, פרייהייטס־קעמפער האָבן...

מיין דאָזיקער נייער פריינד פון האָטעל איז זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש, ער איז זייער געבילדעט און קלוג, צום שיינעם מין איז ער מער פאַראינטערעסירט פון נייגיר ווי פון עפּעס אַנדערש. יעדע פרוי, זאָגט ער, האָט אין דער נשמה אַ קנוילעכל, און ס'איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן אים אויפצוקנוילן, עלעהיי שאַך־שפּיל — מען דאַרף דען דערפון עפּעס האָבן? איך בין אַ פאַרברענטער פיש־פאַנגער, אָבער דאָס, וואָס איך גיב אויס דערויף און פטר צייט, קאָן נישט אויסגעביטן ווערן אויף די פאַר פיש וואָס איך ברענג אַהיים.

די „רעדע" זיינע צום ווייב איז געקומען טאַקע נאָכדעם ווי זיין ווייב האָט אים פאַרגעהאַלטן, אַז דאָס געבן „ראַידס" אַלע ווייבלעך אין דערנעבנדיקן שטעטל, איז גאַרנישט אַזוי אומשולדיק, און אַז זי האָט אַליין געזען, ווי ער איז מיט איינער געזעסן אויף אַ באַנק און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן, און אַז מיט איינער האָט ער זיך געזעגנט צולייגנדיק די פינגער צו זיין מויל, אַ צייכן פון אַ ווייטן קוש...

ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיין באַפליגלטער רעדע.

— שוין לאַנג נישט גערעדט הויך — האָט ער זיך ווי געוואָלט פאַר־ענטפערן פאַר מיר — נישט געהאַלטן קיין רעדעס. עס קומט נישט אויס. אַנדערע צייטן, אַנדערע לידער. עס האָט זיך פשוט געוואָלט דערמאָנען די יונגע יאָרן. די אַמאָליקע היציקע רעדעס. מ׳איז דאָך נאָר אַ מענטש... ס׳איז אַ געוואוינשאַפט...

דעם קומענדיקן מייסטער

כ׳האָב געזען דאָס וואונדער־קינד, דעם קומענדיקן מייסטער, און דאָס מיידעלע איז ערשט פערצן יאָר אַלט.

כ׳האָב געזען דעם אייפער פון דער קליינער ליביכע, דעם שטאַרקן ווילן, וואָס איז נאָך בלינד, נאָר רייסט זיך דורך שטרויכלונגען, עפּעס ווי מיט אַ געהיימען אינסטינקט.

כ׳האָב געפילט דעם בייזער און דעם געהיימען פלאַם אין די אויגן ביים אַרויסבאַקומען פון פידל די פאַרכישופטע טענער.

כ׳האָב געפילט דאָס ראַנגלעניש, וואָס איז אַזוי אייגן יעדן עכטן טאַ־לאַנט, דאָס נישט וועלן זיין גלאַטיק שיין, דאָס איבערלאָזן עפּעס, וואו דו זעסט, אַז דאָ האָט זיך דער מייסטער אויסגעגליטשט, ביים וועלן אַרויסבאַ־קומען עפּעס אייגנס, עפּעס טיפערס, און נישט וועלן באַהערשט ווערן פון יענער פלאַכקייט, וואָס איז געמאַכטע שיינקייט —

אַפילו אין דער אויסערלעכער אָפּגעלאָזנקייט, אינעם נישט וועלן אָנ־נעמען קיין ספּעציעלע פּאָזע, אָט די פּאָזע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר גוטע מוזיקאַלישע בעל מלאכות און נישט פאַר עכטע מייסטער.

כ׳האָב געזען די לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון שווערער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט איבער זיך.

דאָס דורכברעכן זיך אַ וועג, דאָס קעמפן מיט פריינט און מיט פיינט.

אינעם דריבנעם מיידעלע פון פערצן יאָר —

דער קומענדיקער מייסטער.

דער אַסטראָנאָם

שפּעט ביינאַכט קאָנט איר אים זען, דעם לערער פון אַסטראָ־נאָמיע, שפּאַצירן איבערן גאַס.

ער איז שוין אַלט, וואוינט אַליין אין זיין הייזל.

אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען מיטן שניידן גראָז, מיטן אַרומשניידן

דיביימלעך אין זיין יאַרד, מיטן ציכטן די בלומען. ביינאַכט גייט ער אַרויס אויף אַ שפּאַציר.

טרעפט: אַ מענטש גייט שפּעט פון, אָדער צו דער אַרבעט, אַ יונגער בחור גייט צוריק פון אָפּפירן זיין מיידל אַהיים.

דער אַלטער שטעלט אים אָפּ און האַלט פאַר אים אַ לעקציע אין אַסטראָנאָמיע:

— הויב אויף די אויגן צום הימל, יאָ, קלייניקע שטערנדלעך, און דאָך איז יעדער שטערן אַן אַנדער וועלט און איז אַ סך גרעסער ווי אונדזער ערד און עס דרייט זיך און עס דרייט זיך פּינקטלעך צו דער מינוט, צו דער סעקונדע.

— איך באַמערק גאָרנישט די שטערנס, איך פיל גאָרנישט אַז זיי זיינען פאַראַן.

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער אומגליק, וואָס מ׳פילט נישט. ווען דער מענטש וואָלט כאָטש עטלעכע מינוט אין טאָג געטראַכט וועגן די שטערנס, וואָלט ער דעמאָלט געזען זיין אייגענע קלייניקייט און וואָלט אפשר נישט געווען אַזוי שלעכט...

דאָס געוויין פון אַ קינד

ביטאָג האָט אים זיין מאַמע געהאַלטן פאַר אַ הענטל און געלערנט גיין.

ער איז געגאַנגען מיט זיינע דריבנע טריטעלעך, האַלטנדיק דאָס לינקע הענטל פאַרקנוילט אין אַ פויסט, ווי ער וואָלט דערמיט זיך געוועהרט קעגן שטרויכלונגען, און דאָס פּנימל האָט געשיינט מיט דער פרייד, וואָס מיר, דערוואַקסענע, האָבן, ווען אונדז געלונגט עפּעס שווערס און קאָמפּליצירטס צו לייזן: אַ שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, נישט קיין לייכטן צוג אין שאַך־שפּיל, אָדער באַזיגן אַ כיטרען שונא. און ערשט וויינט ער, דער גיבור... דאָס קינדישע געוויין פון מיטן נאַכט, אָן אַ פאַרוואָס אָן אַ פאַר־ווען, דאָס קינדערישע געוויין, וואָס איז אַזוי אומשעדלעך און זיס צום אויער און קלינגט ווי מוזיק.

און מ׳הערט אַ וויגן פון אַ וויגל, און אַ פאַרוויגנדיק פאַרשלאָפן געזאַנג פון זיין מאַמען.

און מיר זיינען מקנא: מיר האָבן נישט ווער עס זאָל אונדז פאַרוויגן...

„די טראָיאַנער צעשטערונג"

די טאָכטער פון לאַנד פון מלחמות, וואָס זיינען אָפּגעשפּיגלט אין די פּאָעמעס פון גרויסע פּאָעטן, דאָס אוראייניקל פון איליאַדע און אָדיסייע רעדט אַ צעבראָכענעם ענגליש, ווייל דאָס קינד פון די גריכישע געטער קען אַזוי נישט שלאָפן ביינאַכט אין באָס ווי איך. זי אַרבעט אין אַ טאָראָנ־טער פאַבריק, און קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס מענטשן קענען בפירוש לעבן, און לאָזן נישט איינער דעם צווייטן...

—צום טייוול אַלע מלחמות, צו וואָס דאַרף מען פאַרגיסן בלוט? אַרבעטן בייטאָג, שפּאַצירן ביינאַכט, וואָס נאָך דאַרף מען?

און איך, וואָס האָב אַזוי פאַרגאָסן טרערן אין דער יוגנט אויף מיכה יוסף לעבענזאָנס איבערזעצונג פון די „צעשטערונג פון טראָיאָ" פון ווירגיל, וויל דעם גריכישן מיידל דווקא געבן צו פאַרשטיין, אַז עס זיינען דאָ מלחמות און מלחמות, מלחמות וואָס מען וואַרפט אויף אונדז אָן, און מלחמות, וואָס עס גלוסט זיך עמעצן אָנצוּוואַרפן אויף יענעם... אָבער דאָס גריכיש מיידל שטאַמלט אַלץ אויף איר שלעכטן ענגליש:

— ברויט, מילך, פלייש, אַ שפּאַציר, ליבע, וואָס נאָך?... דאָס קינד פון לאַנד וואו אַפילו געטער האָבן געפירט מלחמות...

ז כ ר ו נ ו ת

איך פאַרמאַך די אויגן, און דאָס שטעטל קומט קאַפּויער: כאָנעלע קאַטערינאַזש, וואָס אַ גאַנץ יאָר פאָרט ער אַרום אויף יאַרידים, אָנגעטאָן אין אַ בלאָ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, ווי די גויים, און ציט די פּרנסה פון זיינע פּאַפּוגעס, וואָס ציען אַרויס קליינע בייטעלעך מיט פינגערלעך, איז צו די ימים נוראים גאָר אַן אַנדערער. טוט זיך אָן זיין טוכן קאַשקעטל, פאַרלאָזט זיך אַ בערדל און כאַפּט זיך אַריין בין מנחה למעריב אין בית מדרש צום שיעור „עין יעקב", וואָס ר׳ זלמן פון שניט־קראָם לערנט מיט אַ פּאָר מיינינים יידן.

כאָנעלע האַלט, אַז ער איז עפּעס שולדיק קהל פּאָר אַ גאַנץ יאָר אַרומ־גיין ווי אַ גוי צווישן גויים, און כדי אויסצוקויפן די זינד, וועט ער שוין שוויצן די פּאָר טעג פאַר ראש השנה, מיטן וואַשן די דילן פון בית מדרש און פון דער ווייבער־שול, מיטן שייערן די קופּערנע הענגלייכטער שטייענ־דיק אויף אַ טרעפּעלע פון אַ לייטער אָט־אָט שיער נישט אַראָפּצופאַלן.

דערפאַר, בעט ער נאָר, אַז ר׳ זלמן זאָל אים ווינטשן אַ „שנה טובה", ער וועט בלויז ערב יום כיפור, ווען מען שטעלט אַוועק טעלערס אויף אַריינצוּוואַרפן צדקה, אַוועקשטעלן אויך זיין טעלער, און וויפל ס׳פאַלט אַריין איז גענוג.

שטייען שטייט ער טאַקע ביי דער מעריב־וואַנט, אָבער זאָל זיך נישט מאַכן ווי עס מאַכט זיך, אַ שגצל וואַרפט אַריין אַ שטיין דורכן פענצטער — וועט אים שוין כאַנעלע כאַפּן און אים אַוועקפירן צו זיין טאַטן. דער טאַטע זיינער אַליין זאָל אים מקיים פסק זיין, כאַנעלע קענען דאָך גרויס און קליין!

און אָפּהיטן די פּאָר יידן, וואָס גייען נישט אַהיים יום כיפּור, נאָר זיינען אויף אין בית מדרש מיט לערנען און תהילים זאָגן — ווער היט אָפּ? — כאַנעלע!

איז ר׳ זלמנס אהבת־ישראל דאָך באַקאַנט און ער גיט כאַנעלען אַפילו אַן עליה, וואָס „בערל ביאַניע" און די איבעריקע פון דער מעריב־וואַנט זיינען מקנא. נאָר מוצאי יום־כיפּור כאַפּט ער מיט כאַנעלען אַ שמועס:

— כאַנעלע, קענסט נישט בייטן די פּרנסה?

— אויף וואָס רבי? איר האָט פאַר מיר עפּעס אַנדערש?

— ווער אַ שמש אין בית מדרש, דער אַלטער ניסן קען שוין גאָרנישט טאָן.

— איך וויל נישט גיין אויף יענעמס לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כאַנעלע פאָרט ווידער אַרום מיט זיין קאַטערינקע אויף יאַרידים און איז חוזר בתשובה פאַר ראש השנה... ר׳ זלמן לאָזט אים ווייטער צו די שיעורים זיינע און לאָזט נישט רעדן אויף אים קיין שלעכטס:

— איין חודש זיין אַ ייד איז אויך אַ גרויסע זאַך!...

זעלנער

פון אַ פּיצל קינד אָן געדענק איך זיי, די יידישע זעלנער, וואָס אַפילו „פּאַניע" דאָס צאַרישע רוסלאַנד, פלעגט אָפּלאָזן אויף די ימים טובֿים.

נישט געווען דער יום־טוב עטלעכע זעלנער זאָלן נישט עסן ביי אונדזער טיש.

פון זייערע שינעלן האָט געשמעקט אַזאַ מאָדנער ריח, עפּעס אַ מין דזשעגעכץ מיט יאַדיפאָרם און אין זייערע לעדערנע פּאַסן זיינען געווען פאַרשטעקט די קליינע שפּיזן וואָס שטעקן אין די ביקסן ווען זיי מאַרשירן.

עפּעס האָבן זיי געבראַכט פון דער ווייטער וועלט: אָדעסע, קיעוו, כאַר־קאָוו, מינסק, האָמעל...

און גערעדט האָבן זיי אויך מיט אַן אַנדער אַקצענט און גערעדט פון זאַכן, וואָס מען רעדט געוויינלעך נישט ביי אַ יום־טובדיקן טיש.

אָבער זיי האָט מען מוחל געווען.

יידישע זעלנער...

אַמאָל האָט דער זיידע מיטגעבראַכט פון חסידים־שטיבל צוויי זעלנער פון די קאַווקאַזער בערג...

זיי האָבן גערעדט העברעאיש, מיט אַ צומיש פון אַן אַנדער פרעמדער שפּראַך.

היינט ווייס איך, אַז עס איז געווען גרוזיניש. דער זיידע האָט מיט אַ באַזונדער דרך ארץ און ליבשאַפט זיך באַצויגן צו זיי.

געזאָגטביים טיש, אַז דאָס שטאַמען זיי פון די עשרת השבטים.

און ער — דער זיידע, וואָס איז אַזוי קאַרג געווען אויף געוויין האָט זיך צעוויינט...

אַ מענטש איז געשטאָרבן

די טונקלקייט פון דער פּאַרטאַגיקער גאַס האָט זיך ווי אַריינגעשאַרט אינעם קליינעם, העל־באַלויכטענעם רעסטאָראַנדל, זיך געקלעפּט צו די פּאָר זיצנדיקע באַזוכער.

דאָס געפיל, אַז ס׳איז ערשט נאָך שלאָף־צייט, האָט ווי אָפּגענומען דאָס לשון ביי די פּאָר מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אַרום טישלעך און געגעסן זייער פרישטיק, אָדער געטרונקען אַ קאַווע. אַ כינעזיש יונג מיידל האָט אויסגעטאָן אירע שוואַרצע ברילן און זיך אַרומגעקוקט מיט די רויטלעכע אויגן זשמורענדיק זיי פּאָר דער צו־שטאַרקער ליכט, קענטיק: אַ נאַכט־פויגל, כאָטש אויפן פּנים אירן איז נישט געווען קיין שפּור פון דער מידיקייט, וואָס מ׳דערקענט גלייך אויף די געזיכטער פון אָט די קינדער פון גאַס.

זי האָט אַריינגעוואָרפן אַ דאַים אין אַ שפּיל־קעסטל און פון דאָרט האָט אַרויסגעוואָרטשעט אַ דזשעז, עפּעס אַ טאַנץ, צו וועלכן דאָס מיידל האָט, זיצנדיק, געוויגט אירע אַקסלען און צוגעקלאַפּט מיט אירע פינגער.

באַלד האָט זיך צוגעזעצט צו איר עפּעס אַ יונג מיט אַ טעמפּען פּנים און אַ רוף געטאָן דעם קעלנער אויף צו באַשטעלן פאַר זיך און פאַרן מיידל אַן עסן פון דער קיך.

אַן עלעגאַנט־געקליידעטער מאַן, שיכור נאָך פון אַ גאַנצע נאַכט זיצן אינעם דערבייאיקן סאַלון האָלט אין איין באַווייזן זיין אַרבעט־קאַרטע פון אַן אינספּעקטאָר ביי אַ פירמע אין אַ שטאָט פון וואַנען ער איז געקומען, הויבט זיך אַלעמאָל אויף צום טאַנבאַנק, ביי וועלכן עס שטייט דער אינהאַבער פרעגלענדיק די פרימאָרגן־מאכלים.

— איך האָב אינסטרוקציעס איך צו אינספּעקטירן. לאָזט מיר אַ שמעק טאָן אייערע פליישן און פישן...

דער פון דער הינטער דער טונבאַנק, ווייסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, הייסט אים גוטמוטיק זיך זעצן ביים טיש צוריק.

— וואָס באַשטעלט איר?

— איך וויל פריער אַ שמעק טאָן.

עס פאַלט אַ מיאוס וואָרט און דער שיכור זעצט זיך צוריק ביים טישל.

און פלוצים וויגט זיך אַריין אַ מענטש און פאַלט אויפן דיל, אַן עלטע־רער מענטש און אָרעם געקליידעטער, מיט אַ שטעכיקער, נישט־ראַזירטער באָרד מיט רויטלעכע אויגן.

דאָס פאַרשלאָפענע רעסטאָראַנדל וועקט זיך אויף; אַלץ רינגלט אַרום דעם אומגעפאַלענעם. דאָס מיידל בויגט זיך אָן, רוקט אים אַריין אַ לעפל צווישן די פאַרטשעמעטע ציין, דער רעסטאָראַן־אייגנטימער לאָזט שטיין אויף דער קיך דאָס קנאַקעדיקע פּרעגלעכץ און כאַפּט אַן עמערל קאַלט וואַסער און שפּריצט דערמיט אויפן טויט בלייכן פּנים. דער יונג מיטן טעמפּען פּנים לויפט אַרויס אין גאַס שרייענדיק: אַ דאָקטאָר! פונעם דער־בייאיקן האָטעל זיינען זיך צונויפגעלאָפן די אָנגעשטעלטע.

אַ פּאָליציאַנט איז געקומען און אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער מענטש איז טויט. אַן אַמבולאַנס האָט צוגענומען דעם טויטן.

און אין די פענצטער פון רעסטאָראַנדל האָט דער פרימאָרגן זיך אַ הענג געטאָן ווי אַ שוואַרצער פאָרהאַנג.

דאָס מיידל מיט די שוואַרצע ברילן האָט אַ קוועטש געטאָן אַ צוויט ציינדל פון שפּיל־קאַסטן און אַ טרויעריקער, טרויעריקער טאַנגאָ האָט זיך פאַרשלאָפן געוויגט צום טאַקט פון אַ ליידיק־געבליבענעם פּלאַץ אויף דער אָרעמער וועלט.

דזשעפּי

דזשעפּי גענעצט און לייענט אַלץ דעם בוך וואָס לערנט איר „אַקטינג“, טעאַטער־שפּיל.

זי איז אַ שיין מיידל מיט אַ סך פרישער מילך אין דער הויט פון איר פּנים, מיט אַ קלוגן גוטן שמייכל, מיט ליפּן וואָס דיר דאַכט, אַז זיי וואָלטן נאָר־וואָס באַלעקט זיך פון שאָקאָלאַד, און זיי זיינען אייביק קינדיש, כאָטש דזשעפּי מוז שוין זיין אין די שפּעטע צוואַנציקער.

אונדז טיילט־אָפּ אַ ברייטער טיש אין דער גרויסער ביבליאָטעק.

דזשעפּי האָט אַ ווייך שטימעלע פון אַ קינד, וואָס רעדט צו דער מאַמעשי און ווייסט, אַז וואָס מער דאָס שטימעלע וועט זיין דינער און ווייכער, אַלץ מער וועט די מאַמעשי פאַרגעבן.

דזשעפּי קלאָגט זיך אויף איר שלעכטן זכרון, מיט וועמען מען קען זיך

נישט גטן און אויף דעם וואָס זי איז קינדיש שיין, צו שיין פּאַר שטאַרקע ראָלן.

— עפּעס דאַכט זיך מיר אַז העלדן און העלדינס דאַרפן טאַקע נישט זיין מיאוס, אָבער נישט ליאַלקעדיק שיין.

— דזשעפּי, איר זייט דאָך אָבער די באַזיצערין פון צוויי בריליאַנטענע אויגן, וואָס מיניען זיך פון בלוי צו שוואַרץ...

אָבער כאַראַקטער, כאַראַקטער! אויסדרוק פון געזיכט, טייל מאָל וויל איך אַריין אין גרימצאָרן און אַ שמייכל גיסט זיך אויס אויף מיין פּנים און מיינע שטאַרקע ווערטער זאָג איך אַרויס מיט אַ קינדערישער שטימע.

מיין אויסגעצייכנטער דירעקטאָר מאָדולירט מיר די שטימע, נאָר איך בלייב ביי מיינס, אַ קעצל און שוין...

דזשעפּי האָט אַ סך געלייענט וועגן סטאַניסלאַווסקין און דערציילט, אַז ער איז זייער שטרענג געווען ביים רעזשיסירן; אַז ער פלעגט זיך איינבייסן די פינגער ביז בלוט.

— דזשעפּי, איך ראָט אייך זיך פאַרצושטעלן דאָס מיידל, וואָס וויל אייך צונעמען אייער געליבטן. עס הייסט, זי איז אייער „בעסטע געליבטע״, נאָר אונטענאַרום פירט זי אַ ליבע מיט אייער געליבטן, וואָס האָט אייך אַנומלט געזאָגט, אַז ער איז פאַר אייך גרייט אַריינצושפּרינגען אין טייך...

— באַ, אָבער איך האָב דאָך נישט אַזעלכע, פאַרקערט, גאָר, ערשט נעכטן האָט דער חתן פון מיינער אַ פריינדין, וואָס איז אַ מיליאָנערישער זון, מיר פאַרטרויט, אַז זינט מיין פריינדינע האָט מיר מיט אים באַקענט, זעט ער נאָר מיר, און אַז ווען ער קושט איר, קושט ער מיר און אַז ער איז שוין גרייט מיט מיר אַוועקצופאָרן עק־וועלט...

— און איר האָט געשוויגן און קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט?

— צו וואָס אָנטאָן צער מענטשן, אַז מיר גייען די אַלע מענער נישט אָן. איך טראַכט וועגן קונסט. אַך, ווען מען באַקומט אַביסל כאַראַקטער און פּנים...

**
*

אַרום אונדז האָט זיך געדרייט די ביבליאָטעקאַרין, אַן אַלט, פאַרגרינט מיידל, מיט אַזויפיל וויסן פון איר פאַך, וואָס דערקענט יעדן בוך לויטן רוקן, מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, און געקוקט מיט אַזוי פיל קנאה אויף דזשעפּיס שיינעם פּנים...

דער יונגער איינשטיין...

איך ווייס ניט צי אַט דער קליינער, דריי־חדשימדיקער יאַט וועט אַמאָל זיין טאַקע איינשטיין. דערווייל וואַרפט ער זיך אויף די אָרעמס פון זיין 19־יאָריקער מאַמען אויפן באַס, וואָס גייט זיין רוטין־וועג צווישן צווי ווייטע שטעט אין דער נאַכט. וואַרפט זיך און וויינט מיט אַזאַ געוויין, ניט איינצושטילן אים.

ער וויינט אַזוי פאַרעקשנט, אַז ניט אַנדערש, ער כעסט זיך אויף די ווייטאָגן פון דער וועלט, וואָס גאָט איז אין זיי ניט שולדיק, נאָר מענטשן אַליין.

אַ סך מענטשן צאַרענען. נאָר מ׳הערט זיי ניט. מיין בחור, דאַקעגן, האָט אַ ברייטע „אוידיענס״. אַ־40 מענטשן אין באַס הערן אים אויס. ער שטערט זיי דעם שלאָף, ער שטערט זיי די רו, נאָר זיי שווייגן. דרייען זיך פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס און שווייגן ווידער.

בלויז איין עלטערע דאַמע קען ניט פאַרליידן דאָס וויינען פונעם קינד און בעט זיך רחמים ביים באַס־שאָפער ער זאָל רחמנות האָבן און איר איבערזעצן ווייטער עטלעכע בענק.

— איך ווער משוגע!

— איר האָט אַמאָל געכאַוועט קינדער? — פרעגט זי דער שאָפער די דאַמע האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער. קענטיק, אַז זי האָט טאַקע קיין קינדער ניט געכאַוועט.

— איר מיינט טאַקע אַז קינדער לאַכן שטענדיק? אַלע גרויסע מענטשן האָבן קינדוויז געוויינט, געמאַטערט די מאַמעס און געוויינט אין די נעכט און שפּעטער אויסגעלייזט אַ וועלט און געוואָרן איינשטיינס. פאַרשטאַנען?

אַ, ערלעכע מענטשלעכע ווערטער אין מיטן נאַכט אין אַ באַס אויף ווייטע פאַרוואָרפענע וועגן.

...און ווידער שפּעט זומער

עס זיינען נאָך דאָ צו אונדזער רשות אַ סך פאַרבאַהאַלטענע, שטילע ווינקעלעך אויף דער וועלט צו פילן דעם שפּעט־זומער פאַמעלעך אויסגיין ווי שטיל געזאַנג.

בעט דעם שאָפער, וועט ער דיך אַראָפּלאָזן אויף עטלעכע שעה אין אַ פּיצינקן ישוב׳ל: אַ פּאָר הייזער, איין געסעלע און ווייטער אַזאַ רחבות

פון טייכן און אַזויפיל ביימער וואָס בויגן זיך איבער צו די טייכן מיט אַזאַ ליבשאַפט ווי ווען אַ מאַמע האַלט אַ קינד ביי איר ברוסט.

דער פאַרנאַכט גליט טוישנדיק די פאַרבן. אַלע ווינטעלעך האַלטן איין דעם אָטעם, ווייל דו קענסט ניט רעדן הויך. האָסט שוין געפונען ערגעץ אַ פאַרלאָזענע באַנק און עס ווערן גאָרניט געשען קיין וואונדער, נאָר אירע אויגן וואָס זי האַלט סיי ווי אָפן און אויסגעשטאַרצט, ווערן זיך עפענען אַ שטייגער ווי מען מאַכט אויף אַ פענצטער אין גאַס אַרויס. און די גאַנצע מעשה פון איר לעבן וועט זיין אַזוי נאַטירלעך און אַזוי פשוט ווי אַ גוט ליד פון וועלכן דער דיכטער שיילט אָפּ די איבעריקע ווערטער און אין וועלכן עס בלייבט דער עיקר מיין און אין וועלכן דער אָנהייב און דער סוף פלעכטן זי צוזאַמען אין אַזאַ גאַנצקייט ווי גאָרנישט וואָלט געשען אין דער מיט...

דער משוגענער

די גאַנצע גאַס קען זיין משוגעת: ער איז אויף די נעכט און לאָזט זיך אַליין ניט אַנטשלאָפן ווערן.

אַ גאַנץ לעבן האָט ער גענומען פון לעבן אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז פונקט ווי מען קען זיך ניט אָנעסן פאַר איינמאָל אַזוי קען מען זיך ניט אָנלעבן פאַר איין מאָל. אָבער ער האָט גענומען פון לעבן צו־גרויסע ביסנס און ניט איינמאָל געהאַט „טראָבל״. אָבער אים האָט קיין זאַך געשראָקן, ער האָט נאָר בלויז מורא געהאַט פאַר איין זאַך: פאַרן טויט.

אויף דער עלטער האָט ער באַשלאָסן, אַז דאָס שלאָפן די נעכט נעמט אים צו דאָס לעבן אַ שטיק פון זיין וואַך זיין, האָט ער זיך גענומען אַרומדרייען אין די גאַסן אויפצוזיין און זען דאָס לעבן ביינאַכט.

האָט מען אים ניט איינמאָל פאַרהאַלטן, זיצט ער איצט אָפּ די נעכט פאַרן שוועל פון זיין הייזקע.

ביז נאָך האַלבער נאַכט זעט ער נאָך מענטשן. מענטשן קומען פון דער אַרבעט, מענטשן גייען צו דער נאַכט־אַרבעט. אַ פאַרליבט פּאָרל פאַרשפּעטיקט אַהיים. אַן אַסטמע־קראַנקער עפנט די טיר פאַר אַ ביסל אָטעם.

שפּעטער ווערט שטיל און די חיות נעמען איבער די גאַס. קעץ יאָגן זיך אַרום מיט אַ ווילדן מיאַוקען. אַ הונט צעבילט זיך הערנדיק אין חלום אַ גערויש.

און ער זויגט אַריין אין זיך די נאַכט. ער איז קאַרג אויף יעדער רגע ווי ער איז קאַרג געווען אַ גאַנץ לעבן אויף זיין געלט.

ער איז גליקלעך אין דער וועלט וואָס שלאָפט, צו זיין דער וואַכיקער און פילן דאָס לעבן.

נאָר מענטשן זאָגן, אַז ער איז משוגע...

גוויאַנאַ רעדט צו מיר...

„ניט געהאַנגען נאָר גוויאַנאַ" — אַזוי פּאָפּראַוועט מיר די גאָר שוואַרצע, נאָר שוואַרצהוידיקע יונגע פרוי פון גוויאַנאַ, וואָס פאָרט מיט מיר אין באַס.

זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער (נוירס) אין אַ שטאָט־האָספּיטאַל, און ערשט פאָרט זי אויף אַ קורס פון פאַרפאָלקאָמען זיך, וואָס וועט דויערן אַכט וואָכן. אַמאַמע פון דריי קינדער, נאָר זעט אויס פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, און דער מאַן אירער איז אַ וועטערינאַר און וויל דאָ באַקומען זיין דאָקטאָראַט.

באַוואונדער איך דעם שאַרפן באַוואוסטזין ביי אָט דער פרוי פון מיטלשול־בילדונג.

אָט דאָ לענדעלע, וואָס האָט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק באַקומען זעלבסשטענדיקייט, האָט אַ גענוג גרויסן שטח: 65 טויזנט קוואַדראַט מייל, אָבער איינוואוינער סך הכל זעקס הונדערט טויזנט. פאַראינטערעסיר איך זיך מיטן קלימאַט, מיט דער פלאָרא און פאונא, מיט דער עקאָנאָמיע, מיט דער פּאָליטיק, מיטן גייסטיקן לעבן, און דאָס ווייבעלע ענטפערט ווי אַ געניטער גאַיד. זי ענפטערט אַלץ מיר „מיר", „מיר האָבן", „מיר עקספּאָרטירן". „מיר אימפּאָרטירן", „מיר דאַרפן מענטשן". זי אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט אין אַלעם, וואָס אַ מענטש פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט קען אינטערע־סירן. איז זי פון די געציילטע אַזעלכע ביי זיך אין לאַנד?

ניין, „מיר זיינען נאָר ווייניק, און מיר זיינען מערסטנס אַ פאַרמער־פאָלק. די גרויסע ביזנעס טוען נאָר דערוויייל אינדיאַנער, כינעזער, ענגל־לענדער, האָלענדער, אַמעריקאַנער, אָבער עס מערקט זיך פּאַמעלעך אַ טענדענץ איבערצונעמען דעם גרויסן האַנדל און אויפשטעלן אַן אינדוסטרי און טאַקע קענען זיך אַן עצה געבן מיט דער זעלבסשטענדיקייט... ניין, ניט נאָר זי איז עס די באַוואוסטזיניקע, דאָס גאַנצע פאָלק ווערט פּאַמעלעך באַוואוסטזיניק.

פרעג איך פראַגן וועגן גוויאַנאַ, ווי אַ טריט פון דעם לאַנד געפינט זיך די געוועזענע האָלענדישע קאָלאָניע סורינאַם, וואָס יידישע טעריטאָ־ריאַליסטן האָבן זייער ערנסט געמאַכט פּרוואון צו מאַכן פאַר אַ יידישער טעריטאָריע, און איך באַקום וויסנשאַפטלעכע ענטפערס פון אַ פשוטער נוירס פון גוויאַנאַ... אַ לענדל אין דרום אַמעריקע אין אַ פאַרשלאָפענעם באָס, נאָך האַלבער נאַכט, צווישן ניו־יאָרק און טאָראָנטאָ.

ע פּ ל

כ׳האָב שטענדיק ליב געהאַט עפּל, נישט אַזוי דאָס עסן עפּל ווי דאָס קוקן אויף די פאַרשיידענע סאָרטן, פאַרשיידענע קאָלירן און שמעקן זייער געשמאַקן ריח.

דאָס האָט זיך נאָך גענומען פון דער צייט, ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל און די באָבע האָט אין דריטן שופלאָד פון איר קאָמאָד אויף אונדזער גאָרן־שטיבל געהאַלטן עפּל און יעדן שבת־בייטאָג, נאָכן לייענען די „צאינה וראינה״ דערלאַנגען צום טיש אַ פּאָר עפּל. אין שטיבל, וואָס איז פול געווען מיטן זיידנס ספרים און קיין זאַך האָט ניט דערמאָנט אין דרויסן — זיינען די עפּעל געווען ניט בלויז אַ זאַך צו עסן, נאָר עפּעס וואָס האָט דערמאָנט אין „ווי שיין אין דער בוים״. עפּעס, וואָס האָט אינעם קליינעם שבתל מיטן פאַרשנייטן מאַרק דערמאָנט אין זון אין גאָרטן און אין צע־שטיפּטע ווינטלעך...

נאָר אָט איז מיר אַמאָל אויסגעקומען אין די ביטערע מלחמה־יאָרן אין אַלמאַ ־ אַטאַ (די שטאָט פון עפּל), קאַזאַכסטאַן, צו אַרבעטן אַ געוויסע צייט אין אַ קאָלכאָז פון עפּל. אַלמאַ־אַטער „אַפּאָרסן״ האָבן אַ שם איבער גאַנץ רוסלאַנד מיט זייער גרויס און שיינקייט. זייער זאַפט צעגייט זיך אין אַלע גלידער. אויפן אָרט האָסטו געקענט עסן וויפל דו ווילסט און נאָך מיטנעמען אַ קילאָגראַם ((צוויי און אַ האַלב פונט) אַהיים.

מיר האָבן געריסן עפּל פון די ביימער און זיי צונויפגעזאַמלט אין קויבערס. די זון האָט געבראָטן און מיר האָבן אין צווייען געשלעפּט די שווערע קויבערס צו אַ וואָג און שפּעטער אין שפּייכלערס. פון פרימאָרגן ביז זון־פאַרגאַנג — וואונדערלעך שיינע, גרויסע, זאַפטיקע עפּל.

טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך עפּל, וועלכע כ׳האָב מער ניט געקאָנט עסן און אויף וועלכע עס איז מיר דערעסן געוואָרן צו קוקן... פון מידקייט, פון דערשעפּטקייט.

אַ שוואַרץ רעמעלע אין צייטונג...

אַ שוואַרץ רעמעלע אין צייטונג, אַ קליין רעמעלע, האָט דער־ציילט וועגן אַ מצבה־אויפדעקונג אויפן קבר פון מיין לאַנדספרוי, אידאַ שאַצקי, די פרוי פונעם באַרימטן היסטאָריקער ד״ר שאַצקי.

ווען זי איז אַוועק קיין אַמעריקע בין איך נאָך געווען אַ קליין ייִנגעלע, אָבער כ׳האָב זיך שוין „געחברט״ מיט איר טאַטן שלמה קלעזמער.

שלמה קלעזמער, אַ ייד מיט אַ לאַנגע קאַפּאָטע, מיט אַ טוכן היטעלע און מיט אַ מאָדנעם טרויעריקן פּנים, האָט אָנגעפּירט מיט שטעטלעס קאַ־פּעליע אויף חתונות.

שלמה קלעזמער איז געווען די ערשטע פידל. זיין שפּילן איז זיך צע־גאַנגען אין אַלע איברים. ער האָט געמוזט זיין אַ מייסטער אַפילו לויט מיינע היינטיקע באַגריפן. מיט אים האָבן געשפּילט אַנדערע כלי זמרים, צווישן זיי זיין זון ישראל בער אויפן קלאַרנעט. ישראל בער איז שוין געווען מאָ־דערן געקליידעט מיט אַ שוואַרצן מעלאָניק און מיט מאַנזשעטן מיט גילדענע ספּינקעס, ווען מען פלעגט אַמאָל איינלאַדן די קאַפּעליע צו די פּריצים אַרום.

דער חדר, וואו איך האָב געלערנט, איז געווען אַ פּאָר הויפן ווייט סך הכל פון שלמה קלעזמערס שטוב און איך פלעג ליב האָבן, אַזוי ליב האָבן צו הערן יעדן טאָג ווי שלמה קלעזמער קנעלט איין מיט זיין קאַפּעליע בייַע ניגונים פון נאָטן אַרויס: איינס, צוויי, דריי; איינס, צוויי, דריי, אָנגעהויבן.

און עס פלעגט זיך געבן אַ שיט אַרויס ווי גאָלד־שטיקלעך איבערן חושכדיקן הויף אַזעלכע בלענדענדיקע קלאַנגען. אַזוי פלעג איך אָפּשטיין אַ לאַנגע צייט ביז שלמה פלעגט מיר אַריינבעטן: ייִנגעלע קום אַריין...

און איך פלעג אַריינגיין און זיך צוקוקן ווי שלמה קאָמאַנדעוועט מיטן צווייטן פידל כאַצקעלען מיטן פאַרשפּיצט בערדל, אַ שטייגער דאָס בערדל וואָלט געוועזן זיין געווער קעגן עמעצן, און מיט הענעך באַס, וואָס פלעגט האַלטן שטענדיק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער כלי זייַען און מער פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, און צו ישראל בערן, וואָסביים טרומייטערן אויף זיין קלאַרנעט פלעגן זיך זייטן פון דער נאָז זיינער זיך הויבן און אַראָפּגעלאָזן ווי פליגל און די אויגן פלעגן זיין פאַרקוקט אויפן פּיעקילעך, און אויף בערטשע פּויק מיט די טאַצן, וואָס די אויגן זיינע האָבן כסדר געקוקט אויף שלמהן ווי איינער זאָגט: „לאָמיך שוין געבן אַ טראַסק, וואָס האַלטסטו מיר אויף אַזוי לאַנג״, און שימעלע און חיים מיט די פליטן, צוויי אַלטע בחורים מיט קאַשקעטן, מיט זיידענע בענדלעך אויף זיי, אַ סימן, אַז מען איז שוין אַ ביסל געכאַפּט אין דער מעשה״. שלמה פלעגט איבערשפּילן און איבער־

שפּילן און איך פלעג פאַרשפּעטיקן אין חדר און דער רבי פלעגט מיך פאַרקלאָגן פאַר דער מאַמען און די מאַמע איז מיר אַמאָל נאָכגעגאַנגען און געפונען מיר ביי שלמה קלעזמער.

אָבער שלמה האָט מיך ליב געקראָגן און פלעגט מיך אָפּילו מיטנעמען אויף אַ חתונה:

— סראָליקל, לערן דיך נאָטן, וועסטו אַמאָל זיין אַ גוטער קלעזמער...

באַזונדער האָט מיך ליב געהאַט שלמה'ס זון, יצחק דער בדחן. ער איז געווען אַ טייל פון דער קאַפּעליע; זיין באַזינגען אַ כלה צו דער חופּה האָט געהאַט אַ שם. יצחקן פלעגט מען נעמען אַפּילו קיין וואַרשע אויף נגידישע חתונות.

נאָר יצחק האָט אַלעמען אָפּגעטאָן אויף טערקיש און ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַריין אין שטעטל, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ רויטע לענטע אויף דער האַנט און געווען פון דער „פאָלקס מיליץ". דאָס האָט ער „גע־פראַזדעניעוועט" (געיומטובט) בלויז צוויי וואָכן, ווען מען האָט די באָלשעווי־קעס פאַרטריבן, האָט מען אים שיער נישט איינגעזעצט. אַ נס וואָס דער רב האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט...

און שלמה אַליין, מיטו טרויעריקן פּנים, האָט אַזוי לאַנג געפירט די קאַפּעליע ביז מען האָט אים געפונען אין ברונעם פון זיין הויף אַ דער־טרונקענעם.

ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען. פון אָרעמקייט? געווען אָרעמערע פאַר אים, אָבער עפּעס האָט אים גענאָגט, געטאָטשעט דאָס גאַנצע לעבן, אפשר די אַמביציע פון אַ קינסטלער, וואָס איז נישט באַפרידיקט געוואָרן?

אַ קליין רעמעלע אין צייטונג... און דורכן רעמעלע שווימט מיר אַנטקעגן אַ קאַפּיטל פון מיין קינדהייט.

ל י ד ע ר

צו איינער מיטן נומער אויף דער האַנט

אָ, טייערע, יידישע פרוי
מיט טויזנט סכנות אין דיין שמייכל,
און מיט גלאַנץ פון דער האַק אין דיין אויג,
ווי נאָענט, ווי דו ביסט מיר טייער,
אַזוי פיל ווייטיק אין דיין יעדער נויג און בויג,
איך בין אַלע קנייטשן אויף דיין פנים דיר מוחל,
זייַ אַזוי, רעד אַזוי,
פשוטע רייד, געלייטערט אין פייער.

אָ, איידעלע, איידעלע שוואַן
מיטן אויסגעריסענעם ווייסן פליגל,
איך וויים נישט צי איך, צי דו ביסט אין וויגל,
און ווער דאָס וויג-ליד זינגט.
נאָר כ׳שעם זיך צו זיין לעבן דיר מאַן,
וואָס אויף דיינע צאַרטקייטן ווינקט,
און דיין שיינקייט באַוואונדערט —
ריים מיך אוים פון אונדזער יאָרהונדערט!

דאָס לעצטע בלעטל אין בוך,
אַ בלאַט פריער — פרימאָרגנס און שקיעה׳עס,
און טייכן און טאָלן און היגלען,
וואָס וויינען, ווי ביי אַן אָבל פאַרדעקטע שפיגלען,
כ׳שעם מיך מיטן וואַלד פון גרין,
און מיטן שיינעם און פריילעכן זין
איבער מיר, פון פלאַנעטן אין די הימלען,
און אַלץ ביי מיינע טריט, וואָס טוט ווימלען.

און מיט אַלע וואונדערלעכע רייד,
פאַרבאַהאַלטן אין אַלטע ביכער,
אוודאי זיינען געדאַנקען מיר טייער,

פון ווייסן דעם גרויסן באַשייד
פון קאָסמישן געזעץ, וואָס געניי
קייטלט צייט אין איר אַקס אַזוי זיכער,
אָבער זיך אַזוי, רעד אַזוי,
פשוטע רייד, געלייטערט אין פייער.

לאָמיר בעטן פאַר אונדזער גאַס

לאָמיר בעטן,
לאָמיר בעטן פאַר אונדזער גאַס:
מאַמעס זאָלן נישט שלאָגן די קינדער,
בלויז ווייל זיי האָבן נישט
צו וועמען אויסצולאָזן דעם כעס...

און די פרייד, און די פרייד
זאָל זיין עפּעס מער
ווי די געדרוקטע רויטע בלומען
אויפן סיצינעם קלייד...

און דעם שיינעם יונג,
וואָס וויל זיך רימען פאַר זיין מויד,
עס זאָל אים נישט איינפאַלן
צו דערשלאָגן וועמ׳ צום טויט...

און די מענטשן, וואָס זייערע נעמען
קען מען בלויז צווישן ווענט,
זאָלן נישט באַרימט ווערן אין צייטונג
בלויז צוליב אַן עקסידענט...

און די, וואָס האָבן נישט קיין געלט
אפילו פאַר זייער לעצטן שטיקל ערד,
זאָג אַליין זיי נאָך אַ שבח,
זייער פּיצל ווערט.

וואָקזאַלן

איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין וואָקזאַלן,
אין דער פרייד פון נאָענטע געסט באַגעגענען,
און מיט שטילער טרער פון קרובים זיך געזעגענען,
אין לאַקאָמאָטיווס פייפנדיקן שאַלן.

בין אַ פרעמדער דאָ, נאָר כ׳וואָלט געוועז אַ בעלן
איינער פון געזעמל זיין און שענקען,
אויפן וויַיטן וועג אַ בליק וועם׳ צו געדענקען —
צו אַ גאַסט פון וויַיט אין ליבשאַפט צוצופאַלן.

נאָר כ׳בין אַלץ דער פרעמדער און אַליין
אויף וואָקזאַלן איך בלייב נישט איינמאָל שטיין,
סיי פרייד סיי טרויער איינצושפּאָרן;
נאָר טיילמאָל דאַכט זיך: עפּעס וויַיטס,
וואָס איבער אָרט און איבער צייַט,
איז צו גאַסט געקומען און פּלוצעם אָפּגעפאָרן...

**

איידער דער ניגון וועט פאַרבייפאָרן
דעם שאָסיי,
לאָמיר זיך איילן אים באַגעגענען,
ווי קינדוויים: מוזיקע מאַרשירט!
ס׳איז נאָך אַלץ אַ נייעס פאַר מיר און פאַר דיר,
ס׳איז אַזוי פיל איבער אונדזער לייב אַריבער,
נאָר מיר זיינען נאָך שטיקלעך פון טאָג,
און פרישע צווייגן טראָגן אונדז אויף די הענט
ווי הייבאַמס פריש געבוירענע קינדער,
די יונגע מאַמעס אַנטקעגן,
דער ווינט איז אונדזער געלעכטער,
און בלעטער ווערן נישט געל.

דאָס אַנדערע געשטאַלט

איך האַלט אין לעבן אין איין איבערהיפּן:
פון ייִנגעלע מיט פּיאות, ביזן סאַמע נידער,
אין תּפיסה, צווישן זינדיקע; און ווידער
מיט די, ביי וועם אַ גאַנץ יאָר איז יום־כּיפּור.

דער ערשטער טעם פון לייענען „אל הציפּור"
צום בוים פּאַרקוקט, זיך אויסגלייכן די גלידער;
דער זיסער פּיין פון שרייבן ערשטע לידער,
אויף סיביר אין אָרעמס פון דער קליפּה.

איז אַלץ פּאַרגלעט, נאָר טיילמאָל פאַרן שפּיגל,
גיט פּלוצעם זיך אַ ריגל אויף אַ ריגל,
אַ ווייטע וועלט זיך עפנט, טוט געגענען;
ביזט צוגעקעמט און גלייך אַזוי מיט לייטן,

דיין צווייט געשטאַלט קומט פּלוצעם אָן פון ווייטן
קוקסט מיט שרעק און קענסט זיך נישט דערקענען.

ליד וועגן קליינע זאַכן

אַ געזאַנג צו קלייניקייטן:
דאָס שפּיגעלע, דער פּודער, די שמינקע,
דאָס ביכל „פּייפּער בעג" פאַר 95 סענט,
דער בעסט סעלער, וואָס כ'האָב אַזוי פיינט
און באַקום אַזוי ליב אין דיין האַנט־בייטל.

און דער קליינער רים אין נאָז־טיכל
וואָס נאָר מיין געניט אויג זעט עס אַ וויִיל,
וואָס וויינט אַזוי
ווי ס'פּלעגט דאָס געבאָרגטע קלייד
פון דער מאַמען אַראָפּ ווייַנען, און וואָס נאָך?
אַ קאָנווערט מיט מאַרקעס פון פרעמדע לענדער
גרוסן פון ווייטע פריינד,

אַן איבערגעשריבן ליד
פון אַ דיכטער וואָס שרייבט נאָך וועגן דער לבֿנה,
(אַ סימן פון איר אינטעליגענץ...)

און ווייטער טונקעלע עלנטקייט
פון אַ רעגנדיקן דרויסן,
און פון נעכטנס, נעכטנס, נעכטנס...

איך קען נאָך אַלץ אַזוי גוט זיין

איך קען נאָך אַלץ אַזוי גוט זיין,
און ווערן פֿאַרוואונדערט שווייגנדיק,
ווי די קאַץ אין שטוב,
אויף אַ טרויעריקן ניגון פון פֿיר טענער בלויז...
אָפּגענאַרט,
פון דער ליכטיקייט וואָס שפּאַרט
פון דיין אויג,
וואָס אונטער אים פֿאַרשטעלט ווערט
דער טויט.
איך קען נאָך אַזוי פיל שווייגן און אויסשווייגן
אין דער רעדנדיקער וועלט...
דיר ברענגען אַ מתנה
אַלע נאַכטיקע וועגן
פון מיינע ווייטע נסיעות,
און די פּנימער פון מענטשן
וואָס כ'האָב זיי נאָר איינמאָל געזען
און וועל זיי קיינמאָל מער נישט זען —
און דאָס וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין מיר,
און דעם גאַנצן טרויער פון שטעט
וואָס פֿאַלן ביים סוף צו פֿעלדער צו,
אומעטיק אַזוי,
שטיל אַזוי...

לאָמיר

לאָמיר זיך נישט קענען צופיל —
פונדערווייטנס זיך בלויז באַוואונדערן;
דער סוד זאָל בלייבן סוד,
ביים טויערל צווישן ברוסט און ברוסט.
ס'איז זיסער דאָס פאַרהוילענע,
ס'איז ליבער דאָס וואָס איז קיינמאָל נישט באַוואוסט —
ווי ס'איז טייער אַ ווייטער גרוס.
און ווי אומשולדיק עס איז אַ קינדס הענטל
אויף בעטהאָוועגס אַ ביוסט,
ווען ס'אַנמטשן קנייטשן אויפן פנים
זיינען בליצן פון אַ ווייטן גאָט,
און פאַרן קינד בלויז אַ שפּיל.

אלמנות פון פּאָעטן

זאַנגען געקאָסעטע פון אַ ווייטן אומעט;
דער היינט איז אַ רוצח, נאָר שיין, ווי שיין איז דער נעכטן,
אונדזער נעכטן דער גערעכטער, דער פאַרגאַנגענער זומער.

עפּעס איז דאָ אין אייערע אויגן
דאָס פאַרענדיקטע פון ליד וואָס געבליבן איז נישט פאַרענדיקט,
און די אויסגעבענקטע מילדקייט פון אַ רעגנבויגן
נאָכן שטורעם-ליד פון אייערע מענער.

און רעדן רעדט איר אַזעלכע שטילע רייד,
(די לוחות האָט איר דאָך נישט צעבראָכן,
און צו רעטעגישן נישט געגעבן קיין באַשייד) —
נאָר אַלצאיינס זייט איר יום-טוב אינדערוואָכן.

שפעטזומער

ס'איז אפשר אַ זינד אַזוי צו טראַכטן
פון שטילע זאַכן אויף דער וועלט,
נאָר ווער קען פאַרבייגיין די פאַרנאַכטן
אין דעם ערשטן בלעטער־געל?

אַ טאָל און פי און פעלדער, פעלדער,
און אַ טייך אַ שמאָלער איז אויך דאָ,
און די זיסקייט פון פילן זיך עלנט —
וואו יעדע שעה איז ווי לעצטע שעה.

און ערגעץ ווייט — אַ צענדליק שטיבער,
און איבער זיי עס פליט אַ טויב,
און די הנאה ווען עס ווערט דיר ליבער
אַ קליין פייערל אין אַ שויב.

צוריקוועגס

אָפּגעפּאָרן אַזוי פיל יאָרן, מיט אַזוי פיל מויערן און טרויערן,
צו פאַרגעסענע ליבשאַפטן אין מיין וואקל.
צו נאָך אַמאָל ווערן געבוירן
מאַכט ערשט דער ניגון פאַר מיר דעם סך־הכל.

מען דאַרף נאָך אַמאָל אָנהייבן בענקען,
און איך האָב פאַרגעסן פון פנימער די שטריכן.
בלויז דער ניגון פאַרהיט זייער געדענקען
און אַלע ווייטיקן צווישן „אירן" און „מיכן"...

פאַראַן אַ שטים וואָס רופט נעכט ביי די נעמען,
אַ האַנט — וואָס מישט איבער פאַרנאַכטן.
ווינטן וועלן ווערטער איבערקומען
פאַר מיין טרויער, געדאַכטן און ניט־געדאַכטן.

צו אַ פֿידלערין

אין שיר השירים איז אַ האַלדז אַזאַ ווי דיינע
פֿאַרגלייכן צו דודס שלאַנקן טורעם.
נאָר צו וואָס פֿאַרגלייכן מיין קאָפּ נאָך אַלע פּיינען,
וואָס פֿאַלט אין דיין אָרעם?

דיין אָרעם וואָס אָפּט אַזוי ניט־הי איז
ביים אָנשטרענגג פֿון שפּילן סען־סענען.
ערשט ווען ס'נעמען פֿינקלען דיינע אויגן הינטער וויעס —
לאָז מיר דעם פֿלאַם פֿון דיין שפּילן דערקענען.

דיין אויג איז מיד ווי מיין הארץ.
און דיינע ליפּן שעפּטשען מיר אין אויער
אַזוי שטיל, אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט,
דאָס ניט־דערשפּילטע פֿון סען־סענס טרויער.

וועגן שרייבער און ביכער

אהרן צייטלינס מאָנומענטאַל ווערק, „די אַנדערע עקסיסטענץ״

אַהרן צייטלין: „המציאות האחרת״, הוצאת „יבנה״, תל אביב, תשכ״ז.

דער נאָמען פון אַהרן צייטלין איז גוט באַקאַנט, שוין לאַנגע יאָרן, פאַרן יעדן איינעם וואָס לייענט די יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן. צו זאָגן „ברא כרעה דאביה״, אַז דאָס עפּעלע, הייסט עס, פאַלט נישט ווייט פון בוים, אַז ער איז דער זון פון זיין גרויסן פאָטער, ר׳ הלל צייטלין ז״ל, דער באַרימטער פילאָסאָף, דענקער, קבלה־קענער און עסייאיסט — וואָס איז מיט אַזאַ הייליקייט אומגעקומען אויף קידוש השם — צו זאָגן דאָס איז ווייניק. אהרן צייטלין שטייגט אין געוויסע פּרטים איבער זיין פאָטער. ער איז אַ גרויסער פּאָעט דערצו. און איז באַשאָנקען מיט אַזאַ גרויס וויסן אויף אַלע געביטן, וואָס מ׳וואָלט געקענט פונאַנדערטיילן צווישן אַ צענדליק פּראָפעסאָרן.

אויף אים איז אָנגעמאָסטן דער אַלטער טראַדיציאָנעלער טיטל: „כל רז לא אניס לו״, נישטאָ קיין געביט פון דער וויסנשאַפט, וואָס זאָל אים נישט זיין גרינטלעך באַקאַנט. איבער פערציק יאָר ווי איך פאָלג נאָך זיין שאַפן אין העברעאיש און יידיש, פון אַ ליד זיינס אין די אַמאָליקע „ליטעראַרישע בלעטער״, זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס און עסייען אין „גלאָבוס״, זיינע פּרעכטיקע עסייען, לידער און איבערזעצונגען אין „התקופה״ (פון וועלכער ער איז שפּעטער געוואָרן מיט־רעדאַקטאָר), אין „מקלט״, „בצרון״ און „מאזנים״ און אין „דבר״, אין „הדואר״ און אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, וואו ער איז דער וועכנטלעכער קאָלומניסט — און איך בלייב שטיין פאַרוואונדערט פאַר דעם דאָזיקן פענאָמען, אַ פענאָמען וואָס גייט אַוועק צו די צייטן פון געטע, ווען דער דאָזיקער פּאָעט האָט אָנגעשריבן גאַנץ סאָלידע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן פאַרבן־לערע און וועגן דעם געבוי פון שאַרבן.

אַ סך וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָט אהרן צייטלין פאַרעפנטלעכט, אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז לייענענדיק זיין לעצט בוך: „המציאות האחרת״ — די אַנדערע עקסיסטענץ, וועגן פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, בין איך געוואָרן נשתומם.

אונדזער דור איז אַ נישט־גלייביקער דור. מען איז געוואָרן אַזוי זיכער אין זיך, אַז יעדער דערשיינונג, וואָס שלאָגט אונדז ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ און פאָדערט פון אונדז אַן ענטפער, וועלכן מיר קענען בשום אופן נישט דערקלערן מיט אָנגענומענע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, באַגאַטעליזירן מיר; מיר מאַכן עס צו קליינגעלט, מעגן אַפילו אָט די דערשיינונגען זיך טרעפן מיט אונדז אַליין, מיר שרייבן עס אַלץ צו דעם „צופאַל".

נייע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען האָבן אונדז שטאַרק דערנענטערט צו אונדזער נאָענטסטן פּלאַנעט, צו דער לבנה, אויף וועלכער אַ מענטשלעכער פוס וועט שוין זיכער שטיין אין די נאָענטע פּאָר יאָר. איז האָבן מיר מיט וואָס זיך אַזוי איבערצונעמען? קענען מיר זיך איבערנעמען דערמיט, בעת מיר וויסן גלייכצייטיק, אַז ערגעץ זייַנען דאָ וועלטן, וואָס דער מענטש קען אַפילו נישט תופס זיין, די צאָל מיליאָנען ליכט־יאָרן וואָס דאַרף נעמען איידער מיר זאָלן קענען דערזען זייער שיין? אַז אַזוי פיל ביליאָנען ליכט־יאָרן דאַרפן מיר לעבן אויף בלויז צו קענען תופס זיין דעם אַפּפלוס פון אַזאַ שטח צייט? אָבער דאָס זיינען וייטע זאַכן און מיר קענען נאָך גאַנץ וויניק די סאַמע נאָענטסטע זאַכן אַרום אונדז. בלויז 30,000 ריחות זיינען רעגיסטרירט און וויפל פון זיי וויסן מיר נישט אָדער מיר זיינען אויף זיי נישט עמפּינדלעך? מיר האָבן רעגיסטרירט עטלעכע טויזנט דעפיניציעס פון קאָלירן, און וויפל קאָלירן זיינען פאַראַן אויף וועלכע אונדזער אויג איז נישט עמפּינדלעך? מיר וויסן פון טויזנטער קלאַנגען, און וויפל צירופי־קלאַנגען זיינען דאָ נאָך אין דער שויס פון דער צוקונפט?

מיר האָבן אַן אַנונג וואָס עס טוט זיך אויף ווענוס, אָבער זייַנען זייער וויניק באַקאַנט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין אונדז אַליין, אַז אין אונדז אַליין קומען כסדר פּאָר זיווגים פון זאַכן וואָס זיינען געווען צעשיידט און געבענקט איינס צום צווייטן ווי אַ מאַן צו ווייב און ווייב צו מאַן, טראַגיש בענקענדיק נישט וויסנדיק פאַר וואָס, און ווי פּלאַנעט צו פּלאַנעט, און ווי אַלץ דאָס — צום שורש, וואָס איז דער אָנהייב און סוף פון זיי אַלעמען. און אַז אויב עס זיינען זיך מזווג אין אונדז פּאָרב און קלאַנג, טרעפט אויך, אַז שטח און צייט קאָנצענטרירן זיך, קאָרטשען זיך איין בבחינת „עומדים צפופים ומשתחווים רווחים" — ביי טייל אויסדערווייילטע פון אונדז, און ביי אונדז אַליין אין געווויסע מאָמענטן, און אין אונדזערע חלומות וואָס זיינען גאָרנישט אַזוי פשוט ווי פרויד און אַנדערע ווילן אונדז געבן צו פאַרשטיין.

דאָס דאָזיקע גרויסע בוך (תרתי משמע) פון אהרן צייטלין איז טאַקע עוסק אין אָט די ענינים.

עס זיינען אַ סך פאַראַן דערשיינונגען, וועלכע מען קען בשום אופן נישט דערקלערן מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, אין די באַזונדערע פעאיקייטן

אין מענטשן פון זען פון דער ווייטנס אויף לאַנגע שטחים, און פון לייענען יענעמס געדאַנקען, און פון זען אין חלום זאַכן וואָס זיינען געשען אָדער וועלן געשען. קומען אַזעלכע דערשיינונגען פאָר, אָדער זיינען פאָרגעקומען?

בלי שום ספק! טויזנטער גבורות עדות זיינען פאַראַן פון אַלטע צייטן און ביז הייַנט צו טאָג, און נישט דווקא פון גלייביקע מענטשן, נאָר אַפּילו פון אַפּיקורסים, פון ראַציאָנאַליסטן, פון מענטשן ניכטערע, וואָס לאָזן זיך נישט פאַנגען פון עמאָציעס.

און ווי שרייבט באַשעוויס: ריכטער אין אַ געריכט פאָרשן אויס עדות, און אויפן סמך פון זייער עדות זאָגן פאַרמשפּט מען מענטשן אַפּילו צו טויט־שטראָף, אָבער נאָך אַלע עדות זאָגן וועגן אויסטערלישע פּאַראַפּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען פון די באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן זיינען נאָך אויף הייַנטיקן טאָג דאָ ווויסנשאַפטסלייט וואָס האַלטן פון פּאַראַפּסיכאָלאָגיע (וואָס איז ערשט אין 1882 געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן און צו איר האָבן געהערט אַזעלכע ליכטיקע קעפּ ווי לאָרד באַלפור און הערץ, דער דערפינדער פון הערץ־כוואַליעס; אַנרי בערגסאָן און אַנדערע) — זיינען נאָך פאַראַן הייַנט צו טאָג וויסנשאַפטסלייט וואָס האַלטן פּאַראַפּסיכאָלאָגיע נישט פאַר קיין וויסנשאַפט.

און פאַראַן אַפּילו צווישן די, וואָס האַלטן יאָ פון אָט דער וויסנשאַפט, אַזעלכע, וועלכע וועלן דאָס דערקלערן ווי אַ פיזישע זאַך, אַ זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט די אָרגאַנען, אָדער מיט געוויסע שטראַלן וואָס דער מוח טיילט אויס (טעלעפּאַטיע).

אַוודאי זיינען געווען במשך פון יאָרן אָפּנאַרעריי, אַפּילו שאַרלאַטאַנעס וואָס האָבן אויסגענוצט די פאַרבאָרגענע פעאיקייטן פון מענטשן פאַר פינצטערע צילן, אָבער אַ סך מער פיינסטע מענטשן אין דער געשיכטע און אין אונדזער צייט זיינען עדות פון דערשיינונגען אין אונדזער פּסיכישן לעבן, וועלכע מען וועט קיין מאָל נישט קענען „מעסטן און וועגן“ מיט אָנגענומענע וויסנשאַפטלעכע מאָסן, פּונקט ווי מען וועט קיין מאָל נישט דערקלערן, פאַרוואָס דאָס און יענער פרויען־געזיכט קען משוגע מאַכן דווקא דעם אָדער יענעם מאַנספּערשוין און נישט אַן אַנדערן. און דעריבער איז פאַרשטענדלעך אַהרן צייטלינס קעגנערשאַפט צום קוואַנטיטיוון צוגאַנג פון פּראָפ. רהיין און אַנדערע.

איז וואָס וועט איר אַלע זאָגן וועגן אַזאַ פאַל, וועגן וועלכן עס גיט איבער דער באַרימטער ענגלישער שרייבער האַגאַרד, וועלכער האָט איבער־געלעבט אין חלום די יסורים פון זיין טרינקענדיקן הונט? מען האָט שפּע־טער אויסגעפונען, אַז דער הונט איז דערטרונקען געוואָרן אַ סך פריער און דער חלום איז געווען ביי קאַרגאַרדן שפּעטער. דאָ האָט איר שוין אַ פאַרבינדונג פון אַ מענטש מיט אַ חיה.

אהרן צייטלין ברענגט אַפילו פאַרבינדונגען פון אַ מענטש מיט אַ קאַץ און ער דערקלערט דאָס מיטן פאַנטעלעפּאַטישן געזעץ, ווייל אַלץ אין קאָסמאָס איז פאַרבונדן מיט אַ געהיימען אופן איינס מיטן צווייטן; און אויב אַ מענטש קען זיך פאַרבינדן מיט אַ וועזן פון אַ נידעריקער מדרגה פון אים, קען מען דאָך אָננעמען, אַז דאָס העכערע און העכסטע וועזן, גאָט, קען זיך פאַרבינדן מיטן מענטשן.

זענט איר קלוגעטשקע און ספקט? „אָט דערצו זיינען מיר צוגעקומען נאָך אַלע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט?"

זעט איר, אַז ד"ר אידער, פּרווידס אַ תלמיד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַטעאיסט, אַז ד"ר ניסן טוראָוו האָט אים געפרעגט וועגן העלזעען, האָט ער טאַקע נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דערויף און האָט אים דערציילט אַ פאַקט, וואָס איז געשען מיט אים אַליין: ער איז אַמאָל, זייענדיק אין דרום־אַמעריקע, געשטאַנען פאַרבענקט ביי אַ טייך און געטראַכט וועגן זיינע באַקאַנטע איבערן ים, און פּלוצעם האָט ער, מיט אַן אויסטערלישער קלאָרקייט דערזען אַן אומגליק וואָס איז געשען ביי אַ פריינד. שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו, און אַלץ האָט זיך מיטן קלענסטן פּרט באַשטעטיקט.

זאָגט איר ווידער צופאַל?

הערט אַ וואונדער פון דער פסיכאָמעטריע, וועגן וועלכן עס שרייבט איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין אַמעריקע, פּראָפ. וויליאַם דזשיימס, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט אין 1885 די וואונדערזעערין, אַ פרוי פּייפּער, וועלכע האָט געקענט אָפּמאָלן אַ מענטש, האַלטנדיק עפּעס אַ חפץ פון יענעם, נישט קענענדיק אים פריער.

און ווי קען מען האַלטן פאַר אַ „צופאַל" די דריי פּאַסירונגען וועגן וועלכע עס דערציילט אין זיין ספר „נשמת חיים" דער גרויסער ייד און געלערנטער, ר' מנשה בן ישראל און די חלומות וועגן וועלכן עס דערציילט אַזאַ ראַציאָנאַליסט און וויסנשאַפּטסמאַן ווי שד"ל (שמואל דוד לוצאַטו)? און די פאַקטן פון ש. י. עגנון? און די באַרימטע אצ"ל־העלדין, גאולה כהן, די גיבורה און אויסטערליש מוטיקע, וואָס דערציילט, אַז ווען די ענגלענדער האָבן זי אַרעסטירט און געהאַלטן אין אַ קאָנצענטראַציע־קעמפּ, האָט זי געמאַכט אַ פּרוואוו צו אַנטלויפן. די ענגלענדער האָבן באַכגעשאָסן און איר געטראָפן אין אַ פוס. זי איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין די בערג פון בית־לחם, און גראָד דעמאָלט, האָט איר מאַמע געזען אין חלום, אַז גאולה לויפט אַרום אין די בערג באַגאָסן מיט בלוט.

דאָס איז נאָר אַ הונדערט־חלק פון די אַן אַ שיעור פאַקטן, וועלכע אהרן צייטלין האָט אָדער אַליין פאַרשריבן פון די מענטשן מיט וועלכע די וואונדערלעכע זעאונגען האָבן פּאַסירט, אָדער ער האָט צונויפגעקליבן פון

ספרים און ביכער מיט אַ בקיאות אויף וועלכער עס איז נאָר דאָ איין פּאַסיקער אויסדרוק: גענִיאַל!

אָבער דאָס בוך פון אהרן צייטלין איז ווייט נישט קיין קאָמפּילאַציע פון ביכער וועלכע ער האָט געלייענט. עס איז אַ זעלבסטשטענדיק, אָריגינאַל, וויסנשאַפטלעך ווערק. אהרן צייטלינען גייט אין באַוויזן, אַז פּאַראַפּסיכאָ־לאָגיע איז נישט נאָר אַ וויסנשאַפט, נאָר אויך אַן איבער־וויסנשאַפט.

אין דער צייט ווען מיר וויסן שוין, אַז אַ שפּיץ פון אַ נאָדל קען צעטיילט ווערן אויף אַ מיליאָן חלקים, העמאָלט איז גאָרנישט אַזוי אויסטערליש רב הונאס זאָג אין תלמוד, אַז „הוא לא חזי מזלו חזי", אַז הייסט עס, אויב דער מענטש אַליין זעט נישט, אָבער זיין נשמה זעט יאָ — איז עס נישט אַזוי ווייט און פרעמד: וואונדער, וואונדער, קומען פאַר אַרום אונדז און נאָך מער אין אונדז אַליין.

אַלע טאָג גייט אַרויס דער בת־קול פון הר־סיני, נאָר מען דאַרף זוכה זיין צו קענען אים דערהערן.

אַ סך גרויסע זאַכן טוען זיך אָפּ אַרום אונדז, אָבער די פאַרשטעלעכ־צער לאָזן זיי אונדז נישט דערזען.

אהרן צייטלין מעדיטירט אַזוי שיין פּאָעטיש אַפילו וועגן דער שטול אויף וועלכער ער זיצט, וואָס האָט אַזאַ שייכות מיט אים.

אויף וויפל פאַרבן זיינען מיר בלינד? וויפל קלאַנגען דערהערן מיר נישט?

דעם דאָזיקן געדאַנק לאָזן מיר צו, אָבער מען קען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס עקסיסטירט אַ געהיימע וועלט מיט גרויסע שטאַרקע כוחות אין אונדז און אַרום אונדז, וועלכע קענען בשום אופן נישט געמאָסטן ווערן מיט „צוויי מאָל צוויי איז פיר".

און נאָך עפּעס, וואָס דאַרף דורכאויס אונטערגעשטראָכן ווערן: אהרן צייטלין אַליין איז אַ בקי בשבע חכמות און מיט זיין ווערק איז ער נישט אויסן צו לערנען דעם מענטשן, אַז אויב עס עקסיסטירן אַזעלכע געהיימע כוחות און מיר לעבן אין אַ מיסטעריעזער וועלט, דאַרף מען בכן נישט פאָרשן. יידן האָבן לויט זייער טראַדיציע געוואוסט פון אַ ידיעה און בחירה. עס איז פאַראַן זייער און זייער אַ טיפער געדאַנק אינעם „הכל צפוי מראש והרשות נתונה", מען דאַרף זיך לאַנג, לאַנג און כסדר פאַרטיפן אין אָט דעם זאָג צו פאַרשטיין, אַז צייטלין איז נישט קיין דעטערמיניסט. מען קען טאַקע העל קוקן אין דער צוקונפט און דער מענטש זאָל דערביי נאָך האָבן זיין ווילן.

און פּאָסט סקריפּטום: צייטלין, אויסער וואָס ער איז אַן אומפאַרגלייכ־לעכער קענער פון וועלטלעכער קולטור אויף אַלע געביטן, איז ער אויך אָנגעפילט מיט יידישן גייסט, און אַז אויב איינער וועט דערמאָנען דעם „לא

תנחשו ולא תעוננו" אָדער ווען „דרישה אל המתים", וועל איך אים ענט־פערן, אַז צייטלין איז נישט אויסן מיט זיין ווערק צו פּראַקטיצירן אָקולטיזם — ער אַנטדעקט נאָר פאַר אונדז די געוואַלדיקע געהיימע כוחות אין דער וועלט מיט אַ העכערן מיין און ציל: צו לערנען דיר, אַז דער מענטש איז אַ טייל פון דער גאָטהייט, און אויב ער איז אַזוי הויך, דאַרף ער שטרעבן מיט זיינע מעשים צו שטייגן אַלץ העכער און העכער.

עס איז אַ גרויס און וואונדערלעך בוך, וועלכן די וואָס קענען העברע־איש מוזן דאָס לייענען!

ביי דער גאַנצער רייכקייט און שיינקייט פון זיין עברית און חידושי לשון איז אָבער צייטלינס סטיל, ביי דער גאַנצער טיפקייט — זייער פּאָפּו־לער, פשוט אַ נחת צו לייענען.

צוויי בענד פּאָעזיע פון אהרן צייטלין

א.

„בין האש והישע"

עס איז אַ גרויס, טראַגיש, פּאָעטיש בוך פון אַ גרויסן פּאָעט און דענ־קער, וואָס אַנגערעגט איז עס פון אונדזער גרויסער טראַגעדיע, פון אונ־דזער גרויסן בראָך, אָבער עס גייט אַ סך ווייטער, עס בלעטערט איבער אַלע איינגעשטעלטע פונדאַמענטן פון מענטשלעכן געדאַנק. עס איז אַן „ענט־ווערטונג אַללער ווערטען." פּערזענלעכע טראַגעדיע ווערט אַלגעמיינער תשעה באב. עס איז אַ רייסן שטיקער פון זיך און פון דער מענטשהייט, אַ וואַרפן צום הימל אויסגעשרייען פון פּראָטעסט און גלייכצייטיק עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענער טיפער גלויבן, אַזוי ווי ביי איובן, וועלכער האָט נאָך אַלע זיינע תרעומותן קעגן גאָט, טיף געגלייבט אין גאָטס משפט.

עס איז אַ בוך וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגלייכן צו קיין מוסטער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור וואָס דו האָסט נאָר געלייענט.

און ווילן ווילט זיך, ווי דער שטייגער, פאַרגלייכן, פאַרגלייכן מיט דער שאַרפקייט פון סאַטירע און סאַרקאַזם צו אַ צווייט גרויס ווערק, וואָס איז דערשינען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט דער אויסטער־לישער דראַמע פון גאַנצע 700 זייטן: „די לעצטע טעג פון דער מענטש־הייט" פונעם גרויסן סאַטיריקער קאַרל קראַוס.

קאַרל קראַוס האָט געפּרואווט צוזויפברענגען אונטער איין דאַך אַלע פאַרשטייער פון פאָלק, פונעם צייטונגס־פאַרקויפער ביז די פירער פון דער

עפנטלעכער מיינונג, און אויפווייזן ווי די געוועזענע פּאַציפיסטן האָבן בשעת דער מלחמה געפֿריידיקט בלוט־פֿאַרגיסונג.

עס איז איינע פון די שטאַרקסטע סאַטירעס אין דער וועלט, אָבער אהרן צייטלינס בוך „בין האש והישע״ איז דאָך מער ווי בלויז סאַטירע, עס איז פאַר אַלעם אַ גרויס פּאָעטיש ווערק, פול מיט הויכע פּאָעטישע זעאונגען, מיט אויסטערלישע וויזיעס, וויזיעס פון חורבן און וויזיעס פון גאולה, פאַרטיפטע פערזענלעכע איבערלעבונגען, דערהויבן צו חזיונות פון אַ גאַנץ פאָלק.

דאָס זיינען אַקטיוו סימבאָלן: די משוגענע אויף די חורבות פון וואַרשע, וואָס זוכט אַרום איר פאַרלוירן עופהלע רייזעלע, שרייט אויס איר ווייטיק:

רייזלי שלי, בתי כלה!
אולי הנעל שמצאתי הוא נעלה.
ודאי ולא אולי. ודאי. ודאי.
רק הרגלים חסרות, אך די
לפי שעה בנעל. אין דבר.
הנעל בידי היא התחלה.
אלך אמצא השאר, אמצא השאר,
ואתפור החלקים ביחד,
ותהיה לי רייזלי כולה,
רייזלי שלי, בתי כלה.
המצא לי, אב שבשמים, מחט!

אין פרייער איבערזעצונג:

רייזעלע, מיין טעכטערל,
דאָס געפונען שיכל איז אפשר איר שיכל.
זיכער, זיכער, און נישט טאָמער, זיכער, זיכער.
נאָר די פיסלעך פעלן. אָבער גענוג דערווייל
דאָס שיכל. ס׳איז גאָרנישט.
איכל גיין זוכן דאָס איבעריקע, כ׳וועל געפינען
און צוזאַמענגייען די טיילן,
און כ׳וועל האָבן אַ גאַנץ רייזעלע.
רייזעלע, מיין טייערע רייזעלע.
גאָט אין הימל, געפין מיר אַ נאָדל!

און פון דער צווייטער זייט, דער פוילישער פויער זוכט אויף די חורבות גאָלד און געבליבענע חפצים פון יידן, און האָט מורא פאַר דער שטילקייט, „וואָס דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ שווייגנדיק היטל", און די דאָזיקע שטילקייט מאָנט ביי אים, כאָטש ער טרייסט זיך, אַז „נישטאָ שוין מער קיין סרולקעס און קיין שמולקעס"; און די מאַדאַם (הריבה), וואָס רייסט זיך טראָץ אַלעם צום לעבן, „אויב צו לעבן איז אַ פאַרברעך, וויל איך זיין דער פאַרברעכער". און מיסטער בלום פון אַמעריקע מיס לאַרעין, די מאָלערין, זיין טאָכטער, וואָס פריידיקט אַז דאָס יידנטום איז בלויז אַ קאָפּ־וויטיק:

בעצם לה הצדק,
היהדות — אַל נא תרגז — היא „הד־אק"
(„העד־עיק"; קאָפּ־וויטיק)
נצחי, צרה אין קץ. ולמה, למה
לא נלמד מן השואה האחרונה,
כי כל תקווה לנצח ספה־תמה
ואין אף טעם לקינה?
נטמע, דהאט׳ס אול. מתי נלמד
כי —

פריי איבערזעצט:

אין גרונט איז זי גערעכט,
דאָס יידנטום — זיי נישט בייז —
איז אַ „העדעיק",
אָן אייביקער, אַ צרה אָן אַ סוף, און צו וואָס, צו וואָס
זאָלן מיר ניט לערנען פון לעצטן בראָך,
אַז יעדע האָפענונג איז אויף אייביק פאַרענדיקט
און ס׳האָבן קיין זין נישט אַלע קינות,
לאָמיר פאַרשלונגען ווערן, דעט׳ס אָל!
ווען וועלן מיר לערנען, אַז —

אומפאַרגלייכלעך מיט איר פּאָעטישער קראַפט איז די אָפּטיילונג אין אַקט דער ריזיקער דראַמאַטישער פּאָעמע: „ליל שפוט השופטים", וואו דער מחבר, וועלכער איז וואַרשיינלעך פאַרקערפּערט אין דער פערזאָן פון שאַלתיאל, שטייט פאַרן בית־דין של מעלה און לייגט אַרויס זיינע טענות. אָבער דאָס איז נישט בלויז קיין אויסטענהן זיך, דאָס איז נאָר אַזאַ פאָרם אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דעם מחברס ביאָגראַפיע, זיין פאַרגאַנגענהייט,

זיין וועלט־באַנעמונג. ער חזקט אָפּ פון זיך אַליין און ער פּייניקט זיך אויף דעם, וואָס אים איז שווער נאָכן גרויסן אומגליק צו גלייבן אין השגחה פּרטית, הגם ער ווייסט אַז:

אמת היא זה? יש זכר לכל טיט,
יש השארות פרטית שבפרטית,
ובכן גם השגחה פרטית קימת,
השגחה על פגר של ירבוע,
השגחה על מגרפות־רעי,
השגחה על כל ענן קרוע,
השגחה על הפנים בראי,
ועל כל ישות שומה חותמת
גורלה שלה ודרכה היא —
ומדוע זה איפוא, מדוע
היה גורל־בער כולל־אחד
למלינות בני עמי? איכה אאמין
בהשגחה פרטית, בהשגחת

בורא יחיד — וכל אחד מהם גדוע
רק כחלק הנכלל במין,
מין־היהודים כולו? מדוע לא יחד
גורל אישי לכל אחד מהם. נכחד המין!
הגרמנים הכריתו מין, השמידו זרע...

נאָר דאַנטעס שילדערונגען פון גיהנום קענען זיך פאַרגלייכן מיט די שניידנדיקע דיאַלאָגן צווישן דעם באַנדיטישן היטלעריסטישן דאָקטאָר טאָד, וועלכער איז געווען דער סעלעקציאָנער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און איך וויל דאָ נישט צופיל ציטירן, ווייל אין דער פרייער איבערזעצונג פאַר־לירט זיך היפּש צוויי דריטל פון דער שאַרפקייט, שטאַרקייט און ווירטואָזע מייסטערשאַפט. מען דאַרף עס לייענען אין אָריגינאַל. אַן אַרטיקל וועט נישט און קען נישט אַרומנעמען די אַלע פּראָבלעמען, טאָלן און בערג, וועלכע צייטלין הייבט אַלץ אויף אין אַנבליק פון גרויסן גזר.

דער דריטער טייל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע האָט צו טאָן מיט דער בריחה.

עס הייבט זיך אָן מיט אַן עפּישן אַריינפיר. דאָ ברענגט ער אַראָפּ אַלע זיינע סימבאָלישע פּערסאָנאַזשן, וועלכע האָבן געווירקט אויף די חורבות

פון וואַרשע. דאָ אויף דער ערד פון ארץ ישראל, נעמען זיי זיך אָן מיט גלויבן. אָבער אויך דאָ איז פאַראַן דער „מלאך לאו", דער פאַרלייקענער, פונקט אַזוי ווי די „קליפּות לעג" (די קליפּות פון אָפּשפּעטן) ווירקן דאָ ווי די לצים אין שעקספּירס דראַמען און מעפיסטאָפעל אין געטהעס פאַוסט, וואָס פאַרט אַריין אין מיטן פאַוסטעס פילאָסאָפירן מיט אַזאַ מין זאָג:

ווי גליקלעך וואָלט זיך דער קאָטער געשעצט,
ער זאָל נאָר קענען שפּילן אויף דער לאָטערייע

אויך אויף דער נייער ערד קען זיך שאַלתּיאל נישט באַפרייען פון די גרויזאַמע בילדער פון עבר.

פאַר דער סאַברע („צבר") איז אַלץ קלאָר:

כן, ואולי נפגשנו במלכות אפרים:
אני שיכור־אפרים, ואתה נביא
כביכול, לביא
האלהים. שטויות נוקבות אזניים
צעיר אני בארץ מתחדשת.
חדש אני. אינני בא לרשת
את מי־שהוא. דורות שמתו — מתו.
אינם. נמחו. מה שהיה היה.

אָבער שאַלתּיאל האָט דעם גרויזאַמען עבר נישט פאַרגעסן, ער דריקט עס אויס אויף אַ וואונדערלעכן אופן ווי אין אַלע זיינע רעטשעטאַטיוון אין אָט דער אומפאַרגלייכלעכער דראַמאַטישער פּאָעמע:

שני שויתי אשר הם אחד:
שויתי מיידנק לנגדי תמיד —
שויתי משיח לנגדי תמיד.

ווען אהרן צייטלין זאָל אין זיין לעבן נישט געווען אָנשרייבן בלויז ווי אָט די מייסטערהאַפטע פּאָעמע, וואָלט ער אויך אַריין אין דער העברעאישער ליטעראַטור ווי איינער פון אירע גרעסטע מייסטערס. אויסער די קרעפטיקייט פון דער עקספּרעסיע, זיינען פאַראַן אָן אַ שיעור חידושי־לשון, חידושים טייל מאָל פּאַראַפראַזעס פון תנ"ך, פון תלמוד, פון מדרשים און פון מייסטערס פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אַזוי, למשל, אויף זייט 45 אין שאַלתּיאלס רייד:

אָרור היום יולד בו עברי,
והלילה אמר: הורה קרבן־קין.

— געדענקט איר איובס: „והלילה אמר הורה גבר" (איוב ג'). אויף זייט 45, אין די רייד פון ראש בית־דין „אתה נביא שלהות", געפינט איר אַ באַמערקונג „סופות, אחרוניות, הושאל מרמח"ל המשתמש במלה זו בהוראת עיפות". דאָס איז אויסגענוצט אַן אויסדרוק אויף מידקייט וועלכן דער פּאָעט האָט געפונען ביי רבי משה חיים לוצאטו. און אַן אַ שיעור אַנדערע שאַרפזיניקע איינפאַלן, וואָס נאָר אַזאַ געניאַלער זכרון, וואָס אהרן ציטלין באַזיצט, האָט זיי געקענט אויפהיטן אין זיך.

עס איז איינס פון די שטאַרקסטע ביכער נישט נאָר אין דער העבּ־רעאישער ליטעראַטור. עס איז אַ בוך אין וועלכע אַלע גרויסע טאַלאַנטן פון אָט דער גרויסער פּאָעטישער און דענקערישער פּערזענלעכקייט, אהרן צייטלין, קומען זיך צונויף! זיין פּאָעטישקייט, זיין שאַרפקייט פון סאַטירע, זיין מוח פון אַן אָריגינעלן דענקער און זיין אומפאַרגלייכלעך וויסן און קענען. עס איז איינער פון די הויפּט־רינגען אין דער גאָלדענער קייט פון אהרן צייטלינס פאַרצווייגט שאַפן, און צו זיין זיבעציק יעריקן יובילי — זאָל עס דאָ אָפּגעמערקט ווערן ווי אַ ווערק וואָס וועט זיכער פאַרבלייבן ווי איינער פון די פּערל צווישן די קניני האומה.

ב.

„לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן"

איך האָב וועגן אַהרן צייטלינס גרויס בוך געשריבן עטלעכע מאָל אָבער אַזאַ בוך לאָזט זיך נישט אויסשעפּן מיט קיין באַגרענעצטער רע־צענזיע. די מערקסט אָפּ עטלעכע אַספּעקטן, און עס בלייבט נאָך נישט ווי געהעריק אַנאַליזירט. דאָס איז שייך צו יעדן עכטן פּאָעט, בפרט אַזאַ פּאָעט און דענקער ווי אַהרן צייטלין.

איך האָב דער עיקר אָפּגעמערקט, אַז צייטלין, כאָטש ער געהערט אין גרונט צו די אינטעלעקטועלע פּאָעטן, עס הייסט, זיין פּאָעזיע האָט צו טאָן מער מיט דער וועלט פון מחשבה, די אידייען־וועלט, שטייט ער אָבער מיט ביידע פיס אויף דער ערד, און אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז אים ניט פרעמד. דער פּאָעט פון „מטטרון" איז גלייכצייטיק אַן אויסגעצייכנטער דיכטער פון ליבע, פון ליבע ערדישער, פון וועזנס נישט „בת השמים"־דיקע.

ביי ציטלינען געפינט איר ליבע־לידער וועלכע קענען זיין מוסטערן פון דעם מין אין דער וועלט־פּאָעזיע. דאָס זעען מיר באַשיימפּערלעך אין זיין נאָסטאַלגיע צו זיין געליבט וועזן וואָס איז אַזוי רוצחיש אומגעבראַכט געוואָרן.

ציטלין האָט דעם גרויסן טאַלאַנט אָנצוטאָן אידייען אין בלוט און פליש; זיי לעבן אויף פאַר אונדז. דעם גרויסן חורבן אונדזערן, דעם גרעסטן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, באַווייזט דער מקונן מיט לידער וואָס זיינען פון איין זייט מעדיטאַציעס, ווי למשל דאָס ליד „אָן גאָט און אָן ייד", וואָס ווייזט נישט בלויז חורבן פון ייד, נאָר אויך כביכול חורבן פון גאָט, חורבן פון גאַנצן קאָסמאָס, אָן דעם יידן וואָס דאַרף אַלץ געבן אַ תיקון, זיין דער מיטשאַפער פון דער יצירה:

דער פאַרטאָג האָט זיך צעפלאַקערט
איבער דעם קוואַדראַט פון אַ וואַרשעווער הויף.
אַ סטאַדע צעשראָקענע שאָטנס
האָט שטיל געטאָן אַ לויף
פון אַלטע ווענט אַראָפּ.
דער בוים, דער איינציקער בוים,
האָט רויט זיך צעלאַכט.
אַ ווינט האָט געבראַכט
ריחות פון גוישע מרחקים.

פאַר ר׳ בערישן, דעם אַלטן חסיד,
זיינען פויגל און זון און מרחקים
געווען זאַכן פון עכו״ם.
געוואוסט האָט דער אַלטער,
אַז פויגל און זון און די אַלע זאַכן,
וואָס שפּילן, לייכטן און לאַכן
ווי טויזנט גליקן,
וואַרטן מיט הכנעה אַז אַ ייד
זאָל גאָט זיי שענקען. זאָל זיי געבן תיקון.

איז ער געווען פון די ותיקון.
פלעגט ער זיך פעדערן
אַ הייליקן תיקון צו געבן יעדערן:
דעם איינציקן בוים אויפן הויף,

דעם ווינט, דעם פּאַרטאָגיקן וואַלקן, וואָס ברענט
איבער דעם מויערס אַלטע ווענט.
אין זיינע הענט,
די הענט פון אַ שוואַכן בן־אדם,
איז דער שליסל צום טויער געווען —
צום טויער פון חסדים.

וואו איז דיין תפילה? זיין תיקון וואו איז?
מאָרד, מאָרד, מאָרד.
זיין תפילה, זיין וואָרשע, דעם ייד אַליין —
אויסער וועלט, אויסער צייט, אויסער אָרט.
נישטאָ מער דער ייד.
מע הערט נישט זיין קול —
און נישטאָ ווער עס זאָל
געבן אַ זין דער זון,
שענקען אַ גאָט דעם טאָג.

(לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן, ז' 31).

כ'האָב ציטירט דאָס גאַנצע ליד, וואָס איז אין 36 שורות אַ גאַנצע קאָנ־צעפּציע, אַ וועלט־אַנשויאונג און גלייכצייטיק פול מיט עכטער פּאָעזיע און מיט מוזיק.

יאָ, מוזיק איינע פון די וויכטיקע אַטריבוטן, אפשר פון די וויכטיק־סטע, מיט וועלכן עס איז געבענטשט אהרן ציטלינס פּאָעזיע. עס גייט נישט בלויז אין דער ווייכער מוזיקאַלישקייט פון זיין ווירטואָזן פערז, פון דעם גראַם, וואָס איז זייער אָפט ניי און איז לייכט, נישט מיט דער ליכטיקייט כלאחר יד, פון נישט האָבן וואָס אָנצואווערן; פאַרקערט, נישטאָ ביי אים קיין ליד אין וועלכן עס זאָל נישט זיין באַהאַלטן עפּעס אַ גרויסער געדאַנק אָדער לאַנג דורכגעטראַגענער געפיל, אָבער עפּעס פילט איר, אַז עס זינגט כסדר אין אים, עפּעס אַ מיסטעריעזער ניגון. איר פילט דעם ניגון אפילו אין פערזן וועלכע זיינען נישט געגראַמט, בפרט אין זיין געגראַמט ליד. עס זינגט זיך אַליין, אַן צוגעפּאַסטער מו־זיק מיט צוגעלעגטע ווערטער, זינגט עס זיך, מיטן געדאַנק אין דער ווייט, אין דער ווייט פאַרטראַכט ווי דעם „רבס ניגון" (דער ניגון פון ר' שניאור זלמן פון ליאָדי):

אונדזער אָרעמע נעסט האָט אייביק געציטערט אין ווינט —
וואָס וועט זיין איצט ווען בלוטיק געוויטערט מיין קינד!
איצט ווען בלוטיק געוויטערט — — — ?

די לעצטע שורה איז דער ווידערקלאַנג פון ניגון, וואָס שטאַרבט אָפּ שטיל — שטיל אין דער ווייט.

טיילמאָל שאַפט צייטלין די טראַגיש־מוזיקאַלישע אַטמאָספערע פון בלויזע נעמען, נעמען פון יידישע קינדערלעך; 36 שורות פון אַ ליד אָנגעפילט מיט קינדערישע נעמען, איר הערט ווי מאַמעס רופן זיי:

נעמען פון יידישע קינדערלעך:
רחלעך, חנהלעך, נעכעלעך,
געצעלעך, וועלוועלעך, ווינדערלעך,
יאַקעלעך, יונהלעך, מעכעלעך.

נעמען, אָט דאָס איז געבליבן נאָר:
דבורהלע, דוואָשעלע, חיהלע,
שמערעלע, פערעלע, סערעלע,
שימעלע, שיעלע, שאַיעלע.

— — — וואו איז דיין פיסעלע, זיסעלע?
ציפּעלע, וואו איז דיין צעפּעלע?
רויך ביזטו, יענטעלעס הענטעלע!
אַש ביזטו, קאָפּעלעס קעפּעלע...

„לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן", הייסט דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע בוך נישט אָן אַ זין, ווייל צייטלין איז נאָך אַלע תרעומותן (פונקט ווי אין זיין בוך „בין האש והישע") געבליבן דער גרויסער גלויבער.

עס איז נאָר פאַרגעקומען אַ „ליקוי גאָט", פונקט אַזוי ווי מאַרטין בוּבערס בוך, וואָס איז דערשינען אַ סך שפּעטער ווי צייטלינס ליד איז דערשינען, רופט זיך „גאָטעס פינסטערניש", אַזוי ווי אַ ליקוי חמה, עס וועט אַריבער.

כ׳קען דעם גיהנום פון אַ פאָלק.
נאַכט פון ספירות, נאַכט טאַטאָלע.
כ׳קען אַ צייט פון ליקוי־גאָט,
ליקוי גאָט און וועלטן אַלע. (ז׳ 91)

ביי אים הערט קיין זאַך נישט אויף, ס׳איז אַ שטענדיק ווערן. דאָס איז זיין אייביקע טרייסט. איר געפינט דאָס אין דעם קורצן אָבער זייער געפּרעסטן ליד „די געזעגנונג":

„מע האָט דיך אין דיין בעטל אויפגעוועקט
זיך מיטן טאָטן צו געזעגענען.
האָסטו אויפן וועג מיר מיטגעגעבן
אַ בליק וואָס הערט נישט אויף אין מיר.

ציטשאַמט ניט יענער בליק פון דאָרטן,
וואו ס׳האָט קיינמאָל גאָרנישט אויפגעהערט?
ווי דו אַליין אנאויפגעהערטסט. (ז׳ 73)

דאָס זעלביקע אינעם ליד אויף זייט 71 „אַ תפילה קאָן איך", וואָס איז אָגעב דער בעסטער מוסטער, וויפל מוזיק עס קען זיין פאַרהוילן אין פערזן, וואָס זיינען נישט אויסן זיך צו גראַמען און אויב עס איז יאָ דאָ אַ גראַם, איז עס אַ צופעליקער. די מוזיק איז אָן אינערלעכע.

ס׳האָט נאָך דער גרויסער פּאָעט און קדוש, ישראל שטערן, הי״ד, באַ־מערקט ריכטיק אין זיינען אָן עסיי, אַז עכטע רעליגיעזיטעט איז אין תוך רעוואָלוציאָנער, זי איז נישט סטאַטיש. די דינאַמיק באַשטייט זייער אָפט אין זיין בונטאַריש קעגן סדר העולם און „רשע וטוב לו און צדיק ורע לו", אָבער דער לעצטער סך־הכל איז דאָס וואָס איר געפינט אין זיין ליד תטהרו (זייט 336):

...און מיר, אַ דור אַ לאָמער און אַ קרומער,
וואָס האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיין פאַרמעגן,
וואָס פרעגט און קען צו גאָרנישט זיך דערפרעגן
און ס׳לעשט זיך אים די זון אין מיטן זומער;
אַ דור וואָס שלאָגט זיין גאָט און ווערט געשלאָגן,
וואָס קען זיין אייגן פּנים נישט דערקענען —

מיר האָבן נישט קיין כהן וואָס זאָל קענען
מתפלל זײַן און ווי דו פאַר אונדז זאָגן,
וואָס ווי אַ דונער איז פאַרמאַכטע טירן,
זאָל אונדז זיין וואָרט אַ קלאַפּ טאָן אין געהירן:
ת ט ה ר ו !

איך האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אָפּגעמערקט דעם גרויסן כוח פון סאַטירע אין צייטלינס שאַפונג. עס איז איינע פון די הויפּט־עלעמענטן אין זיין פּאָעזיע. אָבער די סאַטירע לעשט נישט דעם לירישן אָטעם. איינס האָט נישט צום צווייטן, עס איז נאָר אַ קאָליר צווישן קאָלירן, וואָס באַווייזט די

טראַגישע גרויסע פּערזענלעכקייט ציטלין. ווען איך לייען אָט די לידער פון סאַטירישן עלעמענט, דערמאָנט זיך מיר נישט איין מאָל יוסף חיים ברענערס רייסן שטיקער פון זיך אַליין, נישט פון שנאה, נאָר פאַרקערט, פון אומגעהויערער ליבשאַפט צום יידישן פאָלק און צום מענטש בכלל. פאַראַן שותּפותדיקס אין די ביכער פון אהרן צייטלין. עס זיינען פאַרשיידענע וואַריאַציעס אין אַ סימפאָניע, אָבער נישט קיין איבערחזרונג, פונקט אַזוי ווי אַ גוט אויער ווערט אין די וואַריאַציעס פון באַך דערהערן אין יעדער וואַריאַציע גאָר עפּעס נייעס, אַנדערשס.

און די לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן באַשטעטיקן נאָך אַ מאָל די קאָלירפולקייט און גרויס פון אהרן צייטלינס מעכטיקן פּאָעטישן טאַלאַנט.

שלמה גילבערט

מזל־טוב — איז ביי פּוילישע יידן פון אַרום וואַרשע געווען די ראשי־תיבות פון די סטאַנציעס מאַלקין, זשעלעניץ, לאָכעווע, טלושטש, וואָלאָמין, וואַרשע.

קיין מאַלקין איז מען פון מיין שטעטל אָסטראָווע געפאָרן מיט אַ קאָטש מיט יאַנקל ניאַניאַק, דעם פורמאַן, און פון דאָרט איז די באַן שוין געפאָרן גלייך. אָפּשטעלנדיק זיך בלויז אויף די וויטערדיקע סטאַנציעס. פון דעם „מזל־טוב", האָט זיך נעבעך אויסגעלאָזן דער גרויסער חורבן און נעבן מאַלקין איז אין די היטלער־יאָרן אויסגעבויט געוואָרן די מעכטיקע טויט־פאַבריק טרעמבלינקע. אָבער נישט דאָס זיינען מיר ערשט אויסן. מיר דערציילן ערשט ווערן שטעטלע טלושטש פון פאַרן גרויס בראָך. אַ שטעטעלע — איין לענגלעך געסל מיט יידישע געוועלבער און מיט עטלעכע געסלעך אין די זייטן. אַ משולח פון אַ ישיבה פלעגט דאָס שטעטל דורכגיין פאַר אַ שעה־צוויי און שוין נישט אויסגעמיטן קיין איין יידישע שטוב.

דאָרט האָט געוואוינט מיין מאַמעס ברודער, פעטער אַרקע, וואָס איז געווען אַ בעקער און געהאַט אַ פאַבריקל צו מאַכן סאָדע־וואַסער און קוואַס און געהאַט אַ שפּייז־געוועלב, און פון אַלע אַרבעטן געלעבט אויף וועקסלען, געליען אין איין אָרט און געצאָלט אין אַ צווייטן, אָבער אין די אָוונטן געלערנט תורה און אין שבתים אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אָפּגעזאָגט תהילים, געלייענט די סדרה מיט די קינדער. דערנאָך, נאָך אַ בלאַט גמרא און געטרונקען טיי, וואָס איז געשטאַנען אין אויוון איינגעדעקט מיט וואַטענע טוך אַזוי ביזן דאַוונען. און דאָס גערער שטיבל (קלויז) איז געשטאַנען אויפן הויף, און אַן אַלט־אַלטער, הויך־הויכער בוים איז אויפן הויף געשטאַנען און אויסגעוויינט דעם גאַנצן עלנט פון שטעטעלע און פאַרטויבט די געשרייען

פונעם פוילישן שכנס שטוב, פון סוכאָדאָלסקין, דעם חזרניק, וואָס פלעגט שלאָגן מכת־רצח זיין ווייב, דער שיינהייט, ווי ער פלעגט קוילן זיינע חזרים. די רציחה איז געווען איבער אירע ליבקע ליבעס וואָס זי פלעגט פירן, אַז דאָס שטעטעלע איז געאַנגען אויף רעדלעך.

און אין טלושטש האָט געוואוינט שלמה גילבערטס פעטער קאָפּל, זיין מאַמעס ברודער, אַן אָרעמער מילך־ייד מיט איין קו און אַ טאָכטער, אַן אַלטע מויד, וואָס האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. קאָפּל האָט געהאַט אַ שיינע שטימע און פלעגט זינגען זמירות שבת פאַרנאַכט צו שלוש סעודות. און זיין שטימע איז געווען פון דעם טרויעריקן געראַוש פון דעם איינציקן בוים אויפן הויף פון פעטער אָרקעס הויז. איך פלעג אַרויספאָרן קיין טלושטש אויף די שבתים צום פעטער אָרקע, און שלמה גילבערט — צו זיין פעטער קאָפּל מיט די שווינדזיכטע לונגען.

זיין פעטער קאָפּל האָט זיך מיט אים געצאַצקעט; ער איז געווען ווי אַ צירונג אין זיין ווייס־געקאַלכט הויז. שלמה גילבערט איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט ווי אַ שרייבער; זיינע נאָוועלן זיינען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פאַראיין פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אויף טלאָמאַצקע. זיינע אַ פּיעסע איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַזאַ זאַמלונג ווי עס איז געווען די „התקופה", און דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט וועגן אים אַ סך גערעדט, סיי ווי אַן אָריגי־נעלן דערציילער, אַ תלמיד פון י. ל. פּרץ און סיי ווי וועגן זייער אַן אָרי־גינעלן מענטשן.

איך האָב דעמאָלט געהאַט נאָר אָפּגעדרוקט עטלעכע לידער אונטערן פּסעוודאָנים י. יאַנאָווער, אָבער עס האָט מיך געצויגן צו שלמה גילבערטן, וועמעס ראָמאַנטישע דערציילונגען איך האָב אַזוי ליב געהאַט, און גילבערטן דעם מענטשן, וואָס דאַוונט, לייגט תפילין, זעט כסדר יענע וועלט אויף טריט און שריט, און איז פול מיט סודות. ער איז געווען אַן אנהענגער פון ספּיריטואַליזם, בייגעווען אויף ספּיריטואַליסטישע סעאַנסן און געהאַלטן, אַז מען קען זען טויטע פון יענער וועלט.

איך פלעג מיט אים מאַכן לאַנגע שפּאַצירן, דערגאַנגען אַזש צום ווייטן דאָרף פּאָסטעליסק, פון וואַנען מען פלעגט נעמען ביים פעטער אָרקע קוואַס אויף זייערע חגאות. דאָרט איז געווען אַ געדיכטער טרוקענער וואַלד אויף אַ זאַמדיקער הויכעניש. אַז ס'איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג פלעג איך גילבערטן מיטנעמען זיין האַמאַק, דאָס וואַלד־בעטל, וואָס מען בינדט צו מיט שטריק צו ביימער. ער פלעגט זיך דערין לייגן; איך — נעבן אים אויף דער ערד, און מיר פלעגן שמועסן...

אין וואַלד איז קיינער נישט געווען. שטיל־שאַ, נאָר ווען אַמאָל פלעגט אַ פויגל ווי אויפוועקן זיך פון אַ לאַנגן דרימל און דורכשניידן די לופט מיט

אַ פּאַרצויגענעם טרעל. שלמה גילבערט פלעגט לייכט איינדרימלען, נאָר זיך פלוצעם אויפכאַפּן, זיך אומקוקן, ווי עמעצער וואָלט אים פאַרשוואונדן:

— דו זעסט גאָרנישט?

— איך זע בלויז אַ פייער מיט אַ פויערטע אויפן זאַמדיקן וועג.

— האָסט אַ בלאַם (בעלמע) אויף די אויגן; אַז מען האָט אַ גוטע ראיה זעט מען.

— ר׳ שלמה, אָבער איך זע דאָך פּאָרט נישט.

— דו זעסט אַ סך זאַכן נישט, מען דאַרף מאַכן גימנאַסטיק מיט די אויגן ווי אַ שילאַטש (אַ גיבור) מיט זיינע מוסקולן, און דאָס פידעלע, מיינסטו גיט זיך אַזוי שנעל אונטער? דער שפּילער מאַטערט זיך לאַנגע יאָרן ביז ער באַקומט פון דעם עפּעס אַרויס אַ ניגון. הייסט עס דאָך, אַז דער ניגון ליגט אין סמיטשיק און אין בויגן פאַרבאָרגן ווי אַ קינד אין דער מאַמעס בויך איידער עס ווערט געבוירן...

— און וואָס זעט איר, ר׳ שלמה? — קוק איך אויפן צעפּלאַמטן ביי־נערדיקן פּנים פון גילבערטן.

— איך זע אין יעדן גרעזל אַ נשמה... יעדער בוים איז דורכזיכטיק ווי גלאָז, און דעם שניט־קרעמערס טאָכטער דאָ, אין טלושטש (דאָס וואונ־דערלעך שיינע מיידל, וועגן וועלכער מיר פלעגן אָפט רעדן), מיינסטו דאָך, אַז דאָס שיינע פּנים איז אירס? ס׳איז אַ שפּיגל, נישט מער. די שיינקייט איז ערגעץ ווייט, ווייט...

***

אָבער שלמה גילבערט האָט זיך אויך אינטערעסירט מיטן רעאַלן. פליאַטקעס זיינען אַרומגעגאַנגען וועגן איינעם אַ חסידישן יונגנמאַן, אַ באַלע־באָס פון אַ געשעפט מיט סחורה, אין וועמען עס האָט זיך פאַרליבט אַ יונג, שיין מיידל, אַ לערערין פון וואַרשע, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף וואַקאַציע. דאָס עלטערע מיידל פון זיין פעטער קאָפּל האָט דאָס נישט געקענט אויס־האַלטן און אַלע טאָג דערציילט נייע פּרטים:

— מען האָט זיי געטראָפן אין וואַרשע אין אַ רעסטאָראַן!

— ער קויפט איר מתנות!

— וואָס זעט זי אין אים?

איך בין געווען אַ ישיבה־בחור, נאָר שוין אַזוי פיל געזען די וועלט! און אַזוי פיל שיינע פּנימער געווען פאַרליבט אין שעמעוודיקע בליקן גע־וואָרפן, און אַפילו אין זיך מחבר געווען אַזאַ שיינעם ניגון, אַ טראַגישן ניגון, עפּעס אַ מעדיטאַציע אויפן ניגון פון „כל נדרי״, אויפן שיינעם פּנים, וואָס

פלעגט זיך ווייזן אין אַ פענצטער אינעם וואַרשעווער הויף־קאַסטן קעגנאי־בער דער ישיבה אונדזערער.

דער יונגערמאַן האָט מיך געהאַט באַקענט מיטן מיידל. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב איר אַזוי געוואָלט געפעלן. איך האָב פאַר איר אויסגע־שאָטן מיין גאַנץ ביסל וויסן, מ׳שטיינס געזאָגט; פון די אַלע ביכער, וואָס איך האָב געלייענט ביי מיין פעטערס זון, וואו איך בין איינגעשטאַנען. מיין פעטערס זון האָט געהאַט סאַלאָמאָן מיימון אין פויליש און ביכער פון בודוען דע קורטענעי, דעם וואַרשעווער פראָפעסאָר (דער מאָדנער פראַנצויזישער קלאַנג פונעם נאָמען איז אויך עפּעס ווערט!) און ראַבינדראַנאַט טאַגאָר און טובים. דער יונגערמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס מיידל פרעגט זיך אָפּט אויף מיר. איך האָב דערציילט שלמה גילבערטן און ער איז צוגעשטאַנען, איך זאָל אים באַקענען מיט איר און מיטן יונגערמאַן.

שלמה גילבערט האָט אויף איר געווירקט מיטן נאָמען פון אַ שרייבער בלויז דאָס וואָרט שרייבער איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזוי אָפּגעריבן ווי היינט, און מיידלעך, אַפילו יונגע, זיינען משוגע געוואָרן פאַרן דאָזיקן טיטל. שלמה גילבערט, וואָס האָט מיט זיך שטענדיק געטראָגן געטהעס „פאַוסט״ אין דייטש, האָט שלעכט גערעדט פויליש, און צום אויסגעפּוצטן יונגערמאַן מיטן בערדל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין מאַכן קירצער, אויסציפּנדיק די האָר איז זי נעענטער געווען צו אים ווי צו שלמה גילבערטס אייגנאַרטיקער פילאָזאָפיע.

— ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט... הבל הבלים — האָט ער די דאָ־זיקע צעטרוימייטערטע ליבע אין שטעטל מבטל געווען. פלאָך פלאָך, אַ פויגעלע געפלויגן.

**
*

שלמה גילבערט האָט אַ סך גערעדט מיט מיר וועגן נגינה. דאָס איז ער געווען אונטערן איינפלוס פון בראַצלאַווערס ספרים. כאָטש ער האָט קיין קלאַסישע מוזיק נישט געקענט און מיט נגינה האָט ער געמיינט מאָדזשיצער נגינה, וואָס איז אין גרונט גראָד נישט אָריגינעל און פּרימיטיוו, כאָטש שיין און נאָגנדיק. ער פלעגט זייער אָפּט זינגען אַ טרויעריקן ניגון און געהאַלטן אַ וועלט פון אַלטן מאָדזשיצער ווען מען האָט אַראָפּגענומען אַ פּוס אין אַן אָפּעראַציע און דעמאָלט האָט ער באַשאַפן זיין באַרימטע קאָמפּאָזיציע „אזכרה״. ער האָט געקענט אַ סך מאַרשן און פלעגט ליב האָבן זיי אויסצו־שפּילן אויף אַ קעמל מיט ביבילע פּאַפּיר. איך פלעג אים זינגען מאָטיוון פון קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס, וואָס איך האָב געהערט פון מיין פעטערס זון, וואָס פלעגט באַזוכן די וואַרשעווער פילהאַרמאָניע.

פאַר די דאָזיקע מאָטיוון האָט ער מיך ליבט געהאַט אַ סך מער ווי פאַר

מייגע לידער, פון וועלכע ער האָט נאָך דעמאָלט נישט צופיל געהאַלטן — ס׳פיקט זיך עפּעס... מ׳עט זען... פליסט נאָך דערווייל ווי אַ האָן איבערן דאַך, נידעריק. מ׳דאַרף פליען הויך, אַ צענעם טאָן די פליגל...

דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער קענער אין קבלה און אין חסידות און נישט אויפגעהערט צו לויבן זיין גרויסן רבין יצחק לייבוש פּרץ, וואָס האָט אים געלערנט.

— אַ גרויסע נשמה!

שלמה גילבערט האָט מיר דערציילט, ווי י. ל. פּרץ איז אַמאָל אָפּגע־זעסן אַ גאַנצן אָוונט איבער זיינער אַ סקיצע, פון די ערשטע סקיצן, ביז ער האָט פון איר „געמאַכט אַ מענטש״.

***

קיין סך שרייבן האָט שלמה גילבערט נישט געשריבן. זיין געזונט איז כסדר אונטערגעבראָכן געוואָרן פון דער שווידערלעכער קראַנקייט. זיין ברודער פּנחס פון דעטראָיט האָט אים רעגולער געשטיצט. איך האָב אים זעלטענער געזען אין טלושטש. איך פלעג אים נאָך אַמאָל זען אין ליטעראַטן־פאַראיין. געוואוסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אידל, צאַרט וועזן, אויך לונגען־קראַנק, ווי ער.

דאַכט זיך, אַז זיין פעטער קאָפּל איז נאָך געשטאָרבן פאַר דער מלחמה. מיין פעטערס הויז איז צעשטערט געוואָרן באַלד אין די ערשטע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן זיינען שפּעטער פאַרברענט געוואָרן אין טרעבלינקע. שלמה גילבערט איז אומגעקומען אין 1942.

ישראל שטערן — אַ גרויסער פּאָעט

...און צו אַ טיר פון שווערן גאָלד וואָס האַלט פאַרמאַכט אַ קעניגרייך
פאַסט די זון פון בלוט אַ שליסל... אין זיך פאַרטראַכט און פרום
געבויגן
שטייען איצט די ציגל־הייזער, וואָס זיינען אַזוי שטאָלץ געווען
מיט איין שעה פריער ווי קלוגע וואָס האָבן אַ סך געזען
און סוף כל סוף נאָר איינס דערזען: אַז מען מוז גלויבן.

ישראל שטערן: „אפרים גאָלדבוך״.

איך וויל זיך אַליין קאָנטראָלירן: פונוואַנען נעמט זיך מיין גרויסע ליבשאַפט און פאַרערונג צו ישראל שטערן אַז כ׳לייען און לייען אים

און קום אַלץ צום זעלביקן אויספיר: גרויס, טיף און אַזוי פּשוט, שיין מיט אַ שיינקייט נישט פונדאַנען, קלוג און נישט אויסגעקלוגלט, און מיט אַ הייליקן פיין וואָס קלאָגט זיך נישט אויפן פּריוואַטן ביסל אָרעמקייט, קראַנ־קייטן און עלנט אָן אַ שיעור, נאָר איז כסדר סך־הכל פון טעג און נעכט, חדשים און יאָרן.

און רעדן רעדט זיך בלויז פון די צען לידער פון שפּיטאָל און די נישט־פאַרענדיקטע פּאָעמע: „אפרים גאָלדברוך", „פאַרמאַך די פענצטער", „אַ תפילה פון אַ מענטשן בייטאָג" און „ברענגט מיר די וועלט". שטערן האָט נאָך לידער, גוטע לידער, אָבער נישט צו רעכענען זיין פּרעכטיקע עסיי „קרוינען צום קאָפּ פון יידישער קריטיק", פון וועלכער מען קאָן אויסשניידן נאָך אַ 50 גרויסע לידער. זייער ווייניק פּאָעטן האָבן אַזוי ווייניק געשריבן ווי ישראל שטערן, נישט חלילה, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, נאָר ווייל אַ גאַנץ לעבן איז אַ מענטש אַרומגעגאַנגען און געזוכט צוצופּאַסן דעם שליסל צו די „טירן פון שווערן גאָלד, וואָס האַלטן אַ קעניגרייך פאַר־מאַכט".

און די דאָזיקע גאָלדענע טירן זיינען אומעטום פאַראַן, און די שליסלען צו די דאָזיקע טירן, הינטער וועלכע עס זיינען אַזויפיל שיינקייטן פאַרבאָרגן, מוז נישט דווקא „די זון צופּאַסן פון גאָלד אַ שליסל". דעם דאָזיקן שליסל, פּאַסט נישט איינמאָל צו אַ קליינע פּאַסירונג אין אונדזער לעבן; מיר האָבן די פּאַסירונג שוין לאַנג פאַרגעסן, מיר געדענקען נאָר עפּעס אַ סוף־זומער ווייט־ווייט אין דער וועלט, אויף וועלכן יאָרן זיינען שוין לאַנג אַריבער־געשוואומען און אַ בליק האָט זיך אַזוי טיף אין אונדז איינגעקריצט, אַ בליק, אונטער וועלכן אונדזער גאַנץ לעבן האָט גענומען גיין אַזוי זעלבסטפאַר־שטענדלעך ווי אַ ניגון פון אַ גרויסן מייסטער, נאָר אַזוי און נישט אַנדערש.

און אַמאָל איז דער שליסל אַ שיינער געדאַנק, וואָס מיר האָבן ערגעץ אַרויסגעלייענט פון אַן אַלטן ספר אַ לאַנג פאַרגעסענעם, אָדער פון אַ בוך, און אַמאָל איז עס גאָר די מינוט אין אונדזער לעבן ווען מיר בלייבן אַליין, אַזוי אַליין, ווי עס קען זיך נאָר פילן אַ קאָסמאָנאַט צווישן וועלטן.

... גייט אַרום אַ מענטש, דער אָרעמסטער אין דער וועלט און איז אַזוי רייך ווי זיין „אפרים גאָלדברוק", דער העלד פון זיין פּאָעמע, וואָס האָט זיך אַליין פאַרמשפּט „צו שלאָפן ערגעץ בעטלעריש און ליגן אַליין אַ „זאַק אויף אַ זאַק"" און זיין „אַרויסגעוואָרפן ווי אַ פליג פון אַ שיינער בלאַנקיגער גלאָז טיי". און זיין דער „גרויזאַמער בריוו אין צאַרטן קאָנווערט".

און ווער קען נאָך אַזוי צאַרט מאַכן דעם „קאָנווערט" ווי די וועלט אַרום, ווי ישראל שטערן? ער דערזעט דעם פונק פון גוטסקייט אינעם גרויזאַמ־קייט, אַזוי קען נאָר זען אַ מענטש וואָס איז געלייטערט געוואָרן אין יסורים און ווייסט, אַז דאָס „האָב און גוטס און גאָט אַליין געהערט צו אָרעמלייט"

און דעריבער פילט ער זיך ווי דער באַלעבאָס איבער די אוצרות שײַנקײט און זײַן אײנציקע תפילה איז אין זײַן „תפילה פון אַ מענטשן בײטאָג״.

ווײל איך אַז מײן תפילה זאָל זײן טיף און אָן אַ פעלער,
ווי דער געלעכטער פון די קינדער אויפן הויף,
ווײל איך, אַז מײן תפילה
זאָל זײן טרײסטנדיק און פרום,
ווי די לידער פון מײן שכן זיצנדיק אין וואַרשטאַט,
ווײל איך, אַז אין מײן תפילה זאָל זוון אַזויפיל הײליקײט און געוויינערײ,
ווי אין דעם שפּריזן פון אַ דיכטער דורכן צימער
נאָכן אויספירן דעם אמת אין אַ ווערק —

ער בעט, עס זאָלן קײן פאַרשטעלעכטסן נישט זײן און ער זאָל קענען צוקומען צום תוך פון זאַכן, אָדער ווי שטערן דריקט זיך אַלײן אויס אין זײן עסײ „קרױינען צום קאָפּ פון יידישער קריטיק״; „איר האָט אַמאָל געשניטן אַ שמײכל אויף צווײען און געזען ווי ער זעט אויס פון אינעווײניק״? און ווער עס פאַרטיפט זיך אַביסל מער אין שטערנס דיכטונג זעט וויפיל גוטס־קײט עס שטראָמט פון אים אַרויס. נישטאָ קײן פאַרביטערטקײט, נישטאָ קײן קלאָגן זיך אויפן גורל, נישט פאַראַן קײן צעלייגן אויף טעלערלעך די שווערע עפּיזאָדן פון טאָג:

אויפגעהויבן אין דער הויך
טראָגט אויף זײנע דינע הענט
דער פאַרנאַכט צו מיר אין האַרץ די וועלט.

דער געפײניקטער, דער פאַרלאָזענער איז שטענדיק אַ פאַרליבטער.

שטענדיק אַ פאַרליבטער,
קאָן ער אָפּשטײן גאַנצע שעהן
אינמיטן דער שלאָפּעדיקער שטאָט,
און ברענען און ברענען
צווישן זײ זונען.

און דער גרויסאַרטיקער מעטאַפאָר זײַנער איז נישט קײן אַרײנלײגן קײן פיגער אין מויל דעם לײענער אויף בעסער צו דערזען נאָר אַ שפּיגל פון זיך, פון זײנע שטימונגען און נישט ווי בײ טײל — אַן אויסערלעכע פאָרעם, אָדער גאָר אַ שײנע פאָרעם אונטער וועלכער עס איז קײן אינהאַלט

נישטאָ, פונקט ווי הינטער זייער אויגן־גלאָצעניש איז קיין גאָט נישט פאַראַן.
אָט זיינען עטלעכע פון שטערנס מעטאַפאָרן:

מישן זיך די וואָלקנס און בלעטערן זיך אָן קלאַנג,
שטיל און הייליק מאַכט זיך אויף דער טאָג,
ווי עס עפנט זיך זיס פּאָרכטיק אויף אָן אַלטער ספר,
די זון קומט אַרויס ווי אַ שיינער געדאַנק —
האָרכן די גאַסן און ווערן ריינער...

איך וועל קיין סך נישט ציטירן, ווייל דאָס וואָלט מיר צו ווייט פאַר־פירט. אָבער לייענט אַזעלכע צען שורות און איר וועט זיך איבערצייגן ווי דער מעטאַפאָר ביי שטערנען וואַקסט אַרויס אוממיטלבאַר פון זיינע געדאַנקען און געפילן:

...אין באַגינען...
ווי קינדער רייסן יאַגדעס שוואַרצע,
וועלן די שוואַכע פינגער פון פרימאָרגן
די נאַכט צעריסן, די נאַכט צעריסן.
שיין אין זיין וויטאָג וועט זיין דער באַגינען.
וואָס זי האָט געזוכט, וועט יענע נאַכט נישט געפינען.
זי וועט שטאַרבן אַנדערש ווי זי האָט געוואָלט:
וואָלקנס וועלן דרימלען אויף פּערלמוטערנע בעטן
און ווי אויף אָפּגעהאַקטע אָרעמס פינקלענדע בראַסלעטן,
גיסט זיך אין הימל גאָלד אויף בלוט, בלוט אויף גאָלד.

ער האָט איבערגעלעבט אַלץ וואָס אַ פּאָעט לעבט איבער און שטאַרקע ליבע איז אים אויך נישט געווען פרעמד, אָבער ער האָלט זיין ליד, ווי ער דריקט זיך אויס, „אויף שלעסער פאַרשלאָסן", ער פירט אַריין דעם לייענער דורך אַ „באַהאַלטענער טיר" צו זיין ליד „וואָס טויג אין מיין ליד דיינע אויגן?" רופט ער אויס: זיי זיינען יאָ דאָ אָט די אויגן אין זיין ליד, אָבער זיין ליד איז נישט קיין טאָג־בוך פון איבערלעבונגען, נאָר אַלגעמיינע סך־הכלען „ווי קען מען אַליין זיין"? — זינגט ער ערגעץ אין אַ ליד און דער אמת איז טאַקע, אַז דער שטענדיק אָפּגעזונדערטער אין לעבן, ישראל שטערן, איז מיטן האַרץ נאָענט געווען צו דער וועלט, ווי יעדער אמתער פּאָעט איז עס, און דעריבער קען זיך יעדער איינער אין זיין ליד אָפּגעפינען, כאָטש צו זיין ליד וועט ער נישט קענען גיין דורך אַ רשות הרבים, נאָר דורך אַ פאַרבאַהאַלטענער טיר.

וואונדערלעכע קאַנטאַטע אויפֿן חורבן

װעגן יעקב גלאַטשטיינס „כ׳טו דערמאָנען", אַרויסגעגעבן דורכן „יזכור פּרייז ביבליאָטעק". פֿאַרלאַג בערגען־בעלזען, 1967.

געשריבן לידער וועגן חורבן, וועגן דער גרעסטער קאַטאַס־טראָפע וואָס איז געשען אונדזער פֿאָלק — האָבן אַ סך פּאָעטן. אָבער נישט אַלע איז עס געלונגען. אַ גרויסן טייל פֿון זיי, האָט פֿאַרפֿעלט אָטעם; די פֿאַרנעמיקייט פֿון גרויל איז פֿאַר זייער אויג געווען צו־ברייט און צו־שאַרף, און צו הויך פֿאַר זייערע שטים־בענדער. זיינען זיי געוואָרן הייזעריק, האָבן זיי געמאָלן פֿ אַ ק ט ן פֿון דער שרעק אָנשטאָט אַרומצונעמען די פֿ אַ ק ט אָ ר ן (אַ פֿאַרפֿראַזע פֿון ש. ניגערס אַ זעלטענעם וואָרט־שפּיל אויף אַן אַנדער סיטואַציע אין דער ליטעראַטור). טייל ווידער זיינען געוואָרן הויך־ריידער פֿון פּשוטע ווערטער. ווערטער קענען אָבער נישט דעקן קיין פּאָעזיע. טייל זיינען געוואָרן צעטומלט און גענומען הענגען בילד אויף בילד — צען בילדער אויף איין טשוואַק. עס האָט געפֿעלט פּראָפּאָרץ און עס האָט דערי־בער פֿאַרפֿעלט צו מאַכן אַן איינדרוק. בלויז געציילטע האָבן זוכה־געווען צו געבן אויסדרוק דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, דעם גרויזאַמען אומקום פֿונעם אייראָפּעאישן אידנטום דורך די בלוטיקע רציחות פֿון די נאַציס ימ״ש. איינער, אַן אויסדערוויילטער, מיט אַלע געבענטשטע מיטלען דערצו, איז אונדזער מקונן יעקב גלאַטשטיין.

יעקב גלאַטשטיין, דער גרויסער מאָדערנער פּאָעט, האָט איינע פֿון די הויפּט־מעלות: אין זיין סאָציאַלן מאָטיוו ווערט ער נישט אָן זיין אינדיווי־דועלן טאָן, פּונקט אַזוי ווי זיין יחידיש ליד קוקט שטענדיק אַריבער די גרענעצן פֿון זיין „איך" און איז פֿאַרקוקט אויפֿן אַרום דערצו איז ער געבענטשט מיט דער גאָב צו קענען זען אין פֿאַקטן — פֿאַקטאָרן. דאָס אומגליק שאַפֿט ביי אים זיין פֿילאָזאָפֿיע.

שוין אינעם שטאַרקן אַריינפֿיר־ליד „אַ גוטע נאַכט וועלט" — וואָס איז אַזוי באַרימט געוואָרן אין אַלע עקן פֿון דער יידישער וועלט און ווערט אָפֿט רעציטירט ביי יזכור־אָוונטן — געזעגנט ער זיך מיט אַלע „באַפֿרייער". ער רופֿט אויס:

נעם צו די יעזוס־מאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט,
קראָפּיר איבער אַ טראָפּן פֿון אונדזער געטויפֿט בלוט
און איך האָב האָפֿן, אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־אויס טאָג־איין מיין וואַרטן.

ס׳איז אים בעסער און ליבער „אַ ניגון, אַ ברומען״ אידער וואַגנערס געץ־מוזיק. די פילאָסאָפיע פון „עלעקטריש־צעחוצפּהטער וועלט״ טוישט ער אויף „קעראָסין חלבנעם שאָטן״. ער גייט צוריק צו דער „סוואַרבע״ (סוואַרבע טאַקע, און מען דאַרף גאַרנישט „פאַרפינקטלעכן״ מיט עשרים וארבע). אָבער פאַרקלאַפּט די טיר פאַר דער וועלט און געבליבן מיט זיך אַליין, הויבט אָן צו ריידן די שטילע שטים פון גרויסן ליריקער, ווי שטילע געוויינען הויבן ערשט אָן נאָך די געשרייען, ווען דער מת ליגט נאָך אויפן דיל. און דאָ קומט דאָס געלייטערטע „אַזכרה״־געוויין:

ס׳ווערט אונדז אָרעמער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
געמינערט אונדזערע פריינד, צאַלפּאַך אונדזערע שונאים;
אומדערבאַרמיק איז די נאַכט צום חולה,
אונדז איז אויך בייטאָג די זון פאַרשטעלט.

ווי אַדעקוואַט ס׳איז דאָ יעדער בילד און ווי פשוט איז דער איינער שורה „אומדערבאַרעמיק איז די נאַכט צום חולה״, האָט איר פאַר זיך אַלע וואַכע נעכט, וואָס איר האָט אַמאָל איבערגעלעבט ביי שווער־קראַנקע מענטשן, קרובים, פריינד, אַלץ וואָס האָט אַזוי גערעדט צו אייך אין דער נאַכט־שטילקייט, אַלע קרעכצן פון קראַנקן וואָס האָט געזוכט אייער הילף און איר האָט זיך געצויגן מיט אַלע רמ״ח אברים צום טאָג; און ווי ביל־דעריש איז פאַר אייך גלייך נאָכדעם די שורה „אונדז איז אויך בייטאָג די זון פאַרשטעלט״, ווי שפּאַרעוודיק און אַלץ געזאָגט — און ווי אַלץ געזאָגט איז, אין אָט־דעם ליד, די אַביסל מיט סאַרקאַזם אָנגעפּולטע שורה:

„זע ווי אַ סך מיר זיינען, אונדזערע אָפּטריניקע זיינען מיט אונדז״.
אַ רמז, אַז היטלער האָט נישט אויסגעמיטן אַפילו משומדים.

וואונדערלעך קומט אַרויס ביי אונדזער דיכטער די פּאַראַפראַזע פון „שומר מה מליל״. עס איז שטיל, דאָס קול; אַ קול אָן ווערטער, וואָס איז נאָך שרעקלעכער פון וואָרט; „אַ גרויס פונעם קינדערישן שמייכל וואָס איז שוין אַזוי לאַנג פאַרגליווערט אין געוויין״; „די געפאָרטע שטיקער לעבן״ וואָס חלומען איצט באַזונדער, דאָס ביסל האָפענונג וואָס האָט געוואַרט אויף אַ נס. גלאַטשטיין דער פּאָעט פון „צו אַ יידיש יינגעלע״, וואָס זיין האַרץ בלוטיקט אַזוי באַזונדער אויף דעם פאַרשעמטן ביסל פרייד פון אַ יידיש קינד, דער פּאָעט אין וועמען עס שפּילן כסדר די וויינענדיקע דריי אינסטרומענטן פון פאַרשטערטע יידישע חתונות, ענדיקט אָט־דאָס אומגעוויינטלעכע אָריגינעלע ליד ליריש:

די נאַכט האָט אַלע פּראַכטן:
זילבער, וואונדער און בלוי,
אַלע טונקעלע גראָזן
ליכטיקן מיט טוי.
איבער אַלע פּייערן
לעשט זיך די ליבע נאַכט,
באַשיץ מיך נישט, מיין טייערע,
פון דער לעצטער שלאַכט.

קען אים דען טרייסטן דער „זילבער־וואונדער און בלוי" אַן און פּאַר זיך? דאָס ביסל שטילקייט, וואָס מאַכט פאַרגעסן אַ ווייל, טרייסט אים אינעם קומענדיקן נס פון דער לעצטער שלאַכט. מאָצאַרטישע ווייכקייט איז פאַראַן אינעם געטאָ־וויג־ליד און נאָכאַמאָל די וואַריאַציע פון דער ליבשאַפט צום יידישן קינד, אָבער אָן מאָצאַרטס שלווה. דער ווייטיק שטעכט מיט נאָדלען דורך די זינגעוודיקע ווערטער:

מיין געזאַנג אין דיינע ביינדעלעך
ווי יונגער שניי צעגייט,
אין דיינע שטענדיקע אויגן,
וואַכט אויף אַלטע פרייד.
לאַכעלע, מיין קינד,
זינגעניו, מיין טרויער,
ס׳גייען אויף זיבן זונען
אויף אַן אַלטן מויער.

אָבער גלאַטשטיין, דער פּאָעט פון אַזעלכע גרויסע לידער, ווי דאָס אַנטדעקערישע ליד „גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער", איז אַ נאַציאָנאַ־נאַלער פּאָעט. ס׳איז נישט קיין נייעס, אַז אין דער יידישער טראַדיציע, פון קדמונים אָן, ליגט מער די זאָרג פאַרן כלל ווי פאַרן יחיד; און גלאַטשטיין ווייס אַמבעסטן, אַז:

אומזיסטיק איז דער טויט פון יחיד און נאַריש
דער מאַרטירער־טויט פון מיליאָנען איז לעגענדאַריש.

נאָכאַמאָל אַ באַשטעטיקונג, אַז גלאַטשטיין שרייבט נישט סתם אַזוי; אַז הינטער יעדער שורה זיינער איז פאַראַן אַ וועלט־בליק — פּונקט אַזוי ווי זיין וואָרט־שפּיל איז נישט קיין „דזשאָוק", נאָר טראָגט מיט זיך דעם

יחוס־בריוו פון אַלטער יידישער חריפות. און אַזוי דערגאַנצט אין דעם דאַזיקן בוך איין ליד דאָס צווייטע, און עס באַקומט זיך עפּעס אַ וואונדער־לעכע קאָנטאַטע אויפן אומגליק. דאָ ווערט איר פּאַרכאַפּט פון אַזאַ שטאַרק און מאָנענדיק ליד, ווי „נישט די מתים לויבן גאָט״:

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט.

און נאָכאַמאָל די שטענדיקע ליבשאַפט צום יידישן ייִנגעלע, וואָס איז ביי אים דער סימבאָל פון דער אומשולדיקייט, גוטסקייט; שטילער, טרערנדי־קער שיינקייט און מעשהדיקייט פון אונדזער גורל:

דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוואונדערן
אין אַזאַ פּאָרכטיק מעשהלע.

ביז צו געבן אויסדרוק דעם גרויל אין בלויז אַכט שורות, אַ מין נייער „איבער אַללען גיפּפּעלן״, ווי דאָס ליד „קיינער״:

קיינער קומט שוין מער ניט מיט פריידיקע אויגן
טויטע מאַרגנס צו באַזונען,
האָט שוין ווער אויף די וועגן
דעם זינגענדיקן נע־ונד געפונען?
דעם בוים שטרעקט זיין האַרבסטיקן ציטער,
אַנטקעגן נעכט פון קאַלטן טרויער.
דרימל מיין לעבן, ס׳קומט בייז געוויטער,
דעכער ווערן דערשראָקענער און גרויער.

ביז דעם פינאַל־אַקאָרד פון דער דאָזיקער חורבן־קאָנטאַטע „כ׳טו דערמאָנען״, וואָס אויב עס וואָלט זיך געפונען דער גוטער, טאַקע גוטער, איבערזעצער אין ענגליש, וואָלט דאָס באַדאַרפט איבערגיין פון איין וועלט־אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע צו דער צווייטער. פאַרטיפט זיך בלויז אין עטלעכע ציטירטע שורות:

נאָך די זאַכן וועל איך דערמאָנען,
די באַזונדערע קלענערע חורבנות
וואָס זיינען צייטיק געוואָרן אין מיר;
די שטילע אומגליקן וואָס זיינען אין מיר אויפגעגאַנגען
ווי קליינע שרעקעוודיקע זונען,

אַרומגעוואָלקנט מיט אייגענע יאָרן.
נאָך די זאַכן טו איך דערמאָנען,
די באָרוועסע חלום־סטעזשקעס,
און ביסלעכווייז פאַרגאַנגען,
וואָס האָט ווי אַ פריידיקער שניט
פון מיין פאַרבענקטן שלאָף.
דורכגעבליצט דורך דער מאַפע.

דאָ זיינען נישטאָ קיין „הויכע" ווערטער, אָבער יעדעס וואָרט איז פול מיט מוזיק און מיט בילד. דעריבער ווירקט עס אַזוי לאַנג. עס האָט נישט בלויז קלאַנג, נאָר אויך ווידערקלאַנג; נישט בלויז בילד, נאָר אָפּבילד, עפּעס פון יענער אויסטערלישקייט פון זען דאָס אייגענע פּנים אין אַ טיפן ברונעם.

עס איז אַ גרויסער אויפטו און אַ פאַרדינסט פון דער יזכור־פּרייז־ביבליאָטעק דאָס אַרויסגעבן אין אַ בוך די באַזונדערע חורבן־לידער פון יעקב גלאַטשטיין, וואָס איז צוזאַמענגענומען מיט דער גרויסער קינסטלע־רישקייט פון אויסדרוק מיט אַלע גלאַטשטיינס גרויסע מעלות: פּאַרטיפּט־קייט, וואָרט־איינפאַלערישקייט, העכסטער מוזיקאַלישקייט און געדאַנק־פולקייט, ווירדיק פאַר אַ מצבה אויפן גרויסן חורבן.

דאָס נייע בוך פון אפרים אויערבאַך

די פאַרמולע, וואָס קעמיקער באַנוצן זיי ווי אַ שם המפורש צו זייערע טינקטורן, איז אָפּט אַ דערשיינונג אין דער קריטיק.

דער „רעצעפּט" פאַר אַזאַ פּאָעט ווי אפרים אויערבאַך, עס הייסט, די פּאָעטישע „פאָרמולע" זיינע, איז געוויינלעך: ער איז אַ בעסאַראַבער ייד; דאָס מיינט: ערדישקייט, עולם הזה, נאַטור, פעלדער פאַרזייטע און סטאַדעס מיט שעפּסן און רינדער און „די סאַכע, אין וועלכער עס ליגט די מזל־ברכה", ווי דער פּאָעטישער עלטער־זיידע אליקום צונזער האָט געגראַמט.

איז אָבער דווקא אפרים אויערבאַך איינער פון די קאָמפּליצירטסטע פּאָעטן ביי יידן.

אָפּגערעדט, אַז נישט שטענדיק איז אָנגעמאָסטן געטעס זאָג, אַז „אויב מען וויל דעם דיכטער פאַרשטיין מוז מען אין זיין לאַנד גיין". עס הייסט, אַז מען קאָן פאַרשטיין אַ פּאָעט ווען מ'דערוויסט זיך אַ ביסל זיין ביאָגראַפיע.

עס איז טאַקע אמת, אַז אין אַ סך לידער און פּאָעמעס ביים אפרים אויערבאַך פילט זיך געזונטקייט, ערדישע קרעפטיקייט, און אַפילו די פולע גלויביקייט פון די לידער אינעם ציקל „לויטער איז דער אַלטער קוואַל", וואָס הייבט זיך אָן מיט „מודה אַני", פאַרמאָגט אין זיך נישט דאָס וואָס ישראל שטערן באַצייכנט „און אויב ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן, וועט ער אפשר גאָט געפינען", נאָר די גלויביקייט פון אַ מענטש וואָס האָט גאָרנישט פאַרלוירן.

עס זיינען ביי אים געבליבן גאַנץ, דורך אַלע שטורמען, אַלע זיינע גיטער, וויל ער זיין אינגאַנצן גאַנץ, און גלויבן אויך, און די „מומען" (די פאַרקריפּלונגען), וועגן וועלכע אפרים אויערבאַך קלאָגט זיך, אַז „און איצט ברענג איך קריק דיר אַ לעבן מיט מומען" — איז אַ צייטווייליקע שטימונג, ווייל אין גרונט איז ער דער זעלביקער ווי ער איז אויף דער וועלט געקומען — „אויף דער וועלט בין איך אַזאַ גאַנצער געקומען" — פון די ערשטע לידער זיינע אינעם ציקל „קאַראַוואַנען", יוגנט-לידער (וואָס איך וויס אַליין נישט פאַרוואָס דער טאָן זייערער, די מוזיק און די פשטות דערמאָנען מיר אין לייוויקס ערשטע סיבירער לידער, כאָטש זיי זיינען גרינטלעך פאַרשיידענע טעמעס), ביז דעם ציקל „וואַך איז דער סטעפּ".

איז אין וואָס-זשע באַשטייט די קאָמפּליצירטקייט אויערבאַכס?

די קאָמפּליצירטקייט באַשטייט אין דעם, וואָס פּונקט אַזוי ווי מאָריס מעטערלינק איז געווען באַרימט אין לעבן פאַר איינעם פון די בעסטע ספּאָרטלער (אין רייטוועגעלע, באַיסיקל) און געווען פונדעסטוועגן פאַרהערט אין ווידערקלאַנגען מער ווי אין קלאַנגען און אין שאָטנס פון זאַכן מער ווי אין די זאַכן אַליין, — אַזוי איז אויך אויערבאַך, ביי זיין גאַנצער גופישקייט און ערדישקייט, געבענטשט מיט אַ זעקסטן חוש, וואָס איז אַ סך מער ווי די „ערדישקייט" פון גראַמען „זוהר" מיט „פויער" (ווייל ביי אים איז עס אַזוי נאַטירלעך, ווי קריטיקער ווילן עס האָבן). ער טאַפּט אָן (ווי אין זיין „דער בעל שם טוב אויפן ים התיכון") — „מיט די פינגער טאַפּסטו אָן געזאַנג, שיין, פאַרבן" — און דעריבער וואונדערט איר זיך נישט, ווען אויף זייט 291 ווערט איר פאַרבליפט פון אַזאַ וואונדערלעך שיין ליד, ווי „באַלד שיין דערזונגען", מיט אַזעלכע דינע שורות ווי:

די טריט, ווי אַ קינד, וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען
און טראָגט נאָך דעם סאַמעט פון שלאָף אינעם טופּ.

אָדער אַזאַ געדאַנק, פאָרמולירט אין געפּרעסטע שורות:

מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס ביסל טרויער,
וואָס אויסגעמאָסטן האָב איך אינעם ליד,
איין קוק אַ יידנס לענגער האָט געדויערט,
איין וואָרט צום טויט — אויף אייביק אויפגעהיט.

אָדער אַזאַ זאָג וועגן אַ בעל־חי, וועגן אַ מיד פערד מיט אַ צעאַקערטער פעל, מיט קנאָכן אָפּגעריבן, אַז:

געשטאַנען איז דאָס פערד ווי אַ געדאַנק
וואָס אויסגעטראַכט האָט אים די רייפע עלטער.

(אין ליד: „אַ פערד — אַ געדאַנק")

און

אויף האַרבסטיקע וועגן גייען חברים מיינע
און טרינקען טרויער פון שטילע ביימער.

און דאַרף מען דען זוכן בלויז שורות פון אַט דער „אַנדערער עקזיס־טענץ", וואָס באַגלייט כסדר דעם געזונטן דאָרפישן באַזינגער (און ווי קרעפטיק אָריגינעל און נישט ביכלדיק!) פון אַ שקאָפע, פון שעפסן, און „אַ קעלבל אויף די אַקסלען" און פון די קרובים, געזונטע, דאָרפישע יידן?

איר האָט גאַנצע לידער אַזעלכע, ווי „די אייביקע וויג", „דער קייסער פון שטומקייט" און באַזונדערס אינעם פּרעכטיקן סאָנעט „צוויי שטילקייטן", וואָס די לעצטע זעכס שורות לייענען זיך אַזוי:

די שטילקייט, די צווייי, איינע בלאָנד און איינע גרוי, —
צעקושן זיך מיט ליבשאַפט, ווי דאָס גראָז מיט מאָרגנטוי
און אויפן וואונדער פון צונויפטרעף קינדיש שטוינען.

אַזאַ צונויפטרעף — איין מאָל נאָר אין לעבן טרעפט,
אַז סוף מיט אָנהייב ווערן צערדיק צונויפגעהעפט,
און ביידע אין איין שטילקייט, נאָר איין רגע וואוינען.

וויל איך דאָ נישט זאָגן, אַז איך דינג אָפּ פון אפרים אויערבאַך דעם זעלטן אָריגינעלן באַזינגער פון דאָרף און דאָרפישקייט, אַן אָריגינעלקייט מיט וואָס אַ צווייטער בעסאַראַבער יידישער שרייבער, א. ראַבאַי, האָט זיך אויסגעצייכנט, למשל, ביים שילדערן פערד, וואָס אַזעלכע שילדערונגען זיי־נען גאַנץ זעלטן אַפילו אין דער וועלט־פּראָזע.

פון אויערבאַכס לידער גייט טאַקע אויף די פרישקייט פון אַן ערשט־אויפגעאַקערט פעלד, און זיינע ביימער זיינען נישט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר טאַקע ביימער ממש, וואָס רינען מיט זשיווצע, רינען איבער פון שפע זאַפט, און לייענענדיק זיי, אַט די לידער, ווערט מען אַליין ווי אָפּגעפרישט און געזינטער.

אָבער די „מיסטעריע פון בלוי" (דער נאָמען פון זיינס אַ ליד) גייט אים אויך נאָך. דערמיט איז די דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַזאַ פּאָעט ווי אפרים אויערבאַך אַנדערש ווי, למשל, ווען אין דער פּוילישער פּאָעזיע פון די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן האָט זיך באַוויזן אַזאַ פּאָעט־ספּאָרטלער ווי קאַזשימיעזש וויערזשינסקי, וואָס איז אַליין געווען געזונט, שיין און שטאַרק און באַזונגען ספּאָרט־אָלימפּיאַדעס און דעם גע־זונטן מענטשלעכן קערפּער.

אַ יידישער פּאָעט האָט אַ סך פון זיין אומה; די בני ישראל זיינען אויך געווען אַ פאָלק פון פּאַסטוכער און געהאַט צו טאָן מיט רינדער און שעפּסן און צו זיי איז געגעבן געוואָרן די תורה פון באַרג סיני, און זיי האָבן דער־לעבט דעם צייכן פון באַפרייאונג ביים שפּאַלטן פאַר זיי דעם ים, וואו די תלמוד־לעגענדע זאָגט, אַז אַפילו אַ שפחה האָט ביים ים געזעען מער ווי משה אויפן באַרג סיני...

דער ייד פון די „שאָפענע יידן" (דער נאָמען פון זיינס אַ גרעסער ליד, אויף זייט 223, איינס פון די שענסטע אינעם בוך „אַ לעבן צווישן טאָוולען") זעט טייל מאָל אַזעלכע וואונדערלעכע זעאונגען, — אַזאַ צאַרטע לירישקייט נעמט אַרום זיין פערד, אַזאַ איבערוועלטישקייט, אַזאַ דינע פאַרטראַכטקייט אַהין, אַהין, און אַזוי פיל מיסטעריעזע ווידערקלאַנגען ביי דעם יונג, „דעם הויכן מיט די פּויערישע פּלייצעס", שוין בלויז אין אַזעלכע פיר שורות פונעם ליד „אין דער קילקייט פון טאָג":

אין דער קילקייט פון טאָג ווערט וואַרעמער דער עלנט,
ווערן פּאַסיקלעך שיין אויף שטאָמען דינער דינער,
זעסט די ביימער אין אייגענעם אומעט פאַרגעלן,
הערסט דעם אָפּקלאַנג פון דער וועלט ווי אַ וואַסערל רינען.

(זייט 90)

ניין. איך נעם גאָרנישט אַראָפּ פון אויערבאַכס אָריגינעלקייט ביים באַ־זינגען אַ רעגן, מיט וועלכן ער שעמט זיך פאַר קאַלעגן:

ס׳איז מיר אַ חרפּה פאַר מיינע קאָלעגן,
היינטיקע צייט צו דערמאָנען דעם רעגן...

(„אַלט מאָדיש״, ז׳ 95)

איך גיב נאָר צו, אַז אויסער זיין ליד פון פרישער מאַמע־ערד און בעלי־חיים, וואָס ער האָט, ווי קיינער ביז אים אין דער יידישער פּאָעזיע אַזוי אויפריכטיק און שיין נישט באַזונגען, זיינען נישט ווייניקער אינטע־רעסאַנט די מאָטיוון פון „נישט היי״ — פון טיפן ליריזם, וואָס פלעכטן זיך דורך דורך זיין פּאָעזיע.

און צום סוף וועגן אפרים אויערבאַכס פאָרעם.

אויערבאַך באַהערשט אויסגעצייכנט די פאָרעם (פאַראַן ביי אים אַפילו מאָנעטן ציקלען). אָבער זיין שפּראַך איז אַזוי יאָדערדיק און פעט, אַז זי איז נישט צוגעפּאַסט צו עקוויליבריסטיק און פאָרעם־נייקייטן. זי איז געזונט און פאַרוואָרצלט אין דער ערד ווי ער אַליין.

פאַרן דיכטער פון „בייל און וואונדן״ איז נאָר אָנגעמאָסטן די קלאַסישע פאָרעם, אין וועלכער ער האָט געשמידט זיין ליד, אָן צו זוכן ווירטואָזע איבערגעשליפנקייט און וואָרט־איינפאַל.

„דעם ניגון באַפאַלט נישט קיין זשאַווער״

וועגן אַברהם סוצקעווערס ניי בוך
„פירקאָנטיקע אותיות און מופתים״.

דאָס קעפל פון אונדזער אַרטיקל איז גענומען פון סוצקעווערס ליד „קמיעות צום אָנטאָן ביים זונפאַרגאַנג״. אין אַ נאָמען פון אַ ליד ליגט טיילמאָל דער שליסל צום גאַנצן ליד, ווי דער נאָמען פון סוצקעווערס בוך „פירקאַנטיקע אותיות און מופתים״ איז נישט בלויז אַן איינפאַלערישע וואָרט־פּאַראַפראַזע פון „אותיות ומופתים״.

סוצקעווער איז אַ מאַגיקער פון וואָרט, אָבער זיין כישוף איז נישט בלויז קיין שפּראַך־מייסטערשאַפט פון אַ גרויסן ווירטואָז, וואָס קען אַרויס־באַקומען פון יידישן וואָרט דאָס וואָס אַ פידל־ווירטואָז באַקומט אַרויס פון זיין פידל. ביי סוצקעווערן געשען כסדר וואונדיירים. ביי ווענען פון אונדזע־

רע גרויסע פּאָעטן עס אַנטפּלעקט זיך פריער דער גרויסער געדאַנק, אָדער בילד, אָדער טיפער געפיל, צו וועלכע ער זוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט, און טיילמאָל איז דאָס פּאָעטישע התגלות אַזוי גרויס, אַז דו פילסט בחוש די ראַנגלעניש פאַר דער פאָרעם וואָס דערגרייכט נישט די גרויסע זעאונג. ביי סוצקעווערן געשעט דאָס פאַרקערטע: ביי אים ווערט געבוירן די גרויסע זעאונג טיילמאָל פון אַ שאַרפן וואָרט־שפּיל, פון אַן עפּיגראַמאַטישן איינפאַל, פון אַן אומגעוויינטלעכן מוזיקאַלישן קלאַנג פון זיין אייביק נישט־פאַרזשאַווערטן ניגון.

נעמט אַזאַ נאָמען „קמיעות צום אָנטאָן ביים זון־פאַרגאַנג״. קמיעות פלעגט מען אַמאָל אָנטאָן ביי יידן אַ געווינערין, ווען דער צער פון טראָגן איז געווען גרויס און סכנות האָבן געלויערט אויפן קינד, וואָס דאַרף ערשט געבן דעם ערשטן וויין אַרויס אין דער וועלט. אָבער ביי אונדזער פּאָעט איז דער זון־פאַרגאַנג, אַ וועלט־אונטערגאַנג (אויסער דעם סימבאָלישן מיין פון אַ דור וואָס ווערט אַלט). ווייל ווייסט איר דען וואָס אַ טאָג טוט עס אָפּ אין אַ טאָג? און אַז אָוונט קומט אָן איז דער טרויער אַזוי גרויס, און קוקט אַרויס פון יעדן שאָטן, פון פּריינט און פון זיך אַליין און פון אַלע קעגנשטאַנדן, אַז כאָטש ראַטעווע זיך מיט קמיעות...

זעט וואָס פאַר אַ פּאַרטיקער קאָסמיש־גרויסער און טיפער געדאַנק עס קומט ביי אים אַרויס פון אַזאַ וואָרט־פּאַראַפראַזע תיקון חצות — תיקון אות. ביי עמעצן וואָלט עס אפשר אַרויסגעקומען בלויז איינפאַלערישער וואָרטשפּיל, ביי אַזאַ פּאָעט ווי סוצקעווער אָבער איז עפּעס ווי ביי פאַרצייטישע מקובלים די צירופי־שמות, די הייליקע פאָרמולע, וואָס עפנט פאַר אים, ווי מיט אַ בליץ, דעם הימל. זעט וויפל מען דערזעט פאָרכטיקס, עפּעס ווי מען לייענט געטהעס קורץ און אַזויפיל זאָגנדיק ליד „איבער אַללען גיפּפעלן״:

ליד וועגן תיקון

איינציק, איינסיק, נישט דערקוילעט\
פונעם גלאָווּנעם באַלעבאָס —\
ביי אַ קאָפּטשענדיקן מולד\
שטיי איך אויף צו תיקון אות.

איינגעטוליעט אין מיין זיידנס\
אַלטן הימל ביזן ברעם.\
איז דער זעלבער ניגון ביידנס,\
טאָפּל זע איך און פאַרנעם.

שוואַרצע פינטעלעך ווי בליקן,
אָפּגעשפּרונגענע פון קלאַף,
מיניען ,מאַנען: גיב אונדז תּיקון,
זיי באַשאַפער, זיי באַשאַף.

מיר האָבן דערמיט אויך געמיינט צו זאָגן, אַז ביי סוצקעווערן איז נישט שייך מערער אָדער ווייניקער וויכטיקע טעמע. אַוודאי זייַנען פון אַ באַזונדער באַעגטקייט זיינע געטאָ־לידער אינעם בוך, וואו ער מאָלט דאָס אומגליק אויף אַ זעלטן אָריגינעלן אופן. געגוג בלויז ציטירן דאָס זעקס־שורהדיק ליד „פאַרמאַך דאָס פענצטער״:

חלילה דיר צו ענדיקן, ס'איז ניט קיין צייט פאַר שלמות.
אייביקער פון מירמל זייַנען שיימעס.
פאַרמאַך דאָס פענצטער, זאָלן שאָטנס אָנטאָן זיך און זען,
ווען שדים שפּילן קאָרמען, רעגאַלעטאָ
און לאָז איבער אַ ליידיקע שורה, אַ פלעק —
אַ זכר לגעטאָ.

אָבער ווי סוצקעווער וויל, געדענקנדיק דעם בראַך, אַרויסגיין פון זיך אַליין און נישט זיין שלמותדיק, עפּעס איבערלאָזן אַ „זכר לגעטאָ״, איז ער דאָך שלמותדיק און דאָס שלמותדיקייט זעט איר ביי אים אין דער קלענ־סטער טעמע וואָס איז אָבער ביי אים פאַרקוקט אויף דער אייביקייט. אַ מוסטער דערפון איז דאָס ליד „פלעדערמייז״. איר הויבט אָן צו זען אייביקס אין דער אין פלוג־שפּילעוודיקער טעמע.

פלעדערמייז

ווען גרילן שפּילן צירקמוזיק — אַ שיכורע קאַפּעליע,
און סטרונעס הענגען ביז דער ערד פון דימענטענער סטעליע —
דערלאַנגען זיך אויף זיי אַ לאָז אַרונטער אַקראָבאַטן
צו מיר, צו מיר. און ווידער. אַ גוט אויג זאָל זיי נישט שאַטן.

זיי ציען יענע־וועלטיקע צילינדערס: העלף אונדז, מייסטער,
און שענק אַ גראַשן אייביקייט... איך עפן זיי דעם טייסטער:
פאַזשאַלויסטאַ, און זאָל איך וואויל באַקומען, מיינע פּרינצן.
איך האָב נאָך איידעלן מעטאַל, אַ נייעם קלאַנג צו מינצן.

דאָס זעלבע קענט איר ביי אים אַנען ביים באַזינגען אַ מוראַשקע אינעם ליד „אַן עדות".

דער פּאָעט איז דער האַרכעווודיקער עדות צו אַלעם וואָס עס קומט פאַר אַרום אים. אַ מענטש מיט אָפענע אויגן קען זען אינעם מינדסטן ביסל לעבן דאָס אייביקע רעטעניש פון פּלאַנעטן־גאַנג.

און ס'איז ליב צו באַשטעטיקן אַז אויך אינעם איצטיקן בוך איז דער מייסטער אַזוי זעעוודיק און הערעוודיק ווי אין זיינע פריערדיקע ביכער, און זיין ניגון איז נישט פאַרזשאַווערט געוואָרן.

צמח אַטלאַס — אַ ראָמאַן וועגן אַ מוסרניק

איידער איך בין געגאַנגען לייענען דאָס בוך „צמח אַטלאַס", האָב איך געוואָלט אויפפרישן אין מיין זכרון דאָס ביסל וואָס איך האָב געוואוסט וועגן דער מוסר־באַוועגונג, באַזונדער וועגן די באַוואַרדאָקער ישיבות, וועמעס גייסטיקער פאָטער עס איז געווען ר' יוסף יוזיל הורוויץ. די דאָזיקע ישיבות, וועלכע זיינען אויפגעקומען נאָך פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע אין אוקראַינע און שפּעטער זיינען די דאָזיקע ישיבות מיט דער גרעסטער איינשטעלעניש און מסירת־נפש אַריבער קיין פּוילן דורך דער גרענעץ.

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ ישיבה זייערע, וואו איך פלעג אָפט אַריינקומען אין די בין־הזמנים, ווען איך פלעג קומען אַהיים פון אַנדערע ישיבות. איך בין אויך געווען אין אלול־חודש אין ביאַליסטאָק, דעם צענטער פון זייערע ישיבות.

איצט האָב איך איבערגעלייענט דאָס זייער אינטערעסאַנטע בוך פון הרב דב כץ „תנועת המוסר" (די מוסר־באַוועגונג), ספּעציעל וועגן דעם גרויסן בעל מוסר ר' יוסף יויזל הורוויץ ז"ל. אָבער שוין בלויז פון גראַדעס ערשטן באַנד „צמח אַטלאַס", ווערט איר אַ סך מער געוואויר וועגן דעם וועזן פון מוסר און בעלי מוסר ווי אין וויסנשאַפטלעכע ביכער.

צמח אַטלאַס איז אין גרונט אַן עקסטרעמיסט. זיינע שאַרפע „דער־הערן" (אַנאַליטישע איינפאַלן) זיינען כמעט ענלעך צום „קאָצקערס" גראָבן זיך אין דער מענטשלעכער נשמה. ער איז אַנטוישט אין זיינע חברים־מוסר־ניקעס —

„איר האָט מורא, טאָמער וועלן אייערע חברים אויפשטייגן און לערנען מער פון אייך און טאָן בעסערע שידוכים ווי איר. אויך אין לערנען קאָן מען זיין אַ זולל וסובא, אייבער וויל זיך אָנפרעסן און אָנזויפן מיט פלייש און וויין

און אַ צווייטער ווייל זיך אָנשטאָפּן מיט ש"ס און פּוסקים. אין גרונט גענומען איז עס די זעלביקע טבע פון זולל וסובאס".

אָבער ער האַלט, אַ מוסרניק איז אויך נישט בלויז רוחניות. אַ מוסרניק דאַרף אַ גאַנץ לעבן קעמפן קעגן זיינע תאוות און שלעכטע מידות און שוואַכע מינוטן שליידערן אים אַריין אין די הענט פון אַ סנאָבישער סוחרים־משפחה און אַ ווייבל, וואָס האָט שוין ביז אים טועם געווען דעם טעם פון זינד, און איז דער היפוך פון אַלץ וואָס ער האָט אַריינגעזויגן אין די מוסר־ישיבות. די תאוות וואָלטן אפשר פּאַמעלעך צעפּלאַטשיקט דעם דאָזיקן יונגנמאַן און ער וואָלט געוואָרן אַ באַלעבעסל ווי זיינע שוואָגערס, האָבן אים אָבער זיינע חברים פון דער ישיבה אָפּגעזוכט און געהאַלטן מיט אים אַ לאַנגן וויכוח.

דאַכט זיך, ער האָט זיי שאַרף געענטפערט, אַז די נאָוואַרדעקער זיינען אַוועק פון זייער רבינס וועג זייט זיי זיינען צוריקגעקומען פון רוסלאַנד און געוואָרן באַלעבעסלעך: האָבן קנאה ווען אַ צווייטער עפנט אַ גרעסערע ישיבה אין אַ צווייט שטעטל, אָבער די רייד זייערע האָבן שפּעטער אים קיין רו נישט געגעבן, ווייל אין גרונט איז צמח אַ מענטש מיט אַ גרויסן געפיל פאַר יושר און די טראַגעדיע פון סטאַסיען דאָס אָרעמע דאָרפס־מיידל, די דינסט ביי די סטופּעלס, וועמען לאַלאַ, אַן אויסגעלאַסן זינדל האָט אומגליקלעך געמאַכט, טרייבט אים אַרויס פון אָט דער סביבה דורך גיין צו זיך אַליין, צו זיין אויפגאַבע אין לעבן. און וואָס איז זיין אויפגאַבע אין לעבן? דאַרף מען טאַקע, לויט דער תורה, נישט זיין קיין מעורב בין הבריות? (אויסגעמישט מיט מענטשן), ס'איז דאָך אַ תורת חיים, דאָס יידנטום באַיאַ־עט דאָך דאָס לעבן.

אויף דעם באַקומען מיר אַ תשובה אין דעם שמועס פון צמחן מיט זיין פעטער זימל:

„ר' ישראל סאַלאַנטער האָט געזאָגט, אַז פּרושים זיינען מיר אויס בויט. לויט דער תורה דאַרף אַ ייד זיין אויסגעמישט מיט דער וועלט, נאָר אַזוי ווי אין דער וועלט געפינט מען זיך אין אַ שווערן נסיון מוזן תלמידי חכמים זיין פּרושים" (זייט 51).

און אָט די נסיונות, די שווערע פּרואוון, אין וועלכע צמח געפינט זיך, שילדערט חיים גראַדע מיט דער האַנט פון אַ גרויסן מייסטער. צענדליקער טיפּן ברענגט ער אַרויס און יעדער פון זיי שטייט פאַר אונדז לעבעדיק, שאַרף און בולט.

כדאַי נאָך מיט עטלעכע ביישפּילן אילוסטרירן זיין אויפן פון מאָלן.

„אויף אַ מינוט האָט זיך דער לאָמזשער געגעבן אַ גלייך אויס און זיין

שאַרפע נאָז האָט זיך פאַרשפּיצט ווי ביי אַ רויב־פויגל וואָס באַמערקט אויף אַ בערג אַ פאַרריסן הענדעלע״ (זייט 17).

און אָט ווי ער שילדערט צמחס ערשטן מחותן, פאַליק נאַמיאַט:

„אַ פאַרוואַקסענעם, נידעריקן שטערן, אַ לאַנגע צורה, אַ הויל־נאַקעטע גאָמבע, ווי אַ געלבלעכער זאַמד־שטיין און אַ שיטערע באָרד אָן אַ קאָליר, וואָס איז אים געוואַקסן אויפן האַלדז״ (ז׳ 91).

צמחס ערשטע כלה, דבורהלע נאַמיאַט:

„נאָר אַ שמייכל האָט זי געהאַט אַ קינדיש פאַרוואונדערטן, ווי זי וואָלט זיך געלייגט שלאָפן אַן עופהלע און זיך אויפגעכאַפּט אַ דערוואַקסענע״ (דאָרט).

ר׳ זימל אַטלאַס, אַ הויכער, שמאָלער ייד, איז תמיד אומגעגאַנגען אַ תפילהדיק פאַרדבקהטער, זיין ווייב, צערטעלע, אַ נידעריקע, ברייטע יידענע, האָט אין איינעם מיט אים אויסגעזען — אַ קורצער שאָטן, וואָס פאַלט אין אַ האַלב־טאָג פון אַ הויכן דינעם בוים״ (זייט 26).

די פּרעכטיקע סצענע מיט די זייגערס ביי וואָלאָדיען (צמחס שוואָגער) אַזאַ פּאָעטישער מעטאַפאָר, ווי „פון אירע אויגן לייכט די שטילקייט פון אַ וואַלד בעת די זון זעצט זיך איבער די ביימער״ (ז׳ 85).

אָט אַזעלכע שילדערונגען און פאַרגלייכונגען קאָנט איר געפינען אויף יעדער זייט פון בוך. פונקט אַזוי איז שווער זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע גע־שטאַלטן וואָס זיינען אַזוי לעבעדיק געוואָרן פאַר אונדז, יעדער מיט זיינע באַזונדערע אייגנשאַפטן.

די נאַמיאַטס, די משפחה סטופּעל און באַזונדער סלאַווע, סטאַסיע, חייקל, הערשקע גאָרדאָן, דער „מחזה אברהם״, ר׳ מרדכי אַהרן שפּיראָ און נאָך און נאָך — דאָס זיינען מעשהס בתוך מעשה, אָבער אַלץ גייט צו אַ ציל, דער שרייבער פאַרלירט זיך נישט, פונקט אַזוי ווי ער ווייסט ווען און וואו אַרויס־צובריינגען אַ ווערטל, אַ שאַרפן זאַג, וואָס זאָל בולט מאַכן די מוסר־שיטה און דאָס געשטאַלט פון זיין הויפּט־העלד צמח אַטלאַס, וואָס איז שאַרף אין זיין צעגלידערן יעדע מידה פון מענטשן:

„וואָס שייך געלט, געטרוי איך אייך, איך געטרוי אָבער נישט אייער גוטסקייט, על אלה אני בוכיה, אויף אַ בעל־רחמים, וואָס קוועלט אָן פון זיין רחמנות. ביי אַ בעל־תאווה איז אַפילו רחמנות — אַ תאווה, און איר שוויצט פון תענוג ביים באַווייגען די יתומים״ (זייט 71).

חיים גראַדע האָט מיט זיין „צמח אַטלאַס״ זיך פאַרמאָסטן צו שילדערן אַ ווינקל אין יידישן לעבן, וואָס איז אָדער איבערגעטריבן ראָמאַנטיזירט געוואָרן, אָדער געוואָרן אַראָפּגעריסן, און אַממייסטן האָט זיך עס געווּמען פון נישט אַריינדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מוסר־מענטשן, וועלכע זיינען בשר ודם, לעבעדיקע מענטשן, אַזוי ווי גראַדע שילדערט זיי מיט

גרויס מייסטערשאַפט. אָבער מענטשן, וועלכע פירן אַ כסדרדיקע מלחמה מיט זייערע גלוסטעניש און מידות און אַט דער דאָזיקער קאַמף איז אַזוי גערואָטן אַרויסגעקומען אינעם בוך „צמח אַטלאַס". ערשטער באַנד.

אין 16טן קאַפּיטל (פערטן באַנד) פון זיין גרויס ווערק „תנועת המוסר" (די מוסר־באַוועגונג), וואו עס רעדט זיך וועגן פּראָבלעם פון באַזיגן די מענטשלעכע שלעכטע געוואוינהייטן און אייגנשאַפטן (שבירת המידות), שרייבט הרב דב כץ:

„ר' יויזל האָט אַנטוויקלט אַ גאַנצע שיטה אין דער אַרבעט מיט די מענטשלעכע אייגנשאַפטן. ער איז אויך אין דעם געווען עקסטרעם. לויט זיין מיינונג, איז נישט גענוג בלויז דאָס צוימען די אייגנשאַפטן אָדער איבער־כיטרעווען זיי מיט פאַרשיידענער סטראַטעגיע, זיין שיטה איז: צעברעכן פולשטענדיק די דאָזיקע אייגנשאַפטן. מ'דאַרף די שלעכטע אייגנשאַפט אין גאַנצן אויסוואָרצלען פון גרונט, נישט איבערלאָזן פון זיי דעם מינדסטן שורש. כל זמן אין מענטשן זייגען געבליבן שלעכטע מידות, וועלן זיי אים שוין נישט צורו־לאָזן און אים מיט זייטיקע וועגעלעך אַרויספירן צוריק אויפן שלעכטן וועג".

דאָס גרויסע קינסטלערישע ווערק פון חיים גראַדען איז אַנגעוואוינקען צו אַט דער שיטה, וואָס אַז מען לערנט די מאָדערנסטע פּסיכאָלאָגן ווערט מען, אַז די גרויסע בעלי־מוסר האָבן די מענטשלעכע נשמה געקענט נישט ווייניקער פון זיי.

איציק מאַנגערס „שטערן און שטויב"

אַ דאַנק דער עקשנות פון אַ טייערן ייד אין לאָס אַנדזשעלעס, מיטן נאָמען ווילי שאָר, איז ערשט נישט לאַנג דערשינען אַ נייער באַנד לידער פונעם לירישסטן ליריקער (ווי ש. ניגער האָט אים באַצייכנט) איציק מאַנגער.

אין דעם באַנד גייען אַריין נאָך קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכטע לידער אין בוך־פאָרעם און לידער וואָס זיינען נישט אַריין אינעם בוך „ליד און באַלאַדע", דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1952.

איציק מאַנגערס ליד, וואָס איז אַזוי פיל מיט מוזיק, אַז טיילמאָל הערסטו בלויז ריטם און ניגון, דערמאָנט אין דער מוזיק פון וויוואַלדי, וועלכע איז פול מיט פאָלקס־מאָטיוון און דאָך אַזוי ראַפינירט, אַזוי אוניווערסאַל און דאָך אַזוי נאַציאָנאַל פאַרוואָרצלט מיט היימישן קאָליר און פאַרב, אַזוי פאַרגלויבט און אַזוי רעבעליש פאַרשייט, אַזוי דבקותדיק פאַרדאַווענט, און

אזוי פריי־טראַכטנדיק, אַזוי איינגעקלאַמערט אין שטייגער און אַזוי אַנשפּאַ־רנדיק אין הויכע וועלטן.

אין דעם זין איז זייער כאַראַקטעריסטיש מאַנגערס ליד „זינט נעכטן", וואָס איז אפשר נישט קיין פּינקטלעכע דאַטע, ווייל דאָס כאַראַקטעריזירט מאַנגערס לידער נישט בלויז פון נעכטן, נאָר פון אַלע צייטן:

זינט נעכטן וואוין איך אויף אַן אַנדער שטערן;
כ'האָב מיטגענומען נאָר מיין ליבשאַפט און מיין ליד.
נאָר מיין באַגערן האָב איך: הערן, הערן, הערן,
דעם ריטעם פון אַלץ וואָס אָטעמט, קרייזט און פליט.
איך בין אַ חסידל אַזאַ אויפן קאָסמישן יאַריד,
וואָס וואַרפט אַן אייגן ליכט מיט זיין מאַגישן לאַמטערן.

דאָס „חסידל אויפן קאָסמישן יאַריד" קייעט כלומרשט אַ שטרוי, אָבער עס איז איינגעהערט אינעם ריטעם פון אַלץ וואָס אָטעמט, קרייזט און פליט.

דעריבער איז נישט פאַראַן ביי מאַנגערן קיין מער־וויכטיקע און ווייניק־וויכטיקע טעמעס. אַלץ איז ביי אים וויכטיק, ווייל אַלץ טראָגט אין זיך דעם גרויסן פאַרבאָרגענעם סוד פון זיין; די שאָל איז אַזוי וויכטיק ווי די פרוכט, און די קאָמבינאַציע פון זון־פאַרגאַנג און דער בוים, און דער טרוים, און דער ווינט איז איינס, און איוב איז נישט בלויז דאָס אויסטראַכטעניש פון אַ פּאָעט אַ פילאָזאָף, וואָס מעדיטירט איבערן לעבן און טויט און וועגן „צדיק וואָס איז אים שלעכט און דעם רשע וואָס איז אים גוט".

איוב איז ביי אים אַ סוחרל, אַ תבואה־סוחר, וועמען מ'זאָגט כסדר אָן שלעכטע בשורות, אַז זיין ווייב האָט זיך געהאַנגען, אַז זיין איידעם איז אַוועק אין מיליטער, אַז זיין טאָכטער די עגונה איז אַראָפּ פון זינען, אַז אַ שריפה האָט זיינע שפּייכלערס פאַרברענט און איוב ענטפערט:

ביים וואַסער שטייט אַ ווערבע,
די ווערבע איז איינגעבויגן,
אויף דער ווערבע זיצט אַ סאָווע
מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן.

דאָס פאָלק האָט נישט ליב געהאַט קיין ווייטע פילאָזאָפישע איובס, און מער מיטגעפילט דעם היימישן איוב, — איוב נישט פון תנ"ך אַרויס:

און איוב דער תבואה־סוחר,
ניין, איוב דער אָרעמאַן,

דרייט זיך אום ווי אַ שאָטן
מיטן שטעקעלע ביי דער באַן.

דאָס פֿאָלקס־ליד פֿאַראײנפֿאַכט און דערנענטערט געשטאַלטן, עס לאָזט נישט דעם פֿילאָזאָף בלייבן אין זיינע הויכן. עס האָט פֿאַר אים רעספּעקט, האָט אים אַפילו ליב. אָבער וויל ער זאָל אַ ביסל אַראָפּגיין צום פֿאָלק, ווערן היימישער. דאָס פֿאָלק שאַרזשירט: „קום צו מיר, דו פֿילאָזאָף" און דערלויבט זיך אַפילו צוצוגעבן „מיט דיין קעציש מוחל". מאַנגער, דער ראָפּינירטער פֿאָלקס־זינגער, ברענגט אַריין אַ ביסל ווינט, אַ ביסל שויבערס, אַפילו אין געשטאַלטן וואָס זיינען דורך דער טראַדיציע פֿאַרהייליקט ביי יידן, און אַ טראַדיציאָנעלן ייד קאָן עס נישט איינמאָל שאָקירן, אָט, ווי, למשל, דאָס ליד וועגן רבינו תם, וואָס איז אויסער גאון געווען איינער פֿון די עטישסטע פּערזענלעכקייטן ביי יידן.

אָבער איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז אָט דער סאָרט לידער, וואָס האָבן דעם פּאָעט געמאַכט פֿאַרן פּאָפּולערסטן ביי יידן, צוליב זייער זינגעוודיקייט, שפּיל און גראָטעסקער שיינקייט, זיינען טאַקע זיינע בעסטע, אַ סך מער טראַגישע שיינקייט איז פֿאַראַן אינעם גראָטעסקן ליד וועגן אַלטן קראַנקן פֿאַרק, ווען מ׳דאַרף שיקן צום געלן דאָקטאָר מיט די ברילן, און די לידער וועגן חורבן, וועגן זיין ברודער נאָטע, און וועגן זיין אומגעקומענער שוועסטער שיינדעלע — עמערס מיט גאָלד קאָנט איר שעפּן פֿון אָט דעם ליד, עס איז איינס פֿון מאַנגערס טראַגיש־שענסטע לידער און איינס פֿון די בעסטע חורבן־לידער אין אונדזער ליטעראַטור.

לאָמיר דאָס דאָזיקע ליד ציטירן אינגאַנצן:

מיין שוועסטער שיינדעלע

אַז ס׳וואַקסט אַ שיינע שיינדעלע אין אַן אָרעמער שניידער־הייס
איז טאַקע אַלעמען ליכטיק, וואויל און גוט.
גינגאָלד ווערט דעם טאַטנס מעשענער פֿינגערהוט,
ס״בילד פֿון דער באָבע שיינדל שמייכלט אין ראָם.

די זומער־פֿייגל זינגען אויף אונדזער אָרעמען דאַך.
די מאַמע שפּאָרט אָפּ „אַלדאָס גוטס" פֿאַר איר,
די „גאָלדענע פֿאַווע" וואָרעמט זיך פֿאַר דער טיר
און פֿאַרליבטע מלאכים שטייען אויף דער וואַך.

איצט איז דער פרילינג הונגעריק, דער ווינט קאַלט,
און טרויעריק די מעשיות וועגן „ברוינעם וואַלד״,
וואו די שיינע שיינדעלע פאַלט פאַרמאַטערט פון די פיס.

זי רופט דער מאַמעס גאָט, זי באַשווערט אַ נס,
דער וואַלד איז אַרומגערינגלט פון עס־עס
און די פייגל אויף די בוימער זינגען פרעך און מיאוס.

דער דיכטער קלאָגט זיך אין זיין הקדמה, אַז „דער פעריאָד פון מיין זיין אין אַמעריקע איז געוואָרן דער סטערילער פעריאָד אין מיין לעבן״.

אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דאָס וואָס דער פּאָעט האָט געשריבן אין אַמע־ריקע איז אפשר גאַנץ ווייניק אין כמות, אָבער זייער פאַרטיפט, אפשר טייל־מאָל מער פאַרטיפט ווי די לידער, געשריבענע אין די פריערדיקע פעריאָדן פון זיין שאַפן.

דער פּאָעט האָט זיך גאַרנישט וואָס צו שעמען מיט אַזעלכע לידער ווי „שטילער גאָרטן״ (געווידמעט דעם אָנדענק פון מאַני לייב), „פּרעסקאַ״, „צפת״, „זיבט נעכטן״, „אינגל און ים״, וואו די מייסטערשאַפט פון פערז, מוזיקאַלישקייט און שיינקייט דערמאָנען אונדז אין דער פּאָעזיע פון די גרעסטע וועלט־פּאָעטן.

וועלט־אַנטאַלאָגיעס פון פּאָעזיע וואָלטן געמעגט אָפּגעבן ערשטע בלע־טער פאַר אַזאַ ליד, געשריבן אין סיגעיט 1959, „איך בין עס״, וואָס געפינט זיך אויף זייט 27 פון בוך און מיר רעקאָמענדירן טאַקע די לייענער זיך איינשאַפן דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע בוך און לייענען צווישן אַנדערן אויך אָט דאָס וואונדערלעכע ליד, פון וועלכן מיר ציטירן בלויז די ערשטע סטראָפע:

דו האָסט געזאָגט איך בין דער האַ ר ב ס ט, און זע, איך בין עס.
אַלט־גאָלד, קיל און טרויעריק זילבער, שאַרלאַך־רויט —
איך בין דער עפּל־בוים וואָס בויגט די שווערע צווייגן איבערן פּלויט.
איך בין אַ גאָלדן רענדל אין אַ סטויג מיט היי, געפין עס.

דער פּרינץ פון ליד, איציק מאַנגער, האָט אין זיין הקדמה פאַרגעפּילט, אַז „מיט דעם בוך איז מיין ליד פאַרענדיקט״. ער ליגט אַ צוגעשמידטער צום קראַנקן בעט און האָט אפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען די לעצטע קאָרעקטורן פון זיין בוך, און עס האָבן זיך טאַקע אַריינגעכאַפּט אַ צאָל דרוק־פעלערן, וואָס זיינען געווייבלעך אַ זעלטנהייט אין די אויסגאַבן געדרוקט ביי י. לאַנדאַן.

דאָס בוך איז אַלגעמיין איז שיין אַרויסגעגעבן, מיט אַ קינסטלערישן

שער־בלאַט פונעם באַוואוסטן קינסטלער בן ציון (פון אַמעריקע) און צייכע־נונגען פונעם ישראל־קינסטלער מ. בערנשטיין.

און ס׳איז אונדזער וואונטש צום קראַנקן פּאָעט, דאָס בוך זאָל נישט זיין דאָס לעצטע. באַשטייען דאָך די מערסטע פון זיינע לידער פון יענעם וואונדער, וואָס האָט עפּעס אין זיך פון נס, און — וואָס קאָן אַ נס נישט אויפטאָן?

אַלטער קאַציזנעס ליטעראַרישע ירושה

מיט אַ צייט צוריק איז דורך דער אָפּטיילונג פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין אַרגענטינע דערשינען אַ ווערק פון אַברהם רעכצמאַן „יידישע עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר פון אַ מיטבאַטייליקטן אין ש. אַנסקיס יידיש עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע", אַ בוך, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, נישט דערשאַצט געוואָרן.

אויסער דעם העכסט־אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פון עטנאָגראַפישן און פאָלקלאָריסטישן כאַראַקטער, וועלכער ווערט דאָרט געבראַכט, וועט איר זיך דערוויסן מיט וואָס פאַר אַ מסירת נפש די פּיאָנערן אויף דעם געביט האָבן גענומען זאַמלען די פאָלקס־מעשיות, אויסדרוקן און מנהגים, דעם אוצר פון גאַנצע דורות.

זייער אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט. ש. אַנסקי און זיין עקספּעדי־ציע, האָבן אָנגערעגט שפּעטער צענדליקער אַנדערע פאָרשער פון פאָלקלאָר נאָכצוטאָן זיין ביישפּיל און דער געזאַמלטער מאַטעריאַל איז אויסגענוצט געוואָרן פון אַ ריי טאַלאַנטפולסטע שרייבער און פּאָעטן אין זייערע ווערק.

איינער פון זיי, אַ שרייבער מיט אַ טיפן געפיל פאַר דער פאָלקס־לעגענדע פאַרן פאָלקס־שאַפן, איז געווען אַלטער קאַציזנע, וואָס איז אויף אַ שרעקלעכן אופן אומגעקומען אין לעמבערג פון די הענט פון היטלערס אוקראַינישע קאַלאַבאַראַטאָרן אין 1941.

אַלטער קאַציזנע האָט נאָך זוכה געווען צו זיין אַן אַריינגייער ביי פּרצן, און בלי ספק איז פּרצעס השפּעה געבליבן אויף אים דאָס גאַנצע לעבן. און די תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור פון די אָנהויב צוואַנציקער פון „שטורעם און דראַנג", מיט אַלע עקספּערימענטן פון דער טאַלאַנטפולער „כאַליאַסטרע", האָבן נישט געקענט אַפילו אויף אַ ווייל איינברעכן זיין ראָמאַנטיק און אויסערגעוויינלעכן חוש פאַרן פאָלקסטימלעכן.

ער האָט אַ סך, גאָר אַ סך עקספּערימענטירט און נישט שטענדיק איז אים געלונגען. ער האָט געשריבן דראַמעס, ראָמאַנען, לידער, עסייען. די

קריטיק איז שטענדיק געווען צעטיילט אין איר אָפּשאַצונג וועגן זיין פּראָזע, וועגן זיינע פּיעסן, אָבער וועגן די באַלאַדן — געבויט אויף פאָלקס־מעשיות, ווערטלעך, פונקען פונעם אַמאָליקן שטייגער — האָבן אַלע אין איין מיינונג הויך אָפּגעשאַצט קאַציזנעס אומגעווייּנלעכן חוש פאַר דער עכטקייט פון פאָלקס־נוסח, פאָלקס־מעשה.

און ערשט ליגט פאַר מיר דער ערשטער באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען אין מדינת ישראל אינעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, אַ באַנד פון איבער 300 זייטן, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון זיין טאָכטער שולמית, זיין בת־יחידה, אַ שיינהייט, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון די היטלעריסטישע הענקער, וואָס איז אַליין פאַר זיך אַ שטאָף פאַר אַ באַלאַדע. זיין טאָכטער, דאָס אויג פון קאָפּ, כאָטש לעבנדיק אין איטאַליע אין גאָר אַן אַנדער סביבה, האָט דאָך נישט פאַר־געסן אויפצושטעלן אַ מאָנומענט איר הויך־באַגאַבטן פאָטער ז״ל.

זיינען אינעם ערשטן באַנד אַריין די צוויי דראַמעס „דער דוכוס״ וועגן גר צדק אין ווילנע, און „דעם יידנס אָפּערע״, היסטאָרישע דראַמע פונעם לעבן פון די מאַראַנען אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע דראַמעס זיינען מיט אַ געננוגנדיקן דערפאָלג געשפּילט גע־וואָרן אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות. זיי זיינען נישט וויניקער שטאָף צום לייענען ווי צום שפּילן אויף היינט.

אָבער איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויפן דריטן טייל אין דעם שיין־אַרויסגעגעבענעם בוך, „די באַלאַדן און גראָטעסקען״, וועלכע זיינען עכט און פאָלקסטימלעך יידיש, און פול מיט יידישן חן און מיט דער אַטמאָספער און ניגון פון דער פאָלקס־מעשה, און ניי, גאָר ניי גלייכצייטיק אין דער פאָרעם.

די צייט האָט געטאָן אירס און דער מייסטער פון פּערז האָט זיינע באַלאַדן מערסטנס געשריבן אין אַסאָנאַנסן, וועלכע זיינען דעמאָלט אָנגענומען געווען, אָבער ווי פּרעכטיק קאַציזנע מייסטרעוועט דעם אַסאָנאַנס! (דעם האַלבן גראַם).

אַ באַלאַדע וועגן אַ „יידישער חתונה״ און אַ קינד איז ביי ר׳ דודן אָוועקגעפאַלן און מען זוכט די סיבה, און אַן אַלטע יידענע אַ זקנה דערציילט וועגן ר׳ מאַטיע אָפאַטאָווער, ווּעמען גויים האָבן דאָ אין אָט דעם הויז פאַרפייניקט און ער האָט פאַרשאָלטן דאָס הויז, אָבער די שמחה דאַרף ווייטער גיין.

אַלטער קאַציזנען גייט נישט אין דער מעשה אַליין, ווי אינעם אַרויס־ברענגען דאָס גאַנצע גאָלד פונעם שטייגער, אַ פאָלקסטימלעכער זאָג, אַ תנועה, אַ חנדעלע, אַ יידישער קנייטש און עס אַרט אים גאָרנישט וואָס ער דאַרף צוליב אים ווערן אַ „מאריך״ (אַביסל פאַרלענגערן). ער הויבט אָן:

נישט פון אַלטע גוטע צייטן, ניסים זעלטענע
נישט פון בלוטיקן געראַנגל מיטן אשמדאי; —
איך וועל זינגען, ווי אַ ייד איז פון דער וועלט אַוועק
מיט אַ קללה אויף די ליפּן אַ פאַרחתמעטע. — — —
— —
העט אין פעלד אַזש הערט מען די כלי זמרלעך,
יאָגן, טרייבן פערדלעך, שווערע נאַסינקעס,
פאָרן מחותנים רייכע, אָרעמע
צו רב סאַניע, אויף זיין טאָכטערס חתונה.

און אָט אַ שילדערונג פון אַ חתונה:

...און אין שטוב איז גילה־דיצה־דיצה־חדווהדיק
אויבן־אָן — דעם חתנס צד, גרויסשטעטיש וואַרשעדיק.
טעלער קלאַפּן, חברה כאַפּן, יידן לעבעדיק
איבער טישן מיט איין זאַק טאַנצט אום דער מאַרשעליק.

גילה, רינה, דיצה, חדווה זיינען אין העברעאיש נעמען פון פאַרשיידענע סאָרטן פרייד, יידיש האָט זיי אַלע פיר פאַראייניקט און אַדאַפּטירט כאָטש זי האָט נישט דעם העברעאישן „עלץ", „עלז", „צהל" און אַ גאַנצע ריי אַנדערע דעפיניציעס פאַר פרייד. אָבער וואָס פאַר אַ וואָרט דריקט נאָך מער אויס דעם באַגריף פון פרייד ווי „לוסטיק און לעבעדיק"? אין דער פּאָעזיע געדענק איך נישט, אַז עמעץ זאָל, ביז קאַציזנען, אין פּערזן, באַנוצן דעם דאָזיקן גאַנצן העברעאישן ווערטער־קוואַרטעט. אָבער קאַציזנע געפינט אַן אַסאָנאַנס צו חדווהדיק; דער גראַם איז אַ האַלבער, און האַלט זיך אויף איין טאַנצנדיקן פוס. „לעבעדיק" (מ'איז דאָך אויף אַ חתונה...).

און אָט האָט איר אַ באַלאַדע „דאָס ליד פון שבעלע הדסהס", וואו קאַזינע באַמיט זיך צו גראַמען מערסטנס פּינקטלעך און ווי טיף פּאָעטיש ער הויבט אָן:

דאָס לעבן שפּראַצט, דאָס לעבן בליט, פאַרבליט,
אַ וועלט פאַרגייט, אַ וועלט באַנייט די כחות,
און צאַנקט אַ מענטש, פאַרבלייבט נאָך אים זיין ליד,
אַ שפּליטער גאָלד אין שטויביקן פּרוכת.

קאַציזנע קען אַפילו פון אַ פאָלקסטימלעכן אַנעקדאָט אויסמייסטרעווען אַ פּרעכטיקע באַלאַדע, אַזאַ גראָטעסק איז „גאָלדענע שיך". אין פאָלק גייט דער דאָזיקער אַנעקדאָט אַרום וועגן ראָטשילדן:

— וואָס פאַר אַ שיך טראָגט ראָטשילד?
— גאָלדענע.
— ווערן זיי דאָך פאַרבלאָטיקט?
— טוט ער אָן קאַלאָשן.
— זעט מען דאָך נישט אַרויס דאָס גאָלד?
— מאַכט ער אַ לאָך אין די קאַלאָשן.
— גייט דאָך אַריין דער רעגן?
— פאַרשטאָפּט ער דעם לאָך מיט שטרוי.

דאָס איז אַ מוסטער פון דער פאָלקס־חכמה און זיין איראָניזירן איבער די רייכע.

ביי קאַציזנען איז עס כעלעמער מעשה, מיטן כעלעמער מלכס געבורטס־טאָג און דאָס פאָלק גיט אים צום געבורטס־טאָג אַ פּאָר גאָלדענע שיך.

די מעשה, וואָס איז געשריבן נוסח „ערל־קעניג" פון געהטען, איז די וועלבע טאָקע דער גראָטעסק נאָך גרעסער.

ביי געטהען:

וועד רייטעט זאָ שפּעט דורך נאַכט אונד ווינד?
דאָס איזט דער פאַטער מיט זיינעם קינד.

ביי קאַציזנען:

ווער שלעפּט זיך עס שטיל און געפּאַלן ביי זיך?
דאָס דריפּטשעט דער מלך אין גאָלדענע שיך.

און איז צוגעשריבן אַ מלך פון כעלם.

אַ נפקא מינא דען וואָסער מלך? עלעהיי משה נאַדירס מלך „טאַסטע־דיר דער גרויסער", אויף וועמען מען האָט אַרויפגעשאָסן די הויזן, ווייל ער איז אַליין געווען פויל זיי אָנצוטאָן, און ער פלעגט דאָן אַ זאָג טאָן:

— „ט'האָסטו דיר זונטיק!"

און די דאָזיקע פאָלקס־חכמה, חן, שטייגער, קלוגער זאָג, פאָלקס־נוסח און מייסטערהאַפטע פאַרעם זיינען אין אַלע באַלאַדן און גראָטעסקען.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַן הקדמה פון מלך ראַוויטש און אַ נאָכוואָרט פון נחמן מייזיל.

עס איז אַ ווירדיקע ירושה פון זייער אַ טאַלאַנטפולן שרייבער.

דאָס וואָרט איז גנאָדיק צו איר

וועגן רחל קאָרנס ניי־בוך לידער „די גנאָד פון וואָרט״
(פאַרלאַג המנורה, ישראל, 1968).

פון איר ערשטע בוך לידער, וואָס רחל קאָרן האָט אַרויסגעגעבן אין די צוואַנציקער יאָרן אין פּוילן, „דאָרף״, איז דאָס איצטיקע בוך דאָס צענטע, און דער חסד פון וואָרט האָט פון איר זיך נישט אָפּגעטאָן די גאַנצע צייט. פאַרקערט, דאָס וואָרט, דאָס פּאָעטישע, וואָס האָט ליב אָפּט אָפּצוטאָן שפּיצלעך אַ פּאָעט אין זיבעטן צענדליק יאָרן פון זיין לעבן, איז, אינעם איצטיקן בוך באַזונדערס גנאָדיק.

אַלץ וואָס האָט זיך אָנפאַרטרויט מיין וואָרט
איז דערוואַקסן צום טרויער
אין דער איינזאַמסטער שעה
ביים ברעג
פון פאַראָבלטע טעג.

רחל קאָרן, די גרויסע מאָלערין פון פרויען־פיגורן, פון דער אַקושערקע האַנקע און אירס גלייכן, די פּאָעטעסע פונעם שאַרפן בילד און זעלטן קלוגן שלאָגפערטיקן זאָג, ווערט אַלץ מער פאַרטיפט אין זיך, און איר וואָרט ווערט ווייכער, סאַמעטער, שטילער אין אָנבליק פון קאָנטעמפּלאַציע און דורכגעלעבטע יסורים.

רחל קאָרן איז מייסטערין פון געפיל אין דער ערשטער ריי. עס מיינט: איר ערשטע אַרבעט איז אויף אָפּוואַרפן שטימונגען און אויסזוכן די שטימונג, וואָס איז אַ סך הכל פון שטימונגען, אַ קאָנצענטראַציע פון איבער־לעבונגען טעג און נעכט. דאָס וואָרט איז גנאָדיק צו איר, אָבער זי איז אויך גנאָדיק צום וואָרט; זי מאַטערט נישט דאָס וואָרט צו פיל, זי שאַפט גלייך אַזוי פיל פּאָעטישע אַמאָספעריע אַרום איר ליד, אַז זי נייטיקט זיך גאָרנישט אינעם אָנגענומענעם ריטעם. עס באַקומט זיך אַן אייגענעם ריטעם, אַן אייגנאַרטיקע מוזיק. איר גאַנצע מורא איז פאַר דער „ערשטער שורה פון ליד״:

כ׳האָב מורא פאַר דער ערשטער שורה פון אַ ליד —
זי קאָן דאָך ווערן, ווי אַ שאַרפער שניט,

נעמען זיי די מאָס פונעם לעבן
און לערנען מיט אונדז די חכמה פון זיין,
דאָס גליק פון פאַרשטיין און פאַרגעבן.
וואָס קעפּט די טרוימען און צעטעפּנט אָדערן
ביז ס׳גיט אַ פּלייץ מיט פרישן הייסן בלוט.

אירע זיווגים זיינען נישט די אָנגענומענע געשליפנקייט פון גראַמען ביי פלאַכע פּאָעטן. ביי איר האָט „יעדע טרער איר זיווג פאַרגרייט״. אַזאַ פּאָעטעסע ווי קאָרן קען אויסגעצייכנט די קונסט פון פּינקטלעכן ריטעם און גראַם, אָבער ביי איר דאָס ליד נישט קיין קאַדריל. דאָ האָפּקעט מען נישט. דער אָקט פון פּאָעטישער באַגייסטערונג איז ביי איר אַן אָקט פון „מתן שירה״ (פּאַראַפראַזע פון „מתן תורה״), צו וועלכע זי גרייט זיך „אין פאַרכטיקייט און פּיין״.

עפּעס איז דאָ אין איר ליד די פאַרטיפטקייט פון עלזאַ לאַסקער שילער. אַט די דאָזיקע גרעסטע פּאָעטעסע אין דער וועלט, אַ דייטש־יידישע דיכטעריך, וועלכע האָט בשעתה אינגאַנצן געענדערט דאָס פּנים פון דער דייטשישער פּרויען־דיכטונג און געשטאָרבן אין ירושלים.

די נפקא מינה איז דאָ נישט אַזוי מעסטנדיק די גרויס, ווי אין דער טעמאַטיק.

ביי לאַסקער־שילערן זיינען די טעמעס על פּי רוב קאָסמישע, איבערוועלטישע; זי ווערט געטראָגן פון איר געניאַלער פאַנטאַזיע.

ביי רחל קאָרן האָט די טעמאַטיק אָפט צו טאָן מיט דער ווירקלעכקייט, וועלכע זי פאַראַלגעמיינערט און פאַרטיפט צום אייביקן.

פאַרקערט, זי בעט זיך ערגעץ אין אַ ליד:

גיב מיר צוריק, מיין האַר,
דעם עול פון קליינע, טאָג־טעגלעכע זאָרגן
אין זייער גאַנצער אָפּגעבוימלט וואָכעדיקער גראָקייט,
שטענדיק אויפן ראַנד פון געבן און פון באָרגן.

און זי איז זיך מודה, אַז זי האָט זיך אַמאָל אָפּגעזאָגט פון זיי, פון אָט די וואָכעדיקע זאַכן, אָבער איצט —

איצט ווייס איך —
ווען זיי שאַרן זיך שטיל און פאַרטראַכט ביי די ווענט

איך האָב ליב צו לייענען ביי אָט דער טיפער פּאָעטעסע אַפילו אירע לידער אויף אַקטועלע טעמעס.

עלזאַ לאַסקער־שילער האָט געהאַט צו טאָן מיט „בלאָע פרינצען" נישט פון הי; רחל קאָרן קאָן שרייבן וועגן קדוש אַרטור זיגעלבוים אָן געשריי, אָן צומיש פון פּובליציסטישע טענער. זי פאַרטיפט די טעמע, אַז עס באַקומט זיך עכטע דיכטונג —

וועז איז זי באַשטימט און באַזיגלט געוואָרן
דיין וואונדערלעך גרויסע, אומשטערבלעכע טאָט?
צי האָט זי דיין קינדהייט געהאַט אויסגעחלומט,
צי איז זי געקומען ווי אַ טונקעלע שליחה
אין דיין לאַנדאַנער נע־ונד?

און ס'מוזן נישט דווקא זיין די „בלאָע פיר פערד" פון מאַלער פראַנץ מאַרק, אויף צו אַנטפּלעקן איר בילדערישקייט.

יאָ, די ווערטער זיינען אויך איבעם איצטיקן בוך גנאָדיק צו רחל קאָרן, ווי זי איז גנאָדיק צו די ווערטער, וועלכע זי האָט אָפּגעקליבן.

אָבער נישט אַלע ווערטער זיינען איר נאָענט. זי האָט בטבע פיינט אויסגעשטראַלטע ווערטער, אויפגעבלאָזענע ביי געוויסע פּאָעטן:

פאַראַן ווערטער — אויפגעקומענע נגידים,
געפּאַקטע, קורצע, מיט צוויי גילדענע זייגערס
וויזן דער צייט, אַז זיז איז זייער אייגנס.

...בעת זיי נעמען זיך צונויף אין לאַנגע שורות
מאַרשירן ווי סאָלדאַטן מיט קנאַקעדיקן טראָט
אויף דער ברייטער בינע —
איז אַלץ וואָס איז געוועז קנאַספּענדיקע אָנונג
באַהאַלט זיך אויס אין שאָטן,
זוכט אַנטרינונג.
און ערגעץ אין אַווינקל
זיצט און וויינט די שכינה.

די „גנאָר פון וואָרט" פון רחל קאָרן איז אַ וויטערדיקער גאַנג אַרויף פון אָט דער אויסגעצייכנטער פּאָעטעסע.

ר׳ נחמן בראָצלאַווערס מעשיות
אין נייער אויסגאַבע

וויפיל מ׳האָט אַלץ נישט געשריבן וועגן דער גרויסער פּאָע־טישער פּערזענלעכקייט פון רבי נחמן בראָצלאַווער, איז נאָך אַליי ווייניק. די אַלע וואָס שרייבן, מערקן דאָס ערשטע אָפּ די באַרימטע „סיפּורי מע׳שיות״ זיינע, אָבער ווייניק האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין הויפּט ספר דעם „ליקוטי מוהר״ן״, אין וועלכן עס איז פאַראַן אָן אַ שיעור גאונישע איינפאַלן, בליצן פון פּסיכאָלאָגישער קענטעניש און פּאָעטישע וויזיעס וואָס עין לא ראתה ביז אים.

און די מעשיות אַליין, מיט זייער גאַנצער פּראַכט, זיינען דאָך אויך נאָר רמזים און ווי רמזים אויף אַ סך פאַרהוילנס וואָס איז „אויב נישט נאָך העכער״. זעען דאָס אַלע חסידים, נישט נאָר בראָצלאַווער, פּונקט אַזוי ווי יעדער פרומער ייד וועט בשום אופן נישט מסכים זיין אַז שיר השירים איז בלויז אַ ליבע־אידיליע און נישט קיין דיאַלאָג צווישן רבונו של עולם מיט דער כנסת ישראל און אויב ביי דעם אַלעם איז אַרויסגעקומען אַזעלכעס, וואָס אַפילו דער דורכאויס וועלטלעכער זשיטלאָווסקי האַלט, אַז „איך ווייס נישט אויב אין דער גאַנצער סימבאָלישער ליטעראַטור וועלן מיר געפינען (אפשר אייך מעטערלינק אָפּגערעכנט) אַ גלייכן צו איר צו דער חסידישער מעשה פון די זיבן בעטלער״, קען מען דאָך שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גאון עס איז געווען אַ ר׳ נחמן, וואָס האָט אַפילו קיין פען נישט באַנוצט און אַלץ דאָס גרויסע וואָס איז פון אים געבליבן איז דיקטירט געוואָרן צו זיין געניאַלן תלמיד ר׳ נתן, וואָס האָט אַזוי פאַרהייליקט יעדעס וואָרט פון זיין גרויסן רבין, אַז ער האָט געטאָן אַזעלכעס וואָס קיין שום תלמיד פון די גדולי החסידות האָט עס נישט געטאָן. דהיינו:

געמאַכט אויפן יסוד פונעם „ליקוטי מוהר״ן״, אַ ספר פון פיר בענדער, אויסטייטשנדיק דעם שולחן ערוך לויט די תורות פון ר׳ נחמן, אַ זאַך וואָס איז אויך געניאַל, כאָטש מיט בנינים געבויט אין דער לופטן, מיט פּשטלעך, וואָס זיינען ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס: „אַריינשטופּן אַ העלפאַנד אין אַ לעכל פון אַ נאָדל״.

אָבער די אַנדערע ספרים וואָס דער גרויסער תלמיד פונעם גרויסן רבין האָט געמאַכט אויפן גרונט פון ליקוטי מוהר״ן און פון אַנדערע שמועסן זיינען אַזעלכע אוצרות פון מענטשן־קענטעניש, אַנטאַלאָגיעס פון לירישע, עכטע פּאָעטישע אויסגיסעניש אין פאָרעם פון תפילות (דער „ליקוטי תפילות״) אַפילו פון פּאָעטיש־פילאָזאָפישן געדאַנק (כאָטש ר׳ נחמן אַליין איז געווען דער עקסטרעמסטער קעגנער פון חקירה). ליידער קען מען דעם „ליקוטי

מוהר״ן״ אַליין נישט איבערזעצן, ער איז אינגאַנצן געבויט אויף מאמרי חז״ל, אויף פּסוקים, אויפן זוהר. זיי זיינען געניאַלע אויסטייטשונגען, אָבער זיינע גרויסאַרטיקע זאָגענישן, דאָס אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט מענטשן, מיט זיינע זאָרגונגען, זיינע אייגנשאַפטן און תאוות האָבן אין אַ בוך וועגן ר׳ נחמנען געמעגט כּאָטש אין קורצן און שטרענג אָפּקלייבעריש געבראַכט ווערן.

אָבער אַפילו דאָס דערנענטערן בלויז די „סיפּורי מעשיות״ פון ר׳ נחמן צום הייַנטיקן לייענער און צו דער שולע דאַרף באַגריסט ווערן, ווייל גראָד קומט אונדז לעצטנס אויס צו לייענען אַרטיקלען וועגן אַ נייער רעוויזיע פון חסידיזם. מען ווענדעט זיך ווידער מיטן פּנים צו דער השכּלה און פונקט ווי מ׳האָט בשעתו איבערגעשאַצט דאָס חסידות און אינגאַנצן מבטל געווען די פּאָזיטיווע זייטן פון דער השכּלה ביי אירע אַלע ריזיקע פעלערן, אַזוי הערן זיך איצט שטימען פון אַ פולשטענדיקער רעוויזיע, מען נעמט ווידער זען אינעם חסידות בלויז פינצטערקייט און מען פאַרזעט נישט בלויז די עסטעטישע זייט פון חסידות, איר פּאָעטישקייט, נאָר אַפילו איר עטישע זייט ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג (ווער ווער, נאָר די בראַצלאַווער זיינען דאָך אַוודאי געווען פאָלקס־מענטשן און אָרעמעלייט).

ר׳ נחמן האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יידישער ליטעראַ־טור. גענוג צו דערמאָנען בלויז ר׳ הלל צייטלינס אויסגעצייכנט בוך וועגן ר׳ נחמן בראַצלאַווער און די לידער פון יעקב גלאַטשטיין. אַפילו אַ פּאָעט וואָס איז לויט זיין מהות ווייט פון חסידות ווי לייב פיינבערג האָט זיך באַ־גייסטערט מיט דער פאָלקישקייט פון ר׳ נחמן.

דער גרויסער און אָריגינעלער פּאָעט און קדוש ישראל שטערן איז גע־ווען אַזוי באַגייסטערט פון די בראַצלאַווער, אַז ער פלעגט גאַנצע אָוונטן פאַרברענגען ביי זיי אין חסידים־שטיבל אין וואַרשע. שוין אָפּגערעדט פון דעם, יבדל לחיים, דעם פּאָעט און קענער אהרן צייטלין, וואָס האָט אַ סך געשריבן וועגן בראַצלאַווער.

דאָס בוך וואָס ליגט פאַר אונדז איז דאָס 30סטע פונעם ציקל מוסטער־ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור אַרויסגעגעבן פונעם יוסף ליפשיץ־פאָנד פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוו״אָ אין אַרגענטינע, אונ־טער דער רעדאַקציע פונעם באַקאַנטן פּובליציסט שמואל ראָזשאַנסקי.

די דאָזיקע ביבליאָטעק האָט שוין אָפּגעפרישט די ווערק פון אַ סך גרויסע נעמען אין דער יידישער ליטעראַטור און זיי צוגענגלעך געמאַכט אין דער פאָרעם פון אַ ילקוט (אָן אָפּקלייב). געטריי צו דער טראַדיציע פון אָט דער ביבליאָטעק איז אויך דאָס איצטיקע בוך פאַרזען מיט אַ גאַנץ געלונגענער און פּאָפּולער־געשריבענער הקדמה פון שמואל ראָזשאַנסקי,

און באַזונדער קומען ביאָגראַפישע שטריכן, עס קומען אַריין די באַרימטע עלף מעשיות, ווי די מעשה מיט די 7 בעטלער, אַ מעשה מיט אַ חכם און אַ תם, אַ מעשה מיט אַ מלך וואָס האָט איינגענומען כמה מדינות, אַ מעשה מיט אַ פאַרלאָרענער בת מלך א. אַ.

אויף די אַלע מעשיות האָבן די תלמידים פון ר׳ נחמן מחבר געווען אַפילו ספרים אויסצוטייטשן זייער מיין, ווייל זיי האָבן אַריינגעלייגט אין זיי סודות. אָבער אינטערעסאַנט איז אין דעם פאַל ווי ר׳ נחמן זאָגט עס אַזוי שיין אין זיין „ליקוטי מוה״רן״, אַז צוויי מענטשן קענען זיצן זייט ביי זייט אין גן־עדן און איינער זאָל פילן די גרעסטע הנאה פון זיינע ש״י עולמות (די 310 וועלטן) און דער צווייטער זאָל עס גאָרנישט פילן. און אין אַ צווייטן אָרט רעדט ער אַזוי וועגן גאָט־באַגריף, אַז יעדער פילט גאָט אויף זיין אופן. אַפילו וועגן יסורים זאָגט ערגעץ ר׳ נחמן (זע זיין מאמר ק״ע אויפן פסוק „ה׳, מה רבו צרי״) אַז עס זיינען דאָ טייל מענטשן וואָס פילן די יסורים פון זייער שטוב בלויז, און טייל פון זייערע שכנים, טייל פון זייער שטאָט און טייל פון דער גאַנצער וועלט. אַזוי איז אויך דער כוח פון זיינע געניאַלע מעשיות.

נעלי זאַקס אין יידיש

נעלי זאַקס — „געקליבענע לידער״ אויף בילדער פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „עלי״ יידיש: מאיר שטיקער, ציקאָ פאַרלאַג, נ. י. 1967.

נאָך גרויסע אויפטרייסלונגען, דערשיטערונגען און חורבנות הויבן אָן צו שיינען נעמען, וואָס זיינען שוין אייגנטלעך פריער געווען באַרימט, נאָר מען האָט זיי נישט דערזען.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געוואָרן פּאָפּולער מער ווי אַ גרויסער פּאָעט און דענקער, נאָר עפּעס ווי אַ נייע רעליגיע, דער נאָמען פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, זיינע רעליגיעזע לידער „גיטאַנשעלי״ זיינען אי־בערגעזעצט געוואָרן אין דער מערהייט שפּראַכן פון דער וועלט. דער טיפער רעליגיעזער טאָן, האָט געלאָקט יונג און אַלט, האָט אַריינגעגעבן אַ פונק פון גלויבן אין די הערצער, צעבראָכן פון אַנטוישונגען.

אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, איז באַרימט געווען דער נאָמען פון עלזאַ לאַסקער שילער, די גרעסטע פרויען־פּאָעטעסע פון אַלע צייטן, אַ יידישע פרוי, וואָס איז מיטן אויפקום פון היטלער־רעזשים אַוועק קיין ארץ־ישראל און געשטאָרבן אין ירושלים.

נעלי זאַקס איז זיכער נישט אַזאַ געניאַלע פּאָעטעסע ווי עלזאַ לאַסקער־

שילער, מעגלעך, אַז ווען נישט דער גרויסער חורבן, וואָלט נעלי זאַקס געבליבן ביי אירע טאַלאַנטפולע עפּעס מער ווי מיטל־מעסיקע ראָמאַנטישע לידער. געבוירן און דערצויגן ביי אַ רייכער, עקסטרעם אַסימילאַטאָרישער פאַמיליע, וואָלט זי מעגלעך געפונען דעם וועג צום יידנטום און וואָלט געווען איינע פון אַ סך פּאָעטעסעס, וועלכע בלייבן רעגיסטרירט אין אַנטאָ־לאָגיעס.

דער גרויסער חורבן האָט אָבער איבערגעבוירן נעלי זאַקסן ווי אַ מענטש און ווי אַ פּאָעטעסע.

זי שטודירט אַ סך יידישקייט, אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט יידישער פילאָזאָפיע און קבלה מיט חסידות און אַנדערע אוצרות פון יידישן געדאַנק. איר ליד איז מייסטנס געווידמעט דעם גרויסן בראָך און אירע פּאָעטישע מיטלען זיינען גאָר נייע, בייע וויזיעס נייע מעטאַפאָרן. דאָס גרויסע אומגליק באַקומט אין איר ליד הויט און ביין; דער וויטיק און די טראַגעדיע פון אַ פאָלק רעדט פון זיי אַרויס.

אין דעם פּרט, איז זי אַוועק אַ סך ווייטער פון איר פאָרגייערין עלזא לאַסקער־שילער, וואָס איז אפילו גרעסער געווען פאַר איר ווי אַ פּאָעטעסע, אָבער נישט אַזוי שאַרף רעאַגירט אויף דער פאַרשעמונג פון איר פאָלק.

דאָס געבן נעלי זאַקסן די נאָבעל־פּרעמיע, האָט אַרויסגערופן געוויסע קאָמענטאַרן. פונקט אַזעלכע פּירושים און דיסקוסיעס האָט אַרויסגערופן דאָס געבן ש. י. עגנון. ס'זיינען שטענדיק דאָ ביי יעדן פאָלק וואָס איז זוכה, אַז אירס אַ שרייבער זאָל באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע, נאָך שרייבער, וועלכע האָבן דאָס נישט וויניקער פאַרדינט. איינעם געגעבענעם פאַל איז עס זיכער געווען אַ גרויסער כבוד פאַרן יידישן פאָלק אַלס אַזעלכעס, אַזוי איז עס אויך אויסגעטייטשט געוואָרן מצד דער אַקאַדעמיע וועלכע האָט צוגעמשפּט די פּרעמיעס.

מיטן געבן די פּרעמיע נעלי זאַקסן, איז די פּאָעטעסע שטאַרק באַרימט געוואָרן, אירע לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ גאַנצע ריי שפּראַכן.

איז אַוודאי אַ גרויסער פאַרדינסט פונעם באַקאַנטן גוטן ליריקער און איבערזעצער מאיר שטיקער, וואָס האָט אויך פאַרן יידישן לייענער צוגע־גרייט אַן אויסגעוויילטע קליינע זאַמלונג פון נעלי זאַקס לידער.

דאָס בוך איז שיין אַרויסגעגעבן מיט געלונגענע צייכענונגען פון חיים גראָס, און מיט אַ שער־בלאַט פון עקיבא מ. ווינער. אַ קורצע עסיי איבער נעלי זאַקס פון מאיר שטיקער איז צוגעגעבן צום סוף פון בוך וואָס האָט 80 זייטן.

נעלי זאַקסן איז זייער שווער איבערצוזעצן; זי באַנוצט זיך אָפט מיט

אַרכאיזמען, וואָס מען טרעפט נישט אין געוויינלעכן דייטש, און מאיר שטי־קער האָט געמוזט שווער אַרבעטן אויף צו קענען איבערגעבן אין אַ פּאָפּו־לערן יידיש דעם אַדעקוואַט פון איר ליד. הייגריך היינע האָט אַמאָל פאַרגליכן איבערזעצונגען צו פרויען: איז זי געטריי — איז זי נישט שיין, איז זי שיין — איז זי נישט געטריי, און ס'איז גוט באַקאַנט זיין קריטיק אויף דער באַרימטער איבערזעצונג אין דייטש פון שעקספּירס ווערק פון טיק און שלעגעל.

אויך אין שטיקערס איבערזעצונג זיינען פאַראַן געוויסע אומפּינקטלעכ־קייטן, וואָס וואָלטן געקענט אויסגעמיטן ווערן און עס וואָלט געקענט זיין אַזאַ זאַך ווי „אי געטריי, אי שיין"...

אין דעם ליד „כאָר פון שטיינער", ביי שטיקערן:

וועז עמעץ הויבט אונדז אויף
הויבט ער אויף אָדמען און חוהן.
אין דייטשן טעקסט:
העבט ער אַדאַמס אונד עוואס ערקענטניס עמפּאָר
פעלט דאָס וואָרט דערקענטניש.
דאָרטן:
...וואָרים מצבות זיינען מיר.
אין אָריגינאַל:
„דען געדענקסטיינע זינד וויר".
אַ מצבה אין דייטש איז „גראַבשטיין". „געדענקסטיין איז אַ מעטאפאָר וואָס סוגעסטירט לאַנגן זיכרון.
ביי שטיקערן:
הויבט ער אויף די פאַרהאַרטעוועטע באַגרעבער פון דער ערד.
אין אָריגינאַל:
„העבט ער דיע האַרטגעוואָרדענען גרעבער דער ערדע".
אַלזאָ קברים און נישט באַגרעבער
אין ליד „כאָר פון די שטערן", ביי שטיקערן:
אַן אויסגעשריי איז זי געוואָרן.
פעלט די שורה „צווישן די זיזנגענדיקע".
אינעם אָריגינאַל:
איין סערביי איזט זי געוואָרדען
אונטער דען זינגענדען —
„כאָר פון געראַטעוועטע".
ביי שטיקערן:

אויף וועמעס בענקשאַפט עס האָט דער טויט
זיין פידל־בויגן אָנגערירט.

אין אָריגינאַל:

אויף דערען זעהנען דער טאָד
שאָן זיינען באָגען שטריעך.

אַלזאָ, דאַרף זיין אין יידיש:

אויף זייערע אָדערן האָט דער טויט געצויגן
שוין זיין פידל־בויגן.

„כאָר פון די שאָטנס" ביי שטיקערן:

אָ, מיר הילפלאָזע טרויער־פאַלדן

דאַרף זיין: טרויער־שמעטערלינגען.

אין אָריגינאַל:

אָ, וויר הילפלאָזען טרויערפאַלטער.

דאָס ליד איז אין אַלגעמיין איבערזעצט אין קעגנוואַרט אין אָרי־גינאַל איז עס אין דער פאָרעם פון פאַרגאַנגענהייט.

פאַראַן אין נאָך לידער אַ גאַנצע ריי ערטער, וואָס האָבן ביי וויניקער איילעניש, געקענט בעסער איבערזעצט ווערן. אָט למשל אין באַמערקונג אויפן ליד „אַ טויט קינד", ביי שטיקערן:

זינט דעמאָלט האָט דאָס גזזעגנמעסער
צעשניטן דעם ביסן און מיין האַלדז אויף צוויי.

אין אָריגינאַל:

פאָן דאַ אַב שניטט מיר דאָס אַבשיעדס מעססער
דען ביססען אין דער קעהלע ענטצוויי.

„אָפשייד־מעסער" וואָלט באַדאַרפט איבערזעצט ווערן „דער מעסער פון טויט" וואָלט געווען מער פאַרשטענדלעך אין יידיש.

זיכער איז נעלי זאַקס נישט די ביבל, וואו יעדער וואָרט מוז זיין פּינקטלעך, און מאיר שטיקער אַליין איז ווייט נישט קיין שיפע זיבעלע אין דער דיכטונג און ער שאַפט טיילמאָל איבער ווי אַ פּאָעט, אָבער דאָך, ווען טייל זעצן אויס קעגן דער „אומפאַרשטענדלעכקייט אָדער אַבסטראַקטקייט" וואָלט מער פּינקטלעכלע איבערזעצונגען אפשר איר אויסגעהיט פון דער טענה.

אגב: אינעם ליד „זקנים" מוז דאָס וואָרט „מזל" זיין אַ טעות־הדפוס, עס דאַרף זיין מויל.

ביי שטיקערן:

אַ דאָרן האָט זייער מזל פאַרשלאָסן.

דייטשער טעקסט:

איהר מונד האָט איין דאָרן פערשלאָסען.

די דאָזיקע באַמערקונגען שוואַכן אָבער נישט אָפּ דעם פאַרדינסט פונעם אַרויסגעבן די זאַמלונג. עס איז זייער אַ וויכטיקער אויפטו!

און מאיר שטיקער פאַרדינט אַ דאַנק. עס וואָלט אפשר כדאי געווען אַביסל שפּעטער צו געבן אַ פולערע זאַמלונג פון אירע לידער. דער אָנהויב איז געמאַכט דורך שטיקערן און ער דאַרף עס פאַרזעצן.

ש. י. עגנון — דער גרויסער גלויבער

דער עכטער טאַלאַנט קאָן נישט לעבן אָן אַ גרונט אונטער די פיס. איר קאָנט שמייכלען איבער דער ראָמאַנטיק נאָכדעם ווי איר האָט זיך אָנגעלייענט מיט די ראָמאַנען פון דער פראַנצויזישער שול, אָדער מיט אַ דאָסטאָיעווסקין, טשעכאָוון, קאַמי, אָדער פראַנץ קאַפקאַ, פאַרגעסט אָבער נישט, אַז אַ דאַנק דער ראָמאַנטיק פילן מיר, אַז מיר שטאַמען פון אַ שטאַם, אַז מיר האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט.

ש. י. עגנון איז דער באַזינגער, דער פּאָעט פון דער אַלטער וועלט. ער איז דער שלום אַש אין דער העברעאישער פּראָזע, אָבער נישט דער שלום אַש פון „גאָט פון נקמה", „מאָטקע גנב" און די אַנדערע ראָמאַנען, נאָר פון אַ „שטעטל", „ר' שלמה נגיד", „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", „דער תהלים־ייד", „קידוש השם". ש. י. עגנון האָט נאָר אַנדערע מיטלען ווי אַש.

עגנונס פאַרחלומטער נוסח האָט עפּעס פון אַ פאָלקס־לעגענדע, אַפילו די וואָר האָט עפּעס פון אַ פאָלקס־מעשה. דערצו האָט עגנון אַן אייגנאַרטיקן העברעאיש, גענומען פון מדרשים, פון אגדות חז"ל, פון ספרים, וועלכע ער גיט אַריין אין די דיאַלאָגן פון זיינע העלדן.

ביי קיינעם פון די העברעאישע שרייבער ווערט נישט אַזוי פיל גענוצט דער דיאַלאָג, ווי ביי עגנונען.

דאָס איז דער אַלטער נוסח פון דער יידישער אגדה. עגנון בינדט אָן די פּאַסירונגען פון דער נייער צייט צום מדרש, צום ספר. סוף־כל־סוף האָבן דאָך עפּעס די פּאַסירונגען פון דער נייער צייט עפּעס פונעם אַמאָל, די פאָרעם זייערע האָט זיך בלויז געענדערט. עגנונען אינטערעסירט דאָס גורל־דיקע, ער שטרייכט אומעטום אונטער דעם מיטאָס פון געשעענישן.

אַז איר לייענט עגנונען ווערט איר נישט אויפגעטרייסלט ווי בשעת איר לייענט, למשל, י. ח. ברענערן. עגנון באַרואיקט אייך, ווי אַ גוטע מאַמע וואָס ווייסט צו דערציילן אַ ווייטע, ווייטע מעשה איר ווייגענדיק קינד.

ס'איז נישט קיין וואונדער, וואָס דער גרויסער פאַרנייגער פון אַלע ווערטן, די צעריסענע נשמה פון ברענערן, האָט אַזוי ליב געהאַט עגנונען

און דאָס ערשטע בוך עגנונס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט די לעצטע פּרוטות פון ברענערן. ברענער האָט געזוכט אין עגנונען אַן אָנהאַלט אין זיינע ספקות. ער האָט געזוכט צוריקצוגעפינען די שיינקייט, וואָס ער האָט פאַרלוירן.

ברענער, דער פאַרערער פון מענדעלען, האָט אויפגעדעקט דאָס אָרעמקייט און שפלות פון יידישן לעבן, איז גלייכצייטיק געווען אַ געוואַלדיקער חסיד פונעם פאַרזעצער פון מענדעלעס נוסח און העברעאיש ש. י. עגנון, אַ פאַרזעצער בלויז אין דער שפּראַך, אָבער נישט אינעם אינהאַלט.

ווער קאָן דערגרונטעווען די טיפקייט פון דער מענטשלעכער נשמה? ברענער, וואָס האָט נאָך געזען דאָס נעגאַטיווע, האָט זיך גלייכצייטיק באַגייסטערט מיט די ווערק פונעם גרעסטן פאָזיטיוויסט, דעם גרעסטן מאַמין — ש. י. עגנון.

***

אַז איר לייענט זיך גוט אַריין אין עגנונען, קאָנט איר זיך אויף אייביקע פון זיינע דערציילונגען קלאָגן, אַז עס פעלן זיינע העלדן דאָ און דאָרט אַ ביסל בלוט אין די אָדערן, איר זעט נישט קיין קאָנפליקטן, קיין קאָמפּליצירטע פּאַבולעס, אָבער ביי אים וואַקסט אויס אין אַ קאָנפליקט אַפילו אַזאַ פּאַסירונג, צי ער וועט יאָ זאָגן דעם „שלא אכשל" („איך זאָל נישט געשטרויכלט ווערן" — אַן אויסדרוק, וואָס יידן זאָגן ביים בענטשן „ברכת המזון"), ווייל סוף־כל־סוף שפּילט דאָך ביים מייסטער נישט קיין ראָלע דער „וואָס", נאָר דער „ווי אַזוי".

איך האָב אַמאָל געלייענט ביים פּאָעט פראַנץ ווערפעל, דעם מחבר פון „מוסאַ דאַג", אַ פּאָעמע וועגן אַ דינסטמיידל, וואָס טראָגט אַריין אין אַן עלעגאַנטן זאַל אַ טאַץ מיט עסן פאַר געהויבענע געסט, וועלכע זיינען געקומען אויף אַ באַל, און אַלץ קערט זיך איבער און פאַלט אויף דער ערד? איז וואָס איז דאָ די טראַגעדיע? אָבער דער גרויסער מייסטער מאַכט דערפון אַזאַ טראַגעדיע מיט זיין קונסט, אַז עס באַקומט זיך האַמלעטס „זיין אָדער נישט זיין".

ביי עגנונען איז די פאָלקס־מעשה, צי דאָס רעאַלע לעבן פונעם גלויביקן ייד, נישט בלויז קיין פראַגע פון סטיליזאַציע (כאָטש ער איז דער גרעסטער סטיליזאַטאָר וואָס מיר האָבן ווען עס איז פאַרמאָגט) — נאָר אַ גלויבן: אַזוי איז עס און אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין.

בובער איז צום חסידות צוגעקומען ווי צו אַ זאַך פון קינסטלערישער אינספּיראַציע (אגב, האָט עגנון צוזאַמען מיט בובערן צונויפגעשטעלט אַ גאַנץ בוך פון חסידישע מעשיות, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן אין אַ שריפה).

עגנון האָט געגלויבט מיט אַ טיפן אומדערשיטערלעכן גלויבן — גע־גלויבט אין דער שיינקייט פונעם שטאָף, פון וועלכן ער האָט אויסגעפורעמט זיינע קונסט־ווערק. און כאָטש ער איז געווען אַן ארץ ישראל־ייד, איז ער אָבער נישט געוואָרן קיין „שולל הגלות" (קיין בעגירער פון די יידן אין גלות).

דאָס לעבן פון די אַמאָליקע שטעטלעך אין פוילן לעבט אויף ביי אים מיט אַ ניי לעבן, אַלץ האָט עפּעס פון אַ מעשהלע און דאָס דאָזיקע מעשהלע האָט אין זיך אַ סך פּשטות און אויך אַ סך ראַפינירטקייט פון סטיל, פּונקט ווי איציק מאַנגערס אופן פון שרייבן אויף פאָלקס־מאָטיוון, מיט דעם חילוק, וואָס מאַנגער דערלויבט זיך אַ סך פרייקייט, מאַכט אָפט חוזק, אים אַרט נישט צו גראַמען מיט אַ נאָמען וואָס איז אַזוי פאַרהייליקט ביי יידן, ווי דער רבינו תם, בשעת עגנון איז אינגאַנצן צוגעבונדן צו דער טראַדיציע.

פאַרקערט, אָפּלעבנדיק דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין מדינת ישראל, האָט ער כמעט זיין גאַנץ שאַפן (מיט קליינע אויסנאַמען) געווידמעט דעם שטייגער לעבן אין זיין אַלטער היים. עס איז אַ מאָדנע דערשיינונג: טשאַטשקעס (דער אמתער נאָמען פון ש. י. עגנון, אַ פּסעוודאָנים, וועלכן ער האָט זיך געגעבן אויפן נאָמען פון זיינער אַ דערציילונג „עגונות") האָט אָנגעהויבן מיט יידיש, אָבער איבערגייענדיק צו העברעאיש האָט ער אין זיין עברית אַריינגעבראַכט אַ סך עלעמענטן פון יידיש לשון: דעם ניגון, דעם קרעכץ, דעם פאָלקלאָר, די ווייכקייט און בויגעוודיקייט, די גרויסע פּשטות, די דירעקטקייט פון ווענדונגען, דאָס אָפּוואַרפן באַפליגלטע מליצה.

עגנון גראַמט טיילמאָל אין דער פּראָזע זיינער (אין „חוטב עצים", דער האַלץ־העקער"), ווייל ביי יידן פלעגט מען גראַמען — גראַמען ברכות און גראַמען קללות, נישט נאָר בדחנים, נאָר דאָס פאָלק אַליין.

אָבער דער גרויסער מייסטער ווייסט מאָס. ער איז נישט סטאַנדאַרד אין זיין סטיל. די גוטע פּסוקים, די ווערטלעך פון הייליקע ספרים, גיט ער אַריין אין מויל פון זיינע העלדן נאָר ווען אָט די העלדן פּאַסן זיך צו אָט די רייד.

אין זיין בעסטן ראָמאַן, „אורח נוטה ללון" (דער נאָמען איז געבויט אויף אַ פּסוק אין ירמיהו), אויף פּשוט יידיש: „אַ גאַסט אויף אַ וויילע", וואָס איז אַ רעזולטאַט פון עגנונס צוריקפאָרן אויף עטלעכע יאָר קיין אייראָפּע און נישט טרעפן מער דאָס וואָס ער האָט איבערגעלאָזט: דער טאַטע, ר׳ שלום מרדכי, האָט שוין מער נישט געלעבט; וויסט זיינען די בתי מדרשים און עגנון בלייבט שטיין פּנים אל פּנים מיט דער יידישער טראַגעדיע;; און אין דער זאַמלונג דערציילונגען „עד הנה" („ביז אַהער") טרעפט איר יידן וואָס זיינען נאָר יידן בלויז לויט זייער אָפּשטאַם און האָבן מער מיטן יידנ־

טום נישט צו טאָן, דאָרט איז שוין די שפּראַך אַן אַנדערע, אין זייער מויל פּאַסט זיך נישט אַריין די שפּראַך פון אונדזערע חכמים.

***
***

אַוודאי איז עגנונס העברעאישע שפּראַך אַ ווייטערדיקע פּאָרזעצונג פון מענדעלען. מיר קאָנען פּאַראַפראַזירן ח. נ. ביאַליקס זאָג אויך וועגן עגנונען. עגנון האָט שוין פאַר זיך געהאַט ליים, בשעת מענדעלע איז געקומען צו זאַמד, וואָס ער האָט ערשט אויסגעקנאָטן פאַרן מייסטער.

אָבער עגנון האָט נאָך מער באַרייכערט די העברעאישע שפּראַך מיט אַזוי־פיל זיס־חנעוודיקע זאַגעלעך, מיט אַזעלכע טייערע איידל־שטיינער פון אַלטע יידישע ספרים, וואָס זיינען שוין געלעגן אין פאַרגעסנקייט, פונקט ווי דער אַלטער שטייגער; זיין אויסערגעוויינלעכע, ממש געניאַלע בקיאות אין אונדזער אַלטן אוצר האָט זיך גליקלעך צונויפגעפּאָרט מיט אַ גאָט־געבענטשטן מייסטער, און אַ מייסטער הייסט דער, וואָס ווייסט וואָס צו נעמען און וואָס אָפּצוואַרפן.

דער גרויסער סטיליזאַטאָר האָט שוין געהאַט פאַר זיך פריער פּרצן, יהודה שטיינבערגן, בערדיטשעווסקין, אָבער ער האָט אויסגעשפּרייט די פאָלקס־מעשה אויף דער רעאַליטעט, ווייל דער קיום פון יידן איז אַליין אַ לעגענדע.

עגנון, ווי אַ גרויסער מייסטער, האָט נישט געקאָנט נישט זען די אָרעמקייט, אָבער ער האָט דעם אָרעמאַן געמאַכט פאַר אַ מלך. ער האָט אים אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פון אַזוי פיל שיינקייט, געוויזן אים אין זיינע גייסטיקע מעלות, אין זיין גרויסן געפיל פאַר גערעכטיקייט, אין זיין געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל, אַז ער האָט זיך גאָרנישט צו שעמען פאַרן נגיד.

דער נישט־ייד, וואָס לייענט עגנונען ווערט אָן אַ סך נישט לייענענדיק דעם אָריגינאַל, אָבער ער ווערט פול מיט באַוואונדערונג פאַרן אַלטן יידישן שטייגער לעבן, פאַרן אומדערקלערבאַרן מיטאָס פון אַ פאָלק וואָס קאָן שאַפן אַזוי פיל שיינקייט אין דער גרעסטער אָרעמקייט.

***
***

אַזוי ווי עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן עגנונס ביאָגראַפיע, וועל איך זיך דאָ נישט איבערחזרן, פונקט אַזוי ווי איך וועל דאָ נישט איבערחזרן די שאלה: צי האָט מען שוין נישט ביז עגנונען געקאָנט געפינען אין דער יידישער אָדער העברעאישער ליטעראַטור אַ קאַנדידאַט וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָבעל־פּרייז? יאָ און יאָ! אָבער מיר דאַרפן זיך רעכענען מיטן געשעענעם, און אַ פאַקט איז, אַז עגנון האָט פולשטענדיק פאַרדינט

דעם דאָזיקן פּרייז — סיי פאַרן אָנטאָן קרוינען דעם אַלטן יידישן לעבן און עס נישט אויסשטעלן צו שאַנד, סיי פאַר זיין גרויסער מייסטערשאַפט אין סטיל, ווי אין דער וואונדערלעכער שפּראַך — אַ סטיל וואָס ער האָט ביי קיינעם נישט געליען — אַן אייגנאַרטיקער יידישער סטיל, און אַ העברע־אישע שפּראַך, וואָס ער האָט אויסגעשליפן ווי קיין מייסטער ביז אים, אַ העברעאישע שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אַריינגעטראָגן אַלע אוצרות און ווענדונגען פון דורות — אַן עגנון העברעאיש, וואָס פילט אין יידיש לשון אַ שוועסטער.

חיים ראַבינזאָן

איך האָב דערהאַלטן אַ בוך לידער פון ישראל און עס האָט מיך גלייך פאַרכאַפּט. אַזוי ווייניק ווערטער און אַזוי פיל פּאָעזיע!

וואָלט עס נישט באַדאַרפט זיין קיין חידוש, ווייל אַזוי דאַרף טאַקע זיין פּאָעזיע, פול מיט געפיל און בילד און נישט פאַרשטופּן מיט ווערטער די ליידיקע פלעצער: ווערטער, וואָס זאָגן גאָרנישט און גיבן נישט צו קיין געדאַנק און געפיל, אָבער, ליידער טרעפן מיר זיך אָן אויף אַ גאַנצער רייע לידער און אַפילו גאַנצע ביכער פון יונגע פּאָעטן אין ישראל, וואָס ווילן מיטמאַכן „מאָדערניזם" און פאַלן אַריין אין געמאַכטע „רזין דרזין", קינסט־לעכע סודותדיקייט, וואָס קומט נישט פון קיין אינערלעכער קאָנטעמפּלאַציע, נאָר פון אַ גיין אויף שטאַלצן. העברעאיש איז אַ שפּראַך, וואָס האָט אַן אַ שיעור אידיאָמען, איז אויסערגעוויינלעך רייך נישט נאָר אינעם אַדעקוואַטן אויסדרוק, נאָר אויך אין מליצה. גוטע פּאָעטן, וואָס האָבן וואָס צו זאָגן, נוצן בלויז די ווערטער, וועלכע אַנטשפּרעכן זייערע געפילן און שטימונגען. פּאָעטן, וואָס האָבן קיין סך נישט וואָס צו זאָגן, צירן זיך מיט מליצה. די מליצה בליינצלט ווי אַ פאַלשער דימענט. בלויז אַ גוט אויג קען אונטערשיידן פון עכטן איידלשטיין ביז אַ פאַלשן.

די יידישע שפּראַך איז אין דער הינזיכט אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען קען גלייך אונטערשיידן דעם טאַלאַנט פון דער טאַלאַנטלאָזיקייט.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער פּאָעט חיים ראַבינזאָן.

איך האָב נישט פאַר זיך קיין ביאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן אים. איך לייען פון צייט צו צייט זיינס אַ ליד אין דער העברעאישער פּרעסע. איך האָב דאָ נישט לאַנג צוריק געלייענט זיינע צוויי זייער גוטע איבערזעצונגען פון די לידער פון יעקב גלאַטשטיין און אליעזר גרינבערג. דאָס אַלץ. אָבער ביי אַזעלכע עכטע פּאָעטן ווי ראַבינזאָן, גילט דער כלל, אַז דאָס ליד זייערס איז זייער פּאַספּאָרט... און צו וואָס דאַרף מען ביאָגראַפיע? ביי יידן האָט

מען בכלל אַמאָל ווייניק געשריבן ביאָגראַפיעס. ד״ר שמחוני, אין זיינען אַן עסיי איבער איבן גבירול, קלאָגט זיך טאַקע דערויף, וואָס מיר האָבן אַזוי ווייניק ביאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן אונדזערע גדולים, ווייל ביי יידן האָט מען געהאַלטן פון תלמודישן כלל, אַז מען צעשרייבט זיך נישט צופיל וועגן גרויסע מענטשן, ווייל זייערע מעשים אַליין זיינען זייער שבח, אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

אַן אינטערעסאַנטער אָריגינעלער פּאָעט האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט אַ בוך לידער, וואָס פּולסירט מיט אייביקער טעמאַטיק, און האָט דעם בוך אַליין אויך אַ נאָמען געגעבן מיט אַ נאָמען, וואָס איז פאַרקוקט אויף דער אייביקייט „ימי האדמה״, די טעג פון דער ערד, אַזוי פיל טעג האָט אונדזער ערד און וועט נאָך אַזוי פיל האָבן, אַז אויב זי איז נישט אייביק, איז זי עפּעס ענלעך דערצו... אָט ווי ער זינגט מיט אַזוי פיל שפּאַרעוודיקע ווערטער:

אותו רון ומעין, אותו עץ ואושה
הולמים בדממה.
גם לילה לא תנוח ביקום נפשם
של ימי האדמה.
דרכים בהם הוליכונו ימים,
כיאורים בי הומים —
הערב לי גשר ובראי אגמים
פני עוד מיוממים.

אין דער פרייער איבערזעצונג קען עס קלינגען אַזוי:

דער זעלבער געזאַנג און קוואַל,
דער שעפּטש פון זעלבן בוים קוים מען הערט;
אויך די נאַכט איז אומרואיק
פונעם טרוים וועגן די טעג פון דער ערד.
די וועגן מיט וועלכע געפירט האָבן טעג,
אין מיר ווי טייכן זיך וויגן —
דער אָוונט איז אַ בריק מיר און אַ סאַזשעלקע
טאָגיקט זיך אַלץ נאָך אין שפּיגל.

דער פּאָעט לעבט אינעם לאַנד פון חומש, און ווי פּרעכטיק עס זיינען ביי אים די אַסאָציאַציעס! אמת, אַז אַזעלכע אַסאָציאַציעס געדאַנקלעכע, פון וועלכע עס ווערן שאַרפע אימאַזשן, האָבן מיר נאָך געזען ביי אַברהם שלאָנ־סקין אָבער ראַבינזאָן גייט זיין אייגענעם וועג און פּרוּווט נישט טרעפן:

רילקע, בלאָק, האַפּמאַנסטאַל. אַוודאי האָט ער זיי געליִיענט. ווי אַנדערש? אָבער אַזוי פּיין פּאַרדייעט!

הערט אַ ליד פון 6 שורות:

כזרועות אלהים מבהיקים בדרכים
דרכים הגולשים מהרים
וחמה בחרשה היא ברית בין הבתרים.

צפור לוקטת גרגר במסילה
לא תדע כי לוקטה היא הרהור מתפלה
שמשאיר אלוהים בשבילה.

דער „ברית בין בתרים" ביי אַברהם אבינו אין חומש קומט אים דאָ צו חלום צו דער זעלטענער קאָמפּאָזיציע מיטן פויגל, וואָס קלייבט ערגעץ אַ זערנע און ווייסט נישט אַז דאָס קלייבט ער עס אַ טראַכט פון אַ תפילה. האָבן מיר דאָס ליד פּרובירט איבערצוזעצן כאָטש דאָס וואָרט „גולשים", איז שווער פּינקטלעך איבערצוזעצן. „לאָזן זיך אַראָפּ"? (אַ סטאַדע שעפּסן לאָזט זיך אַזוי אַראָפּ פון בערג) קלעטערן אַרונטער? נידערן אַראָפּ? לאָמיר אַ פּרואוו טאָן:

אין די פרימאָרגנס — ווי גאָטס אָרעמס
זעען די וועגן אויס צווישן בערגיקע טורעמס
און די זון אין דער לאָנקע — ווי ברית בין בתרים.
און דער פויגל וואָס קלייבט אַ זערנע ביי וועגן,
ווייסט נישט, אַז דאָס קלייבט ער אַ גרויסן פאַרמעגן
אַ געדאַנק פון אַ תפילה פאַר זיינעם וועגן.

און די מוטער רחל פון חומש איז אויך דאָ. אמת, אָן דעם ניגון פון „ואני מבבואי מפדן", יענעם ניגון, וואָס מיר האָבן איינגעזונגען אין חדר און אָן אויסרוף־צייכנס אויך. ראַבינזאָן האָט זיי בכלל נישט. דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט דער געפּרעסטער ליריק, ווי שטענדיק ביי ראַבינזאָן:

חצות

בדרכים נעמד הפלא.
ברקיע נרדמת התכלת
ולפני כל בית נצבת

רחל אמנו לעכב את
בכיה לפני הדלת —
בל ייקץ משנתו הילד.

מוטער רחל האַלט איין דאָס געוויין אירס פאַר די טירן, עס זאָל אַ שלאָפנדיק קינד זיך נישט אויפוועקן. ווי דין און קאָנצענטרירט דאָס ליד איז; אַ געוויין פון דורות האַלט זיך איין צוליב דעם שלאָף פון אַ קינד. ווערטלעך און אָן גראַמען לייענען זיך אין יידיש די שורות:

איוף וועגן בלייבט שטיין דער וואונדער; אין הימל דרימלט דער בלאָ־פאַרב, און פאַר יעדער שטוב שטעלט אָפּ זיך מוטער רחל צו איינהאַלטן איר געוויין פאַר דער טיר, אַז אַ קינד זאָל זיך פון שלאָף נישט וועקן.

און איר וועט זיך וואונדערן, וואָס אין אַ ליד פון 12 שורות וועגן היס־טאָרישן כפר מודיעין, איז ראַבינזאָן אויך אינדיווידועל אין זיין צוזאָנג:

חפשתי הדרך לכפר מודיעין
ואת עצמי מצאתי —
כ׳האָב דעם וועג געזוכט צום כפר מודיעין
און זיך אַליין דערקענט...

ער וואָלט וועלן זיין ווי דער הימל, ווי די גאַנצע נאַטור און נאָך מער; זיין כל יכול, וואָס הערשט איבער דער נאַטור.
ער קלאָגט זיך:

אינני יודע ואינני יכול
להיות כרקיע כחול
ולהתכסות מעננים
דעי, לא אני המרקיד ברננים
את הגשם על גג כבמחול.

פריי אין יידיש:
איך ווייס נישט און איך קען נישט זיין ווי דער הימל בלאָ,
און זיך באַדעקן מיט וואָלקנס;
ווייס! נישט איך מאַך טאַנצן דעם רעגן אויפן דאַך ווי אין טאַנץ.

געלינגט עס אים טאַקע אין די מערסטע לידער (און מיר רעדן פון אַ 200 זייטלעך בוך, וואו אַ ליד האַלט נישט מער ווי אַ העלפט אָדער אַ דריטל פון אַ זייטל און מאַקסימום אַ זייטל) אויסצודריקן זיין אינערלעכע וועלט און זינגען וועגן:

פנסים בחיוך זהבם תלויים בסערות
כאילו הפריחום הלילות באויר כיונים.

לאַמטערנס אין זייער גאָלדיקן שמייכל הענגען אין שטורעמס
ווי די נעכט וואָלטן זיי אָפּגעלאָזט ווי טויבן...
און וועגן בית כנסת וואָס קוקט אַרויס צווישן הייזער ווי פון די
איברים אַ האַרץ.

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ראַבינזאָן לעבט נישט מיט דעם אַלעם וואָס עס קומט פאָר אין ישראל. ער זינגט וועגן תל־אביב, וואָס אַרבעט בייטאָג און היט ביינאַכט, און וועגן שיינקייט פון שבת־טאָג („לכו נרננה"), און וועגן דער בענקשאַפט צום ירדן און טאָקע צו די זכרונות פון זיין קינדהייט און צו די טיפן פון שטעטל. אָבער אַלץ איז געזען מיט אייגענע אויגן. אַפילו די מאָטאָס צו די לידער שפּיגלען אָפּ זיינע אייגענע שטימונגען. למשל, אַזאַ מאטא ווי פון ספר הגלגולים פון אר"י הקדוש, אַז דער טרויער וואָס איז רעגן איז אַן אָפּקלאַנג פון מוטער רחלס געוויין. אָן ספק, אַז די העברעאישע פּאָעזיע האָט צובאַקומען נישט קיין עפּיגאָן, נאָר אַן אָריגינעלן פּאָעט, אַ פּאָעט מיט אַ סך שיינקייטן און אייגענעם ניגון.

אַ שאָד נאָר, וואָס ראַבינזאָן חזרט איבער זיינע מעטאָדן דאָ און דאָרט. אַזוי, למשל, איז דער פאַרגלייך מיט „ברית בין הבתרים" אויף דער זון איבערגעחזרט אויף זייט 77 אינעם ליד „בית כנסת". אַ חסרון איז ביי אַזאַ פּאָעט ווי ראַבינסאָן זיין געוויסע צו פלינקייט (נישט צו באַנוצן דאָס וואָרט ווירטואָזקייט) פון פערז. ער ווערט אַמאָל פון דעם געפאַנגען און פאַרפלאָנ־טערט (אין געציילטע פאַלן זיין טיפע אָנלאָדונג פון עכטער דיכטונג פאַר אַ מאָל קען דינען דער וואונדער־שיינער אָנהויב פונעם ליד „התגלות".

כיד כוהושט לי הבוקר הזך
ומבעד לחלון, מבעד למסך
כל היקום מרחביו בי נסך.

משנתי רוחם משתתני עינם
כאצבעות על מיני חלילים.

ווי אַ האַנט איז דער פרימאָרגן געווען מיר אויסגעשטרעקט
און איבער פענצטער, איבערן פאָרהאַנג
האָט די וועלט אירע ברייטן אין מיר אַריינגעגאָסן.
עס האָבן מיר באַטאַפּט זייער גייסט
עס האָבן מיר אַרומגענומען זייערע אויגן,
ווי פינגער אויף די לעכלעך פון פלייטן.

יהודית הענדעל, די טאַלאַנטפולע העברעאישע דערציילערין

איך האָב זי נישט געזען אין לעבן. איך האָב נאָר געזען איר בילד, אַ בילד פון אַ זעלטן שיינער יונגער פרוי, אַזעלכע פּנימער באַצירן געוויינלעך די פראַנט־זייטן פון פרויען־זשורנאַלן. דאָס איז אַ געזיכט פון אַ פרוי, וואָס דריקט אויס יענעם געלייטערטן אומעט, יענע אידעלע צאַרט־קייט, יענעם דערהויבענעם חן, נאָך וועלכן נישט איין מאַן יאָגט זיך. יהודית הענדעל הייסט די פרוי. אָבער זי איז נישט בלויז די שיינע פרוי, נאָר אויך אַן אינטערעסאַנטע שרייבערישע פּערזענלעכקייט.

געבוירן אין 1925 אין וואַרשע (פּוילן), איז זי, אַ פינף־יעריק קינד געקומען מיט אירע עלטערן קיין ארץ־ישראל. איר קינדהייט האָט זי פאַר־בראַכט אין חיפה, פאַרענדיקט די גימנאַזיע — האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן. צו 25 יאָר דערשיינט איר ערשטע זאַמלונג דערציילונגען: „בכבות אורות" (ווען די ליכטער לעשן זיך) פאַר איר ראָמאַן „רחוב המדרגות" (די גאַס פון טרעפּ) האָט זי באַקומען די אשר באַראַש־פּרעמיע (די פּרעמיע אויפן נאָמען פונעם באַרימטן העברעאישן שרייבער און פּעדאַגאָג אשר באַראַש) אין דעם דאָזיקן ראָמאַן, קומט צום אויסדרוק דאָס פּראָבלעם פון מיזוג, פון צונויפגיסן די פאַרשיידענע יידן פון פאַרשיידענע לענדער אין איין פאָלק. שפּעטער האָט זי דעם ראָמאַן דראַמאַטיזירט און די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין דער „הבימה".

איך האָב געלייענט אַ גאַנצע ריי דערציילונגען פון יהודית הענדעל, זי איז איינע פון די סאַמע טאַלאַנטפולסטע העברעאישע שרייבער היינט־צו־טאָג אין דער מדינה, אַ סך ווייניקער טאַלאַנטפולע פון איר זיינען אַזוי באַרימט אין דער וועלט און וועגן איר לייענט מען נאָר אין זעלטענע אַנטאָ־לאָגיעס. אירע דערציילונגען נעמען אַרום דעם גאַנצן קאָמפּלעקט פּראָבלעמען, מיט וועלכן עס אָטעמט סיי דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ישראל, און סיי דער יחיד, אַ ריי דערציילונגען שפּיגלען אָפּ אויך די באַפרייאונגס־מלחמה.

כאַראַקטעריסטיש פאַר איר שרייבן איז דער שאַרפער רעאַליזם, דער טיפער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, דאָס אָנהויפן דעטאַלן, די אומגעוויינלעכע און אומגעריכטע מעטאַפאָרן. אָבער מער פאַר אַלץ נעמט איך איר גרויסע מענטשלעכקייט, וואָס דריקט זיך נישט אויס קיין מעלאָדראַמאַטישקייט און קיין קרעכץ, נאָר אין אַ מיטגעפיל, וועלכן מען באַמערקט קוים.

לאָמיר נעמען איינע פון אירע בעסטע דערציילונגען „צילי וידידי שאול" (צילי און מיין פריינט שאול") אין דער דערציילונג זיינען אַקטיוו סך־הכל דריי מענטשן נישט אַריינרעכענעדיק דעם דאָקטאָר און די קראַנקן־שוועס־

טערס. די אויטאָריַן, איר פּאַרוואונדעטער פריינט שאול און צילי, זיין פרוי. די גאַנצע דערציילונג וויקלט זיך אויף ווי פון אַ שאָטן אַרויס, אויף אַ טונקעלער פאָן.

צען יאָר האָט צילי אָפּגעלעבט מיט שאולן, אָבער איר ליבשאַפט צו אים קומט ערשט אַרויס אין קליינע דעטאַלן. שאול איז שווער פאַרוואונדעט. די אומגעדולדיקייט פון צילין בשעת זי ברענגט דעם מאַן צום דאָקטאָר. איר טיפע שרעק, האָט איר אין דער בקשה אירער צום דאָקטאָר:

— אפשר וועט איר אים אָפּוואַשן די האָר, ד״ר העפנער? „איר האָט אים איבערגעלאָזט בלוט אויף די האָר. די צייט לויפט״.

אַ מענטש איז געפערלעך פאַרוואונדעט. דער דאָקטאָר גיט שוואַכע האָפענונגען מעגלעך, אַז ער וועט נישט אויסלעבן די נאַכט. אין קאָן שטייען נאָך צוויי לעבעדיקע וועזנס. אַרום איז אַ שיסעריי. אָבער דער איינגעשפּאַרטער ווילן פון די צוויי פרויען צו ראַטעווען דעם פאַרוואונדעטן ווייסט נישט פון קיין גרענעץ.. אויב עס איז נאָר פאַראַן איין טויזנט חלק, אַז מען וועט אים ראַטעווען דאַרף מען טאָן אַלץ.

— דו ווייסט דעם מצב? דו ברענגסט זיך אַליין און צילין אין סכנה

— וואָרנט זיי ד״ר העפנער.

— איך ווייס.

— שאולן וועסטו נישט ראַטעווען. איך האָב געשוויגן — — — — —

— אָבער איך קען נישט צולאָזן, אַז אַ מענטש זאָל גוססן און איך זאָל גאָרנישט טאָן.

און דאָ קומט אָן אויסטערליש אומפאַרגעסלעך בילד:

...איין פוס ביי שאולן איז אָפּגעדעקט געוואָרן און ווען מיר זיינען אַריינגעקומען האָט זיך צילי אויף אים אָנגעבויגן און באַמיט זיך צו פאַרדעקן מיט איר האַנט. איך האָב זיך איינגעקוקט אינעם שאָטן וואָס האָט זיך געצויגן פון די פיס פון בעט אויפן דיל און כ׳האָב זיך דערמאָנט ווי אַזוי דער טאַטע מיינער האָט בשעת די מאַמע האָט געגוססט, זיך איינגעבויגן און צוגעשנורעוועט פאַרזיכטיק דאָס בענדל פון דער קאָלדרע, וואָס האָט זיך אויפגעבונדן. די דאָזיקע באַוועגונג האָב איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

שאול האָט געגעבן אַ קרעכץ. זיין אָפן אויג האָט זיך פּלוצעם אויפגעעפנט און געקוקט אויף צילין פאַרנעפּלט און ווי באַוואַקסן מיט אַ הויט. ער האָט אַ הויב געטאָן זיין האַנט און שטאַרק אַ זעץ־געטאָן מיט זיין פויסט אין זיין בויך, צילי איז בלייך געוואָרן, האָט זיך איבערגעבויגן איבער שאולן און פאַרדעקט איר געזיכט מיט אירע הענט, אָבער ד״ר העפנער האָט אַ זאָג־געטאָן: — דאָס איז גאָרנישט, דאָס זיינען נאָר וויטאָגן...

עס גייען אָן אַ שיעור פּאָעטישע שילדערונגען פון דער קאָשמאַרנאַכט אין וועלכער עס קומט אַ״יס צו פירן דעם שטערבלעך פאַרוואונ־

דעטן אין שפּיטאָל אַריין. זיי ווערן באַשאָסן, דער חולה ווייזט זיך אויס אַמאָל נאָענט צום טויט, אַמאָל וועקט ער האָפענונג מיט אַ קליינער באַוועגונג זיינער, אין דעם אַרומיקן גרויל פון דער מלחמה דוכט זיך, ווי נישט בלויז אָט די צוויי פרויען האָבן זיך פאַרנומען אויף טויט און אויף לעבן צו ראַטעווען שאולן, נאָר די גאַנצע נאַכט ווערט מיטגעצויגן אין דער שפּיל. איך האָב געלייענט פראַנץ קאַפקאַס מעשה מיטן דאָרפישן דאָקטאָר, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז יהודית הענדעלס דערציילונג איז נאָך אַ סך בילדלעכער און שטאַרקער.

דער סוף איז, אַז שאול שטאַרבט טאַקע, אָבער עפּעס זיינען מיר איבערצייגט, אַז די צוויי פרויען האָבן געזיגט, געזיגט מיט זייער שטאַרקן ווילן צו ראַטעווען אַ מענטשן.

און מאָדנע: מען לאַכט דאָך לעצטנס אויס יעדער ווילן צו שילדערן פּאָזיטיווע טאַטן, מען האַלט דאָך דאָס פאַרן גרעסטן חסרון פון דער קונסט און דאָ קומט אַ גאָט־געבענטשטע קינסטלערין, וואָס נישט איין מאָדערנער קינסטלער וואָלט געמעגט מקנא זיין, און שילדערט גראַד אַ העראָאישן אַקט מיט אַזויפיל קונסט, פון וועלכער די אַלע נאָכפאָלגער פון דער „שולדגעפיל"־שול חלומען אַפילו נישט.

יהודית הענדעל איז נאָך גענוג יונג און מיר צווייפלען נישט, אַז זי וועט נאָך זייער הויך אויסוואַקסן.

די יידישע טענצערין פון פרץ מאַרקישעס פּאָעמע

ס'איז אפשר בעסער וואָס מיר ווייסן נישט די אָביעקטן פון די ליבעס פון גרויסע קינסטלער. די דאָזיקע פרויען, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ ראָלע אין דער שאַפונג פון פּאָעטן, פון מאָלער, פון מוזיקער, זיינען טייל מאָל איבערגעשאַפן געוואָרן אינעם געמיט פון די קינסטלער.

ראַפאַעל האָט געשאַפן פון פּשוטע פויערטעס מאַדאָנעס. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, אַז בעטהאָווענס אָביעקטן פון זיינע טראַגישע ליבעס זיינען געווען גאַנץ פּשוטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך גאָרנישט געקענט אויף זיין געניוס, אַ סימן, אַז די מערסטע פון זיי זיינען אַוועק מיט אָפיצערן. פּעטראַרקעס „לאַורא" האָט געמוזט זיין נישט מער שיין ווי די אַנדערע איטאַליענישע מיידלעך, וועלכע זיינען געווינלעך שיין.

אָבער וויפל צויבער האָבן די מייסטערס זיי צוגעגעבן! וויפל רייץ! זיי האָבן זיי געמאַכט אייביק, אייביק, ווי דער שמייכל וואָס לעאָנאַרדאַ האָט געשאָנקען זיין „דזשאַקאָנדאַ", וואָס מאַכט איידל, קוים צו באַמערקן מיט שמייכלען דעם טאָג און אַלע קעגנשטאַנדן און אַלע פּאַסירונגען אַרום אונדז.

אָבער איך האָב געזען אַן אָביעקט, וואָס האָט געדינט דעם גרויסן יידישן פּאָעט פּרץ מאַרקיש פאַר אַ גאַנצער לענגערער פּאָעמע, „צו אַ יידישער טענצערין”, און געווען איז זי טאַקע אַ טענצערין, וואָס מאַרקיש האָט געזען און זיך נאָענט באַקענט, ווען אָט די יידישע טענצערין איז פאַר־וואָגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע פון פּוילן.

די פּאָעמע האָט מאַרקיש געשריבן נאָך אין 1940, אָבער זי איז אין אָט דעם יאָר נישט געדרוקט געוואָרן צוליבן „באַרימטן” אָפּמאַך פון היטלער־סטאַלין, ווען מ׳האָט נישט דערלויבט אין רוסלאַנד צו שרייבן קעגן דעם היטלער־רעזשים.

שפּעטער זײַנען טײלן פון דער פּאָעמע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין רוסיש.

מאַרקיש איז געווען דער יידישער פּאָעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועל־כער האָט אין זײַנע ווערק מער ווי אַלע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד אויסגעדריקט דעם חורבן־פּוילן.

ער האָט וועגן דעם געשריבן אַ סך לידער, פּראָזע־ווערק („טראָט פון דורות”) און אַפילו אַ דראַמע („אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ”).

איינע פון זײַנע בעסטע און שטאַרקסטע שאַפונגען איז געווען די גרע־סערע פּאָעמע „צו אַ יידישער טענצערין”. די פּאָעמע איז אַ גאַנצע קאַנטאַ־טע, וואָס מאָלט אויף אַ וואונדערלעכן אופן דעם טאַנץ פון דער טענצערין און די שיינקייט וואָס זי שאַפט מיט איר טאַנץ.

דער פּאָעט איז פאַרליבט, אָבער די טענצערין איז פאַר אים מער ווי פרויען־צויבער. זי איז פאַר אים אַ סימבאָל פון טאַנצן איבער חורבות און איבער בראָך, אויף צו־להכעיס דעם שונא; דער אינדיווידועלער ליבעס־געפיל ווערט פאַראַלגעמיינערט, עס ווערט אַ טאַנץ פון אַ פאָלק אויף זײַנע קברים און זײַן שטאַרקייט ווייטער פאָרצוזעצן זײַן לעבן.

אויף טריט און שריט באַגעגנט איר אָט די פאַראַלגעמיינערונג, אַזאַ שטייגער ווי מאַרקיש, דער גרויסער פּאָעט און אויסדריקער פון פאָלקס־געפילן, קאָן זיך נישט דערלויבן אויף אַ רגע צו זײַן „פּריוואַט” און לעבן בלויז ליב צו האָבן אַ שיינע יידישע פרוי, אַ טענצערין. אָט וויל ער זיך איינוועבן אינעם שטראַלענדיקן קנויל פון איר שיינקייט, און ווי פּרעכטיק ער שילדערט:

ווי וועבט מען איין זיך אין דעם שטראַלענדיקן קנויל?
און ווי דעם אָנהויב און דעם סוף פונאַנדערקניפּן?
כ׳קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיט דײַן מויל,
כ׳קאָן נישט אַריבערגיין דעם שניט פון דײַנע ליפּן.

און אַט ווי מאַרקיש באַזינגט אַזוי בילדעריש און איידל־דין זיין ליב־שאַפט צו אַט דער יידישער טענצערין:

עס איז שוין שפעטער טאָג, דער רוים איז ווידער קלאָר,
און פונעם הימל גייט אַלץ נישט אָפּ דער מולד;
פון צורירן מיט ליפּן זיך צו דיינע האָר
באַדעקט מיט גאָלד קאַיאַריקס זיך מיין מויל האָט.

דער טאָג אַלץ נעענטער און נעענטער געגענט
איז זמיר דען ווייניק ליכט? צי עס פעלט מיר איצט דען שיין נאָך?
נאָך ליכטיק זיינען מיינע בלאַנדזשענדיקע הענט
פון צולייגן זיי צאַרט צו לייב צו דיינעם.

אָבער באַלד קומט דער אָרקעסטער נאָכן דינעם פידל, באַלד קומט די פאַראַלגעמיינערונג:

דער רעש פון חתונות איז ווידער אויף די גאַסן,
פון שמחות דאָס געוויין איז אויף דאָס ניי דערוועקט;
צעבראָכן זיינען בלויז די פידלען און די קאָנטראַבאַסן,
געקוילעט זיינען בלויז די כלי־זמר אויפן וועג.

נאָר דו? דו טאַנץ... די פיס געשטעלט ווי איבער נעצן,
דאָס האַרץ מיט ווייטאָג אייגענעם — פאַרטויב,
און טראָג אים, טראָג דעם טרויער פון באַזעצנס
ווי צו דער שחיטה טראָגט דעם האַלדז די מילדע טויב.

...זאָל איצט מיין האַרץ דיר ווי אַ נעסט זיין אויף אַ בוים
כל זמן די האַק האָט נאָך דעם בוים נישט אומגעוואַלגערט.

אין דער פּאָעמע זיינען פאַראַן אָנדייטונגען וועגן בבלס טייכן און וועגן ירדן, און וועגן רהיין־טייך, וואו מ׳האָט איר „מיט פייער געלאָזט״ און דער סוף פון דער פּאָעמע איז:

אַ רויטער וואַלד אויף זיינע אַקסלען זיך פאַרלירט,
ווי כוואַליעס פייער אין אַ שריפה אויסגעבויגן,
אויף אַזאַ פייער האָט געבענטשט מיין מאַמע ליכט,
מיט פינגער צוגעדעקט די ווייַנענדיקע אויגן.

איז טראָג זיך, טראָג זיך איבער דעם אָפּגרונטיקן ראַנד,
ס'באַקלאָגן ווינטן דיך אויף טרויעריקע פּלייטן;
דו דאַרפסט נאָך אויסטאָנצן אַ דורותדיקע שאַנד,
דו דאַרפסט נאָך אַרויסטאַנצן אַ דורותדיקן ווייטאָג.

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז איינע פון די שטאַרקסטע שאָפונגען מאַרקישעס און מיר איז ביי מאָדנע אומשטענדן אויסגעקומען צו זען פּנים אל פּנים דעם אָביעקט פון מאַרקישעס ליבע דורך וועלכער ער האָט געגעראַליזירט דעם יידישן אומקום אין פּוילן.

ס'איז געווען עטלעכע חדשים נאָך מיין באַפרייט ווערן פון סאָוועטישע לאַגערן. איך בין צוריקגעקומען קיין פּוילן און איינמאָל, ווען איך בין געווען אינעם קלוב פונעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד אין וואַרשע, אויף נאָוואָגראָד־סקי 5, איז שעמעוודיק צו מיר צוגעקומען אַ יונגע דאַמע, אַ בלאָנדע שיינ־הייט, מיט טיפע בלויע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ נאָך טיפערער טרויער, אַ טרויער ווי פון אַ טיפן ברונעם, און שעמעוודיק זיך צו מיר געווענדעט:

— איר ווייסט אפשר עפּעס גענויערס וועגן מאַרקישן? מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט נישט לאַנג צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, עס גייען אַרום וועגן אים פאַרשיידענע קלאַנגען. איז עס אמת, אַז מ'האָט אים אומגע־בראַכט צוזאַמען מיט אַנדערע שרייבער?

איך האָב זי פאַרבעטן אינעם קליינעם רעסטאָראַן וואָס ביים קלוב. מיר זיינען געזעסן אינצווייען ביי טעפּלעך קאַווע און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז די טענצערין, וועגן וועמען מאַרקיש האָט געשריבן די פּאָעמע און איר צוגעשיקט אַ קאָפּיע געשריבן אויף אַ מאַשינקע, ווייל אין יידיש איז נאָך ביז דעמאָלט די פּאָעמע נישט דערשינען.

פאַר מיר איז געזעסן אַ שיינע, שלאַנקע, בלאָנדע דאַמע, מער ענלעך צו אַ קריסטין. אַ שטילע שיינהייט, שטיל אין אירע אויגן, שטיל מיטן קלענסטן באַוועג פון איר קערפּער, אָן דעם פייער און שטורעם פון איר טאַנץ, אַ פּרוי פון אַ היכל באַאַמטן אין אַ מיניסטעריום, אַ ייד, און האָט זיך געווישט די אויגן פון די ידיעות וועגן פּרץ מאַרקישן, וועלכע איך האָב איר דערציילט.

סך הכל זיינען זעקס יאָר אַריבער זינט מאַרקיש האָט זיך מיט איר באַקענט, און זי האָט אַזאַ איינפלוס געהאַט אויף אים, אַז:

באַטרונקען מיט דיין אָטעם ווי מיט טוי
האָט פון ס׳ניי צעבליט זיך מיינע לידער.

איך האָב נישט געזען דעם פלאַם פון איר טאַנץ, כ׳׳האָב געזען אַן אומגליקלעכע יונגע פרוי, וואָס איז צוריקגעקומען אויף קברים און נישט פאַרגעסן די מינוטן, ווען זי איז דערהויבן געוואָרן דורך דער הייסער ליבע פון איינעם פון די גרעסטע יידישע פאָעטן וואָס האָט דורך איר, דורך דער יידישער שיינהייט און איר טאַנץ, פאַרקערפּערט דעם וויטאָג פון אַן אומגעבראַכטער אומה, אויסגעדריקט מיט אַלע וואונדערלעכע מיטלען, וואָס דער גרויסער מייסטער פון פערז האָט פאַרמאָגט.

ד אַ ט ע ם

שמעון שמואל פרוג

...עלה נבל אנכי, אתה ציץ פורח...

(יהודה לייב גאָרדאָן)

„אַ פּאַרוועלקטער בלאַט בין איך — דו — אַ בליענדיקער בלום". דאָס איז אַ שורה פונעם באַוואוסטן ליד, וואָס דער גרעסטער העברעיִשער דיכטער פון זיין צייט, יהודה לייב גאָרדאָן האָט געווידמעט דעם דאַן יונגן פּאָעט, דעם זון פון כערסאָנער יידישע קאָלאָניסטן שמעון שמואל פרוג, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געשריבן רוסישע לידער אָנגעזאַפּט מיט יידישן אינהאַלט. אָבער די „בליענדע בלום" האָט גלייך פון זיין אָנהייב פון דער פּאָעטישער קאַריערע געזונגען נישט ווי קיין בליענדע בלום. אַ טיפער טרויער האָט דורכגעדרונגען כמעט אַלע זיינע לידער, צי זיינע לידער אויף אינדיווידועלע טעמעס (און אַזעלכע זיינען געווען די ווייניקסטע) צי די לידער אויף סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

איך האָב נישט ערשט פאַר זיך פרוגס רוסישע לידער. זייענדיק אין רוסלאַנד האָב איך געלייענט אַ קליינעם באַנד פון זיי, און לייענענדיק איצט צום צווייטן מאָל פרוגס יידישע לידער דאַכט מיר, אַז אין רוסיש איז זיין ליד געווען מייסטערהאַפטער, מער אויסגעהאַמערט, מער קלינגעוודיקער, ווייכער, שענער. אָבער פרוגן האָט נישט געאַרט דער וואָס „אַנדערש וואָלט זיין ליד געקלונגען". ער האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צום פאָלק. ער האָט זיך נישט איבערגענומען מיט די מאָמענטאַלע דערפאָלגן צווישן די רוסישע שרייבער און דעם „ברייטן לייענער". אים איז נאָך אויסגעקומען צו זיצן און לערנען זיך יידיש, האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן. זיין קאָפּ האָט זיך נישט פאַרדרייט פון די געוואַלטיקע לויב־געזאַנגען פון דער רוסישער קריטיק. די גאַנצע 20 יאָר (פון 1880 אָן) זינט ער האָט אָפּגעדרוקט אין „ראַזסוויעט" זיין ערשט ליד. אין די טיפע 90ער יאָרן הויבט ער אָן שרייבן יידיש. עס דויערט נישט לאַנג און ער זוכט אָפּ און געפינט דעם פאָלקס חן פון יידישן אויסדרוק, דעם ספּעציפישן יידישן גראַם, אַפילו די טרויעריקע איראָניע. וואָס קלינגט אַזוי עכט און יידיש.

איך בין אַ חזן אָן אַ עמוד
כמעט שוין פינף און צוואַנציק יאָר,

דאָך קלינגען מיינע תפילות תמיד
און כ׳האָב דערצו אַ שיינעם כאָר.

אַ גרויסן כאָר פון אַלע סאָרטן
פון אַלע שטימען אויף דער וועלט;
מיליאָנען פייגעלעך אין גאָרטן
מיליאָנען קווייטעלעך אין פעלד.

דער ווינשטאָק איז מיר מיר מתפלל,
אויף טל ומטר אין דער צייט
די וועלדער זאָגן מיר הלל;
עס קלינגט און זינגט פון יעדער זייט...

און דאָס פאָלק וויסט ווער עס האָט אים ליב, און פרוג, איז גלייך געוואָרן דער פאָלקס־פּאָעט; זיינע לידער האָט נישט בלויז די „ליבע לייענערין״ געלייענט שפּעט אין דער נאַכט ביים שיין פון אַ חלבן ליכטל, מען האָט צוגעפּאַסט מוזיק דערצו און עס געזונגען. איך געדענקט דאָך דעם „כוס״ און „זאַמד און שטערן״ און „דאָס יידישע קינד״. און די ביכער, וואָס איך האָב אויסגעליען אין דער שטעטלשער יידישער ביבליאָטעק זיינען צעקנייטשט פון אַ סך לייענען און דורכגעווייקט מיט טרערן ווי מיין מאַמע, עליה השלומס תחינה און סידור „קרבן מנחה״.

ס׳איז אַ מאָדנע דערשיינונג: דאָס פּויערים־קינד, וואָס האָט דאָס ביסל יידישקייט אַריינגעזאַפּט אין זיך די פיר יאָר ביי זיין רבין אין חדר, ווען ער האָט מיט אים געלערנט תנ״ך, האָט כסדר געזוכט אַלטע יידישע אגדות, עפּעס אַ מאמר־חז״ל, אויף וועלכן ער האָט געבויט זיינע באַלאַדן! מען זעט, ווי ליב עס איז אים זיך אָנצוושפּאַרן אויף אַ מאָטאָ פון תלמוד. אַמאָל אויף אַ מאָטיוו פון אַן אַלטן פּיוט, ווי דעם מהר״ם מראָטענבורגס „שאלי שרופה באש״, וועגן פאַרברענטע ספרי תורה (זע זיין „חתן תורה״) און ווי איידל, דין ער שילדערט עס:

אינעם אַלטן ענגן אָרון
שטייט די נייע ספר תורה,
ווי אַ קינד זיך צוגעטוליעט
צו די גרויסע אַלטע ספרים,
און פאַרוואונדערט און דערשראָקן
ווי אַ טייבעלע, וואָס הערט

אַ געוויש פון שטאַרקע פליגל
אויף איר נעסטעלע, און פילט שוין,
אַז דאָס אומגליק איז געקומען,
אַז דער טויט איז איר באַשערט...

און ווי עכט, עכט פאָלקסטימלעך זיינען זיינע יום־טובים לידער! אײן אויג לאַכט און אײן אויג וויינט ווי ביי שלום עליכמען. אַ צווילינג ווי אין ח. נ. ביאַליקס „פרילינג". אַזאַ האַרציקער הומאָר און טרויער צוגלייך אויף דער יידישער אָרעמקייט און נויט, וועלכע ער האָט אַזוי טיף געזען און מיטגעפילט און וואָס האָט אים געפירט אויך צום סאָציאַלן מאָטיוו. ער ווייסט זיין ציל, דעם ציל פון אַ פּאָעט:

מיין ברודער! שלעכט איז דיר, איך ווייס
נאָר גיי און טראָג דעם יאָך דעם שווערן
שטיי שטאָלץ און קרעפטיק אויף דיין אָרט:
עס מוז, עס וועט דאָך ליכטיק ווערן.

און די תפילה צו דער פרייהייט:

קום, ליבע טרייע קום צו אונדז,
און ווי די שאַרפע פייל פון בויגן
וועט טאָן אַ שלאָג דיין העלער טאָג
אין די תלינימס בייזע אויגן...

און דער זעלבער מאָטאָ חזרט זיך איבער אין „די פאָן" און אין צענ־דליקער אַנדערע לידער.

אַז איר נעמט אַ צווייטן גרויסן פאָלקס־פּאָעט פון יענער צייט, מאָריס ראָזענפעלדן, און פאַרגלייכט אים מיט ש. פרוגן, באַקומט ראָזענפעלד זיכער די אויבערהאַנט. זיין ליד איז מער געשליפן, מער מוזיקאַליש, אַפילו מער ליריש. ש. פרוג האָט זיך דאָך געקענט אויסגלייכן מיט ראָזענפעלדן נאָר אין רוסיש, וואו זיין שפּראַך איז געווען גענוג מוזיקאַליש, קלינגעוודיק און עלאַסטיש. יידיש איז אַלץ געבליבן ביי פרוגן די שפּראַך וועלכע ער האָט אין זיין רייפן עלטער דערלערנט צו קענען שרייבן פערזן (ער האָט זיכער געקענט אין זיין קינדהייט און פריער יוגנט). אָבער די השפעה פון ש. פרוגן אויף דער יוגנט פון זיין צייט ביים וועקן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן געדאַנק, איז געווען נישט קלענער ווי ראָזענפעלדס און דאָס דאַרף אונטער־געשטראָכן ווערן ביי זיין יאָרצייט.

**
*

שמעון שמואל פרוג איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1860, אין דער יידישער קאָלאָניע באָראָווי־קוט (כערסאָנער גובערניע), ביי זיין טאַטן, משה צבי, אַן אָרעמער קאָלאָניסט. עטלעכע יאָר לערנט ער אין חדר; דער רבי האָט מיט אים געלערנט תנ״ך, און די נביאים האָבן אים איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף זיין גאַנצן לעבן.

אין יאָר 1869 איז ער אָנגעקומען לערנען אין דער דאָרפישער שול און דאָרט האָט ער אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר זיך געלערנט לייענען און שרייבן רוסיש.

אַ זעכצן יאָריק בחור'ל איז פרוג אַוועק קיין כערסאָן זיך זוכן אַ פרנסה און דער קאַזיאָנער רב פון כערסאָן האָט אים צוגענומען פאַר אַן אַרויסהעלפער אין זיין מעטריקע־קאַנצעלאַריע. זייענדיק אין כערסאָן האָט ער זיך באַקענט מיט אַ קאָרעספאָנדענט פון די אָדעסער רוסישע צייטונגען און יענער האָט אים צוגעגעבן מוט און באַגייסטערונג צו שרייבן לידער און שיקן קיין אָדעס. דאָס ערשטע ליד זיינס איז געדרוקט געוואָרן אין אָדעסער „ראַסוויעט״. פון דעמאָלט אָן איז זיין נאָמען געוואַקסן. מען נעמט אים אַראָפּ קיין פעטערבורג און די גאַנצע אינטעליגענץ און שרייבער כאַפּן זיך מיט אים אַרום. ער אַרבעט אַ שטיק צייט אין רוסישע צייטונגען און פירט אַ פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. זיינע לידער ווערן זייער פּאָפּולער. אין אַ וואונדערלעכער פאָרעם האָבן, דאָס ערשטע מאָל אין רוסיש, זיך באַוויזן לידער, וועלכע באַזונגען דאָס יידישע פאָלק און זיין פאַרגאַנגענהייט און דריקן אויס דעם שאַרפן ווייטאָג אויף זיין פינצטערער דאָליע. ער איז געוואָרן דער באַליבטער דיכטער פון דער שטודירנדיקער יוגנט.

שפּעטער אָבער גייט פרוג איבער צו שרייבן יידיש און מען האָט געקענט טרעפן זיינע לידער אין די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון יענער צייט.

אויך אין זיינע יידישע לידער טרעפט איר נישט די פאַרביטערונג קעגן דעם אַלטן יידישן שטייגער לעבן ווי מ׳האָט עס געקענט טרעפן אין די ווערק פון די משכילים פון זיין צייט.

ס׳איז גיכער אַ מיטפילן די נויט און אָרעמקייט, אָננעמען פאַר אַ מוסטער די העראָאישע עפּאָכע אונדזערע.

פרץ סמאָלענסקין

(80 יאָר נאָך זיין טויט)

גראָד איז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר אָפּגעצייכנט געוואָרן ווי אַ דאַטע, אין וועלכער עס איז געוואָרן פיר הונדערט יאָר זינט עס איז געשאַפן געוואָרן דער „שולחן ערוך".

ווען מ'לייענט ר' שמשון רפאל הירשס „19 בריוו וועגן יידנטום", זיין „חורב", זיין „שבת", באַקומט זיך אַ וואונדערלעכע סימפּאַניע וועגן די אַלע דינים, מנהגים וועלכע דאָס רעליגיעזע יידנטום האָט פון דור צו דור מיט־געטראָגן אין זיין גלות. די אַלע דינים און מנהגים ווערן מייל־שטיינער אויף דעם שווערן וועג.

ווען איר לייענט אָבער פּרץ סמאָלענסקינס „השחר", באַקומט זיך, אַז זיין גאַנצן פייער, זיין אויסערגעוויינלעכן טעמפּעראַמענט, האָט סמאָלענסקין אָפּגעגעבן דעם קאַמף קעגן „שולחן ערוך". ער האָט מקריב געווען זיין לעבן, זיין גאַנץ קינסטלערישקייט אַט דעם קאַמף. זיינע ראָמאַנען און דער־ציילונגען זיינען מער פלאַמפייערדיקע פּאַמפלעטן ווי קינסטלערישע ווערק.

מיר קאָנען זיך היינט נישט פאָרשטעלן די ווירקונג וואָס זיינע ביכער, און דער עיקר זיין זשורנאַל „השחר" („דער באַגינען"), האָבן געשפּילט ביים אויסשמידן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק.

סמאָלענסקין האָט, אין קעגנזאַץ צו דער בערלינער השכלה, געפּרע־דיקט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ נאַציע און נישט קיין רעליגיעזע סעקטע און דעריבער, הייסט עס, קאָן מען בלייבן געטריי דער נאַציע נישט היטנ־דיק די רעליגיעזע געזעצן.

און פון דעם שטאַמט זיין קאַמף קעגן משה מענדעלסאָן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק. געגומען האָט זיך עס דערפון, וואָס די יידן אין דייטשלאַנד האָט זיך אין מענדעלסאָנס צייטן נישט אַזוי שלעכט געלעבט און ס'איז געווען ביי דער בערלינער השכלה די טענדענץ צו אַסימילאַציע.

אָבער מיט וואָס פאַר אַ שאַרפן בליק סמאָלענסקין האָט פאָראויסגעזען, אַז די רעכט, וואָס יידן האָבן אין דייטשלאַנד וועט מען ביי זיי צונעמען. דאָס האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק.

צוועלף יאָרגענג „השחר" האָט סמאָלענסקין רעדאַגירט און דעם גרעסטן טייל זיינען זיי געווידמעט דעם קאַמף קעגן רבנות, קעגן דער קבלה פון איין זייט און קעגן דער בילי̇קער אַסימילאַציע פון דער צווייטער זייט.

אין זיין קאַמף קעגען דער קבלה איז ער געווען פאַנאַטיש און עקסטרעם.

לויט אים קומט אויס, אַז די קבלה איז אַזוי קעגן דער יידישער אמונה, ווי עבודה זרה.

אינעם אַכטן יאָרגאַנג „השחר" חזרט ער איבער צום הונדערטסטן מאָל דעם געדאַנק, אַז ס'איז גוט וואָס ביי יידן זיינען נישטאָ קיין באַזונדערע אַפּיטרופּסים איבער דער רעליגיע. אַלע האָבן צו איר אַ צוגאַנג, אין קעגנזאַץ צום דער קבלה, וואָס איז בלויז סוד און נאָר די קאַבאַליסטן ווייסן דאָס. ער דריקט זיך אויס וועגן אר"י הקדוש און זיין תלמיד ר' חיים וויטאַל, מיט אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס די גרעסטע פריידענקער האָבן קיינמאָל נישט געוואַגט.

פּרץ סמאָלענסקין איז געבוירן געוואָרן דעם 8טן מערץ, 1840, אין אַ קליין שטעטל מאָנאַסטירשטשינע (מאָהילעווער גובערניע). זיין פאָטער, משה סמאָלענסקין, איז געווען אַן אָפּגעקומענער נגיד, וואָס האָט געשפּייזט זיין פאַמיליע האַלטנדיק אַ שענק אין אַ דאָרף. נאָך אַ שריפה, אין וועלכער זייער הויז איז פאַרברענט געוואָרן, האָט דער טאַטע איבערגעלאָזט דאָס ווייב מיט זעקס קינדער און זיך אַרויסגעלאָזט וואַנדערן איבער דער מדינה. די קינדער האָבן געליטן נויט.

צו יענער צייט האָבן די „כאַפּער" אַרויסגערופן פון זייער שטוב אַ קליין קינד און עס אַפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער (קאַנטאָניסט).

שפּעטער איז דער טאַטע געקומען מיט אַ ביסל געלט. ער הויבט אָן צו האַנדלען און עס גייט אים נישט שלעכט. ער ברענגט אַראָפּ אַ מלמד צו זיינע צוויי עלטערע זין לייבן און פּרצן, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן נאָך פון קינדוויי אָן.

שפּעטער שטאַרבט דער טאַטע און אויך דער מלמד קומט אום אין דער כאָלערע. פּרץ גייט אַוועק צופוס קיין שקלאָוו, וואו ער לערנט אין ישיבה און באַקענט זיך גלייכצייטיק מיט די השכלה ביכער. ער פאָרט אַריבער, נאָך לאַנגן וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך, קיין אָדעס, וואו ער איז געווען אַ מלמד ביי אַ רייכן יידן.

אין אָדעס איז דעמאָלט דערשינען אַלעקסאַנדער צעדערבוימס „המליץ", און סמאָלענסקין הויבט אָן דרוקן אַרטיקלען און דערציילונגען. אָבער אים איז געווען צו ענג אין די ראַמען פון „המליץ", ער האָט געשטרעבט אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל, וואו יעדער מענטש זאָל קאָנען אַרויסזאָגן פריי זיין מיינונג. ער פאָרט קיין ווין, ליידט גרויס נויט, ביז ער געפינט ענדלעך אַ רייכן יידן, אַ מעצענאַט, וועלכער האָט אים געשטיצט און געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן דעם ערשטן העפט פון „השחר".

שוין אינעם ערשטן העפט זאָגט אָן סמאָלענסקין אַ קאַמף קעגן די „פאַרפירער", מיט די וועלכע ווילן פאַרפינצטערן דאָס פאָלק, כדי „זיי זאָלן

אַליין קאָנען לעבן אַ גוטן טאָג״, און גלייכצייטיק מיט די וואָס אַליין האָבן זיי זיך אַנטוויקלט, אָבער זיי דערוויטערן זיך פון יידישן פאָלק.

אַ געטרייען מיטהעלפער האָט ער געהאַט די גאַנצע צייט אין דעם גע־לערנטן ד״ר ש. רובין, וועלכער האָט געשריבן אויף וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע טעמעס, און אויף זיין אופן געדינט דעם זעלבן ציל. צווישן זיי איז געווען אַ מין אָפּמאַך, וואָס מ׳טרעפט עס נישט היינטיקע צייטן און דאָס, אַז אויב זיי וועלן אַפילו צווישן זיך ווערן ברוגז, זאָל ד״ר רובין ווײַ־טער שרייבן פאַרן „השחר״.

קיין פאַרדינסטן האָט דער זשורנאַל נישט געמאַכט. ער האָט געהאַט בסך הכל אַ פּאָר הונדערט אַבאָנענטן. ער האָט זיינע אַלע יאָרן זיך געמאַ־טערט מיט דער אויסגאַבע. אינעם דריטן העפט זאָגט סמאָלענסקין צו די לייענער:

איך האָב נאָך פון „השחר״ קיין מאַטעריעלן נוצן נישט געהאַט און איך זע דאָס נישט פאַר אויף שפּעטער. אויף די בלויזע אויסגאַבן פון דרוק און פּאַפּיר דאַרף מען האָבן 600 אַבאָנענטן, און דאָס איז אוממעג־לעך.

סמאָלענסקין איז שפּעטער שווער קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז, פון וואָס ער איז, אין 1880, געשטאָרבן.

פּרץ סמאָלענסקין איז מיט אַלע זיינע טעותים, איבערטרייבונגען און עקסטרעמיטעטן געווען אַ גרויסער אידעאַליסט, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר דעם, וואָס ער האָט געגלויבט. אין כאַראַקטער — דער איידלסטער און בעסטער מענטש, וואָס האָט אַליין נישט געקאָנט לעבן רואיק, ווען ער האָט געוואוסט, אַז עמעצער פון זיינע באַקאַנטע ליידט נויט — איז ער געווען שאַרף און אָן דעם מינדסטן קאָמפּראָמיס.

זייענדיק אַ משכיל און געכאָוועט אויף דער בערלינער השכלה, האָט ער זי שפּעטער שאַרף באַקעמפט צוליב אירע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. די פאַרשטאַרקונג פון אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט, האָט אין אים אַלץ מער פאַרשטאַרקט דעם נאַציאָנאַליזם און ער האָט גענומען מעסטן דעם יידן דווקא לויט די אַלטע מוסר־ספרים, אויף וועלכע דער ייד איז געכאָוועט געוואָרן ביז דער השכלה. .

אינעם סוף פונעם ערשטן טייל פון זיין ראָמאַן „התועה בדרכי החיים״ („דער בלאָנדזשענדיקער אויף די וועגן פון לעבן״) שרייבט סמאָלענסקין:

„איך וועל זיך נישט איינהאַלטן און שווייגן, נאָר איך וועל רעדן און שרייען הויך און עס זאָלן הערן אַלע וועלכע האָבן אויערן. איך וויל נישט באַרעדן מיין פאָלק, וועלכע איך האָב ליב. איך וויל עס נאָר פאַרהיטן פון יעדן נידעריקן און פאַרדאָרבענעם מענטשן און אויסרייסן מיטן וואָרצל די ווערעם פון דער מענטשהייט״.

דעריבער טאַקע שרייבט דוד פֿרישמאַן, אין זיינע „מכתבים על דבר הספרות" („אַ בריוו איבער דער ליטעראַטור"), אַז „ווען פֿאַר מענדעלען איז געווען אַ פּאָר שטריכן, כדי מען זאָל אָנהייבן עפּעס צו דערזען, דערזען אַ בילד, נעמט סמאָלענסקין אַ סך צו רעדן".

ס'איז קיין ספק נישט, אַז ווען סמאָלענסקין וואָלט נישט אויסן געווען זיין „ציל" דער עיקר פֿון וועקן דעם לייענער אויסצובעסערן דאָס לעבן, וואָלט ער געוויס דערגרייכט אויך אַ סך קינסטלערישקייט.

סמאָלענסקין איז אין דער נאַטור געווען אַ קינסטלער, געהאַט אַפֿילו אַ גרויסן חוש פֿאַר מוזיק און מאָלעריי, אָבער ער געהערט צו יענע קינסטלער, וועלכע זיינען גרייט געווען מקריב צו זיין אויפֿן מזבח פֿון דער אידייע אַפֿילו זייער אייגענע קינסטלערישע באַגאַבונג.

אַברהם מאַפּו, שאַפֿער פֿון העברעאישן ראָמאַן

(צום הונדערטסטן יאָרצייט)

אַלטע ליבע זשאַווערט נישט" — זאָגט דאָס ווערטל, און אַ בוך, איבער וועלכן מ'האָט מיט איבער 40 יאָר צוריק פֿאַרגאָסן טרערן, לייענענדיק עס פֿאַרבאַהאַלטענערהייט אין זיידנס פּרומער שטוב וואו אַפֿילו נפֿתלי הירץ וויזלס ספֿרים געדרוקט מיט רש"י־כּתב זיינען געווען טריף; אַזאַ בוך פֿאַרגעסט מען נישט און מען פֿאַרגעסט נישט זיין מחבר.

„אהבת ציון" הייסט דאָס נישט גרויסע בוך, אַ היסטאָרישער ראָמאַן פֿון די צייטן פֿון ישעיהו און יחזקיהו, דאָס בוך פֿון אַברהם מאַפּו, דעם שרייבער פֿון דער השׂכּלה.

אין דער העברעאישער פּראָזע איז אָן ספק מאַפּו אַריין ווי דער קלאַסי־קער. קיין אָריגינעלן ראָמאַן האָט מען דאַך נישט פֿאַרמאָגט, מען האָט זיך אַלץ געשפּייזט מיט שירה, מיט פּאָעזיע, לירישע און סאַטירישע, אויף די „מורדי אור", די חסידים, די פֿאַנאַטיקער. אַ ביסל פּראָזע האָט מען געליִען פֿון דער פֿרעמד. קלמן שולמאַן האָט אַזש געדאַרפֿט איבערזעצן אייזשען סיוס „מסתרי פּאַריז" (די געהיימנישן פֿון פּאַריז); אד"ם הכּהן האָט גע־קיניגט אין ווילנע און מיכה־יוסף לעבענזאָן, זיין אויסערגעוויינלעך טאַלאַנ־טירטער זון, דער 18־יעריקער פּאָעט, וואָס איז אַזוי פֿרי געשטאָרבן, האָט איבערזעצט „הריסת טראָיאַ", לויט „אַנאַאידע" פֿון ווירגיליוס.

און דאָ האָט אַ גאָט־געבענטשטער יונגערמאַן, אַ מלמד אין קאָוונע, איבער 20 סך־הכּל, מיט אַ צעפֿלאַמטער פֿאַנטאַזיע, וואָס איז נאָך שטאַרקער צעפֿלאַקערט געוואָרן פֿון דער קבלה און חסידות, וועלכע ער האָט אַריינגע־

זויגן אין זיך ווי אַן עילוי, טראָץ דער מתנגדישער שטוב. האָט ער זיך יעדן טאָג שטיל אַרויסגעשאַרט פון זיין הויף און אַרויפגעקלעטערט אויף אַ באַרג, וואָס איבערן ניעמאַן, און דאָרט, פון אַ פאַרלאָזןביידל, אַראָפּגעקוקט אויף דער שיינער געגנט און געזען נישט די שיינע טאָלן אַרום קאָוונע, נאָר — דאָס לאַנד יהודה, זיינע טייכן און פעלדער, די פּויערשע הייזלעך...

20 יאָר האָט דער דאַזיקער יונגער מענטש — וואָס האָט זיך אויסגעלערנט דייטש פון משה מענדעלסאָנס קאָמענטאַר צו דער ביבל און לאַטיין פון אַן איבערזעצונג אויף לאַטיין פון ספר תהילים; און פראַנצויזיש מיט דער הילף פון לאַטיין — 20 יאָר האָט אַברהם מאַפּו געאַרבעט אויף זיין דאַזיקן ווערק, וואָס האָט אין דער ערשטער סטאַדיע געזאָלט גאָר זיין אַן אַלעגאָריע אויף דער היינטיקער צייט, אויף זיין דור מיט די, „וואָס שטרעבן צו זון און צו ליכט", די משכילים; און „די וואָס ווידערשפּרעניקן אין ליכט", די פאַנאַטיקער. אָבער דער חוש פון גרויסן קינסטלער אין אים האָט אים פאַרהיט פון ווערן אַ „קינד פון זיין צייט" און איינשפּאַנען זיין ראָמאַן אין השכלה־וואָגן. פּונקט אַזוי ווי דער גרויסער עסטעטישער חוש ביים געניאַלן י. ל. פּרץ, האָט פאַרהיט די חסידישע מעשיות זיינע פון סאַטירע און איראָניע, וואָס די סאַמע ערשטע דערציילונגען פון דער סעריע זיינען אויסן געווען.

זיין אויסערגעוויינלעך קענען און פאַרשטיין דעם תנ"ך, ווי קיינער פון די משכילים־שרייבער פון זיין דור, האָט זיכער בייגעטראָגן צו די וואונדערלעכע שילדערונגען און מאָלן דעם שטייגער פון דער תנ"כישער תקופה.

די פאַבולע פונעם ראָמאַן איז אַזוי פאַרוויקלט און אַזוי סענסאַציאָנעל, אַז ס'איז פּשוט צו באַוואונדערן די פאַנטאַזיע פונעם יונגן מחבר, איינגעוויקט אין תורה און אין חכמה און אין שטילן — שווין צו שטילן — אַרום זיינעם, וואו זיינע פליגל האָבן אים פאַרטראָגן.

אפשר די השפעה פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט שוין דעמאָלט געלייענט אין אָריגינאַל?

אָט איז אין קורצן דער אינהאַלט:

דער גענעראַל יורם פון ירושלים האָט געהאַט צוויי ווייבער: חגית און נעמה — נעמה איז געווען זייער שיין און איידל און יורם האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. חגית איז געווען אויף איר זייער אייפערזיכטיק. מיט דער צייט איז יורם אַוועק אין קריג מיט די פלישתים און פאַר זיין אַוועקגיין האָט ער געבעטן זיין פריינט ידידיה אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיין פאַרמעגן און די קינדער. ער האָט מיט אים פאַרשטאַרקט דעם בונד מיטן אָפּמאַך, אַז טאָמער וועט ביי איינעם פון זיי געבוירן ווערן אַ זון און ביים צווייטן אַ טאָכטער, זאָלן זיי זיך משדך זיין.

דערווייל איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה, אַז יורם איז אַריינגעפאַלן אין די געפאַנגענשאַפט צו די פּלישתים.

און דער שונא פון יורם'ען, מתן (מאַטאַן) דער ריכטער, וואָס האָט אַמאָל געליבט חגיתן און זי האָט אים נישט צוריקגעענטפערט, האָט דאָ געוואָלט אויסשפּילן זיינס און נקמה נעמען.

ער האָט אָנגערעדט עכנען, דעם פאַרוואַלטער פון יורמס גיטער, אונ־טערצוציינדן דאָס פאַרמעגן פון יורם. עכן האָט בלויז אַרויסגעראַטעוועט פון פייער דעם קליינינקען נבל, זיין אייגענער זון, אַ חודש אַלט. און ער האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס איז עזריקם, דער דריטער זון פון חגית.

דאָס הויז פון נעמהן האָט ער נישט גערירט, כדי מען זאָל קענען אויס־טראַכטן אויף איר, אַז זי האָט אונטערגעצונדן דאָס פייער, כדי זיך נוקם צו זיין אין חגיתן. נעמה האָט זיך דערשראָקן פאַרן בילבול און זי איז גע־צוואונגען געוואָרן צו זוכן שוץ ביי איר קרוב אבישי, דעם אויפזעער אויף יורם'ס שאָף־סטאַדעס אין בית לחם. דאָרט האָט זי געוואונען אַ צווילינג אמנון און פנינה.

דערווייל איז נבל, דער זון פון עכן, וועלכן מען האָט אָנגענומען פאַר דעם זון פון חגית, עזריקם, געבראַכט געוואָרן אינעם הויז פון ידידיהן, און זיך געכאָוועט צוזאַמען מיט זיין זון תימן און זיין טאָכטער תמר, וועלכע האָט לויטן אָפּמאַך מיט יורם'ען געדאַרפט זיין עזריקם'ס באַשערטע. אָבער נבל, וועמען מען האָט געהאַלטן פאַר עזריקם'ען איז געווען גראָטן אין זיין טאַטן עכן מיאוס און פאַרדאָרבן.

דערווייל זיינען נעמהס קינדער אויפגעוואַקסן. אַמנון, נעמהס זון, וועלכער איז געוואָרן אַ פּאַסטוך, באַגעגנט זיך סוף־כל־סוף מיט תמרן, דורך אַ חלום, וואָס חננאל האָט געזען. אָבער די שלעכטע מענטשן טראַכטן אויס אויף אַמנונען, אַז ער איז געפאַנגען געוואָרן אין אַ ליבע מיט אַ יונגער מכשפה. עס קומען נאָך פאַר אַ גאַנצע ריי פאַרוויקלונגען און בילבולים ביז עס האַלט ביים משפּטן אַמנונען און ער אַנטלויפט קיין מצרים צוזאַמען מיט תמרן. און דער סוף איז, אַז דער שולד־געפיל מאַטערט די פאַרברעכער און זיי זיינען זיך מודה. די זינדיקע באַקומען זייער שטראָף און די גערעכטע געניסן פון גערעכטיקייט און ליבע.

אַוודאי זעט אונדז היינט אויס אַזאַ פאַבולע זייער נאַאיוו, אָבער אַרום דער פאַבולע ווערן געגעבן אַזעלכע פּרעכטיקע שילדערונגען פונעם שטייגער פון דער אַלטער צייט, אַז איר פאַרגעסט דאָס נאַאיווע פון דער ראָמאַנטיק. און די פאַבולע גופא אפילו ווערט געשילדערט מיט אַזאַ קראַפט, אַז איר זעט דעם אייביקן קאַמף פון גוטס און שלעכטס ווי אין די דראַמעס פון גרויסע מייסטער.

עס וועט אונדז צו ווייט פאַרפירן איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון צווייטן ראָמאַן זיינעם „אַשמת שומרון", אין וועלכן עס זיינען פאַראַן אַזויפיל טיפּן, אַז דער מחבר אַליין האָט זיך באַוואָרנט אין אָנהויב מיט אַ צעטל פון נעמען וועלכע ווירקן אינעם ראָמאַן...

„עיט צבוע" איז אַ געמיש פון ראָמאַנטיק און רעאַליזם, דאָ איז שוין מאַפּו דער קעמפער פאַר אידייען פון דער „השכלה בת השמים". אַלע משכילים זיינען גוט און פיין; צדוק ווידער איז אַ קנאי און פינצטער ווי אַ סוף חודשדיקע נאַכט. נקמה, געמיינע שטיק זיינען די אייגנשאַפטן פון די פרומע און נאָבעלקייט — די אייגנשאַפט פון די לייט פון דער השכלה.

אין זיין צייט האָט דער נאָמען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אָבער אַוודאי נישט מיט אים איז אַברהם מאַפּו אַריין אין דער העברעאישער ליטעראַטור ווי איינער פון אירע גרונטלייגער. עס איז צו אונדז נישט דערגאַנגען זיין ראָמאַן אין צען טיילן וועגן דער צייט פון כמעלניצקי און די תקופה פון שבתי צבי. דעם ראָמאַן האָט די רוסישע צענזור קאָנפיסקירט און בלויז אַ קליינער, גאָר קליינער טייל פון אים איז ביים מחבר געבליבן. אפשר איז אָט דאָס ווערק געווען דעם גרויסן קינסטלערס הויפּט־ווערק?

מאַפּו, איז ווי די משכילים פון זיין צייט, געווען זייער געבילדעט. ער האָט אויסער בעלעטריסטיק אויך געשריבן ווערק אין פּעדאַגאָגיק און אין שפּראַך־וויסנשאַפט, אין דעם פּרט איז ער געווען ענלעך אין אַ געוויסער מאָס צום גרעסטן העברעאישן פּאָעט פון דער השכלה עפּאָכע, יהודה לייב גאָרדאָן, וואָס איז גוועען איינער פון די גרעסטע געלערנטע צווישן העברע־אישע פּאָעטן פון אַלע צייטן.

***

אַברהם מאַפּו איז געבוירן געוואָרן אין 1804 אין סלאָבאָדקע, אַ פאָר־שטאָט פון קאָוונע, ביי זיין פאָטער, אַ גרויסן למדן און אַ גמרא־מלמד, אָבער אַ גרויסער קבצן, וואָס האָט קוים געהאַט אויף דער חיונה.

צו 12 יאָר איז ער באַרימט געוואָרן ווי אַן עילוי, און געווען בקי אין אַ סך מסכתות פון ש"ס. שפּעטער האָט ער נאָך יאָרן אַליין געלערנט, זיך אָפּגעגעבן מיט קבלה און שפּעטער מיט חסידות און געגאַנגען אַפילו אין חסידים־קלויזן, בלויז צוליב זיין מאַמען וואָס איז געווען אַ קעגנערין פון חסידים איז ער צוריק אַוועק לערנען. שפּראַכן האָט ער זיך אַליין געלערנט און מיט אויסערגעוויינלעכער התמדה זיך אָפּגעגעבן מיט קאָמענטאַרן פון תנ"ך אויף די אַלע שפּראַכן וועלכע ער האָט זיך מיט אַזאַ גרויסער מי דער־וואָרבן.

נאָך אַ פּאָר יאָר מנוחה, עסנדיק קעסט ביים שווער, האָט ער שפּעטער געמוזט ווערן אַ מל ־ד אין אַ דאָרף. ער האָט געלערנט קינדער אין אויסער־

געוויינלעך שווערע באַדינגונגען, אין אַ שטוב מיט אַן אויוון און אַ קוימען, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רויך, אַז ער האָט געמוזט לערנען מיט די קינדער אויפֿן דיל, נישט דערשטיקט צו ווערן. אָבער טאַקע אין דאָרף האָט ער געלערנט דאָס דאָרפֿישע לעבן, וואָס איז אים שפּעטער צונוץ געקומען ביים שרייבן זיין אהבת ציון.

ערשט אין 1848 איז אים געלונגען צו באַקומען אַ שטעלע אַלס אַ לע־רער אין אַ רעגירונגס־שול, וואו ער איז אָפּגעווען לערער ביזן סוף פֿון זיין לעבן.

***

אין זיין גאַנצן באַנעם איז אַברהם מאַפּו געווען אַ משכיל ווי אַלע משכילים פֿון זיין צייט, אָבער זיין גרויסער קינסטלערישער אינסטינקט האָט זיין האַריזאָנט אויסגעברייטערט ווי אַן אמתער גרויסער שרייבער האָט ער דאָך נישט געקענט לעבן בלויז מיט דער טרוקענער לאָגיק, די עמאָציע איז פּאַרט געווען אים נענטער, אַפֿילו חנגאלס חלום וואָס ווערט אַזוי פּאָעטיש געשילדערט און וואָס איז דער שליסל צום ראָמאַן „אהבת ציון” באַווייזט, אַז מאַפּו איז אין דער טיף פֿון זיין נשמה געווען באַענט צו דער מיסטעריע פֿון זיין, וואָס נאָר עכטע קינסטלער האָבן פֿון איר אַן אָנונג.

יהודה לייב גאָרדאָן

(75 יאָר נאָך זיין טויט)

פּאַראַן פּערזענלעכקייטן, וואָס עס וואָלט זיך וועגן זיי שטענדיק געשריבן, אַזוי קאָלירפֿול און אינטערעסאַנט זיינען זיי, און די „קיילעכיקע דאַטע” איז נאָר אַן אויסרייד פּאַר וואָס מען טיילט זיי אויס אין אַ וואָכיקן טאָג. אַזאַ דאַטע איז 75 יאָר זייט עס איז געשטאָרבן איינער פֿון די גרעסטע פּאָעטן, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט ווען עס איז פֿאַרמאָגט: יהודה־לייב גאָרדאָן.

ער איז נישט געווען קיין ליריקער, זיין פּאָעזיע איז ענלעך געווען צו די פּאָעזיע־מוסטערן פֿון סוף 18טן יאָרהונדערט אין וועלכן דער רעאַליזם האָט געהאַט די אויבערהאַנט. אין זיין שירה געוועלטיקט מער דער קלאָרער שכל איידער די עמאָציע, אָבער וואָס פֿאַר אַ גרויסער מייסטער! וואָס פֿאַר אַ ברייטער האַריזאָנט!

געבוירן אין 1830 אין ווילנע ביי זיין פֿאָטער ר׳ אשר, אַ פּאָעטישע

נאַטור, אַ מענטש וואָס האָט געקענט שפּראַכן און געשפּילט אויף אַ פּידל, אַ לירישער כאַראַקטער, שטיל און אײדל און אַ נוח לבריות. און די מאַמע, פרײדע, װעלכע האָט זיך פּאַרנומען מיט מסחר, געהאָדעוועט די קינדער און רעגירט מיט דער שטוב און מיטן מאַן, וואָס איז איר געווען שטענדיק געהאָרכזאַם. האָט ער געירשנט בײדענס אײגנשאַפטן: סײ דאָס פּאָעטישע פון פאָטער און סײ דעם חוש פאַרן רעאַלן און שטאַרקן כאַראַקטער פון דער מאַמען.

ר' ליפּע, זײן ערשטער מלמד, איז געווען אַ תלמיד פון ר' 'חיים וואָלאָזשינער, דעם גרויסן גאון, וואָס האָט געהאַט אַן אײגנאַרטיקע שיטה אין לערנען מיט קינדער. 4 יאָר האָט גאָרדאָן געלערנט בײ דעם מלמד, און אויסער גמרא האָט ער בײ אים געלערנט תנ"ך און דיקדוק. פריער גרינטלעך תנ"ך און ערשט דערנאָך תלמוד.

צו 11 יאָר האָט ער שוין געקענט גאַנץ תנ"ך און צו בר־מצווה האָט ער שוין געקענט אויף אויסנווייניק די מסכתות בבא קמא, בבא מציאה און בבא בתרא און געהאַלטן אַ דרוש וועגן זײ אין לערנען.

דער טאַטע האָט אים נאָך געגעבן צו אַנדערע מלמדים און שפּעטער האָט ער נאָך עטלעכע יאָר געלערנט פאַר זיך ביז ער איז געוואָרן אַ בקי בש"ס.

די משכילים וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין ווילנע, באַזונדערס דער פּאָעט אד"ם הכהן האָבן אויף אים געהאַט אַ גרויסע השפּעה. ער באַקענט זיך מיט דער ליטעראַטור פון זײן צײט. לערנט שפּראַכן און צו 22 יאָר האַלט ער אויס דעם עקזאַמען אין ראַבינער־סעמינאַר און ווערט באַשטימט אין דער העברעאישער שול אין פּאָנעוועזש (ליטע). די 7 יאָר וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פּאָנעוועזש, ווי אַלע זײנע יאָרן, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שטודירן סײ אונדזערע אַלטע אוצרות, תנ"ך און תלמוד, אונדזערע פילאָזאָפישע ספרים פון אַלע צײטן, און אַזוי די וועלט־ליטעראַטור, אויף פאַרשידענע שפּראַכן, וועלכע ער האָט מיט פלײס דערלערנט.

אָנגעהויבן מיט קלײנע לירישע לידער און מיט עפּישע געזאַנגען „דוד ומיכל", „אסנת בת פוטיפערע", די אידיליע „דוד וברזלי" — איז ער אַריבער צום פאַבעל, צום משל. אין זײן גרעסערן באַנד משלים „משלי יהודה", וועלכער אַנטהאַלט 100 משלים, זײנען 80 פון זײ אויף אַ וואונדערלעכן אופן באַאַרבעט פון עזאָפּ, לאַפאָנטעין, קרילאָוו און לעסינג. ער האָט יעדן פון זײ געלײענט אין אָריגינאַל. דער אַרײנפיר צו די משלים איז אַ זעלבסטשטענדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. עס קומט אין דעם צום אויסדרוק י. ל. גאָרדאָנס אויסגעווײנטלעך וויסן און ערודיציע אין תלמוד, מדרשים, אין דער מיטאַלטערלעכער ליטעראַטור אונדזערער ווי אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אַגב, דערציילט ש. גינזבורג אין זײן בוך „אַמאָליקע פּעטערבורג", אַז

גאָרדאָן האָט די דאָזיקע אַרבעט אויך געשריבן אין רוסיש, אָבער צוליב דעם, וואָס גאָרדאָנס אַרטיקל וועגן די משלים, האָט נישט געשטימט מיט דער קריסטלעכער טראַדיציע, האָט די רוסישע רעליגיעזע צענזור אים פאַרווערט. שאול גינזבורג דערמאָנט נישט וועגן דער דאָזיקער פּרעכטיקער אַרבעט, וואָס איז דערשינען אין העברעאיש ווי די הקדמה צו די „משלי יהודה".

די גרויסקייט פון יהודה־לייב גאָרדאָנס משלים באַשטייט דערין, וואָס גאָרדאָן האָט פאַריידישט אַפילו חיות: דער פוקס פאַסט תעניתים, חיות בלאָזן שופר, דער וואָלף זאָגט ווידוי פאַרן טויט און אַזוי ווייטער.

די וואָס געדענקען פּיוטים, וועלן פילן אַ באַזונדערן טעם און חן אין דער תפילה פון אַ פורמאַן:

„אדוני האדונים, רוכב בערבות
זכור לי ברית ראשונים
זכור לי זכות אבות!
כמו שענית לירמיהו ענני
שלח לי את אליהו ויעלני
מטיט היון מאבר החמר!"

דאָס בעט אַ פורמאַן אין אַ משל, מ׳זאָל אים אַרויסשלעפּן פון בלאָטע.

די שפּעטערדיקע עטאַפּן, שאָול און טעלז, וואו ער האָט פאַרבראַכט ווי אַ לערער און אַן אָנפירער פון שולן (פּרינציפּאַל), האָבן נאָך פאַרגרע־סערט זיין וויסן און פאַרטיפט זיין שאַפן, אָבער נאָך פאַרגרעסערט זיין עלנט, און אָט די קליינע שטעטלעך, וואו עס איז אים נאָך אויסגעקומען צו פילן אויף זיך די נגישות פון פאַנאַטיקער.

ער שרייבט אַז זיין שטאַרקסטע פּאָעמע „בין שיני אריות". אַ היסטאָ־רישע פּאָעמע פון דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים, וואו עס קומט צום אויסדרוק זיין פאַרביטערונג קעגן רוים, אַזוי אויך קעגן דער טעאָריע, אַז דער גייסט איז דער עיקר און מ׳האָט יידן נישט גענוג געלערנט מלחמה צו האַלטן.

„שחתך ישראל, כי לא למדוך
לאסור מלחמה בתבונה ודעת".

(מ׳האָט דיך פאַרדאָרבן ישראל, נישט לערנענדיק דיך מלחמה צו האַלטן ווי מען דאַרף).

פון די אַנדערע פּאָעמעס זיינען ווי „אשקא דריספּק" (דער אָקס פון אַ

וואָגן), „שני יוסף בן שמעון", „שומרת יבם" איז באַזונדערס באַרימט געוואָרן זייך „קוצו של יוד", וואָס איז אַ שאַרפע סאַטירע אויף די האַרבקייטן פון הלכהשן ריטואַל. איבער אַ פּינטעלע אין יוד פון אַ גט, וואָס איז נישט גע־שריבן געוואָרן „מלא" נאָר „חסר" (אָן אַ פּינטעלע) ווערט אַ פרוי אָן עגונה אויפן גאַנצן לעבן.

דאָס פּראָבלעם פון דער אומגליקלעכער עגונה האָט אָנגערעגט אַ גאַנצע ריי שרייבער פון ש. י. עגנון ביז חיים גראַדע. אָבער גאָרדאָן האָט אַ שפּאָר ביסל איבערגעטריבן צושרייבנדיק די רבנים אַלדאָס בייז. דער רב, וועלכן גאָרדאָן האָט געמיינט, איז גראָד געווען אַ גרויסער גאון, דער רב פון שאַוול איז געווען די איידלקייט אַליין. בכלל האָט די השכלה, וואָס האָט זיכער גע־האָט גרויסע פאַרדינסטן, נישט דערשאַצט די הויכע ווערטן פון דער אַלטער וועלט און אירע אמת גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס יעדער פון זיי איז גע־ווען אַ וועלט פאַר זיך, סיי אין גאונות סיי אין גרויסע מענטשלעכקייט.

דער הויפּט־ווערט פון אַט דער פּאָעמע איז אין די שילדערונגען פון שטייגער און אין דער מייסטערשאַפט אין דער שפּראַך און אין אויפהויבן וויכטיקע פּראָבלעמען.

גאָרדאָן האָט אַוודאי געקענט אויסלעבן זיינע יאָרן אין נחת און אין כבוד און נישט ווערן פאַרפאָלגט, ווען ער וואָלט נישט געווען דער רעבעל אין זיינע פּאָעמען. אין אַלע זיינע פּאָעמען זעט מען, ווי טיף ער האָט גע־וויינט פאַר זיין פאָלק, ווי שטאַרק דער גורל פון יידן איז אים אָנגעגאַנגען. קיין פראַגע נישט, אַז ער האָט איבערגעטריבן שרייבנדיק, אַז:

„ובשמך, אל רחום בעלי הדרשות
בקוץ יוד מנד יהרגו כמה נפשות".

(אין דיין נאָמען, גאָט פון רחמים, האָבן די דרשנים, מיט אַ פּינטעלע פון אַ יוד, געהרגעט וויפל מענטשן).

איך ווייס נישט, צי דאָס יידישע פאָלק וואָלט אין זיין שווערן צוויי טויזנט־יאָריקן גלות נאָך עקזיסטירט, ווען נישט די עקשנות פון אַזעלכע גאונים ווי דער שאַוולער רב, ר' יוסף־זכריה שטערן. אָבער גאָרדנען איז געגאַנגען אין קאַמף פאַר געוויסנס־פרייהייט בכלל.

אַ שטאַרקע און אומפאַרגלייכלעך אויסדרוקספולע פּאָעמע פאַר זיין צייט, איז דער מאָנאָלאָג זיינער „צדקיהו בבית הפקודות", וועגן צדקיהו ווען מען דער קעניג פון בבל, נבוכדנצר, האָט געשמידט אין קייטן אויף זיין גאַנצן לעבן. אין דעם מאָנאָלאָג קומט צום אויסדרוק דעם קעניגס פאַרביטערונג קעגן נביא.

עס דערמאָנט אין בייראָנס מרידה־פּאָעמעס מיט דער קראַפט פון עקס־פּרעסיע און פייערדיקן אָטעם.

שפּעטער איז גאָרדאָן איינגעלאַדן געוואָרן קיין פּעטערבורג צו זיין דער סעקרעטאַר פון דער דאָרטיקער יידישער קהילה און גלייכצייטיק ביי דער בילדונגס־געזעלשאַפט „מפיצי השכלה" וועגן דער תקופה, און וועגן זיין פאַרצוויייגטער געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט דאָרט, האָבן מיר אַ סך ידיעות אין ש. גינזבורגס „אַמאָליקע פּעטערבורג". מיר דערוויסן זיך, אַז י. ל. גאָרדאָן האָט צווישן אַנדערן געשריבן אין דייטש און אין רוסיש אַ גאַנצע רייע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויף פילאָזאָפישע, היסטאָרישע און פּעדאַגאָגישע טעמעס.

גאָרדאָן האָט אויך געשריבן יידיש און זיין ביכל „שיחת חולין" (לידער אין דער פאָלקס־שפּראַכע, די פערטע פאַרבעסערטע אויסגאַבע, ווילנע, 1899) ליגט ערשט פאַר מיר, ווען איך שרייב דעם אַרטיקל. די דאָזיקע לידער קומען נישט צו זיינע העברעאישע לידער, אָבער פאַראַן אין זיי אַ סך פאָלקס־חן. אָט זיינען בלויז 2 סטראָפן פונעם ליד „פאַר וועמען שרייב איך?":

„מיינע שוועסטער און מיינע ברידער,
וועלכע האָרעוון די גאַנצע וואָך,
און ברעכן נעבעך, די קראַנקע גלידער
און שלעפּן ווי אָקסן דעם שווערן יאָך.

די קאַראַבעלינקעס וואָס טראָגן דעם שווערן פּאַק אויפן קרומען קאַרק;
און דער פורמאַן אויף זיין וואָגן, און דער מעקלער אויף זיין מאַרק".

אין אַ ווענדונג צו אַן אינטעליגענט פּאָרל ביים סוף פון ביכל, וואָס האַלט 104 זייטן, שרייבט ער:

„פרעמדע שפּראַכן קענט איר ביידע,
דאָס איז היינט ביי אונדז קיין חידוש;
קענט איר אָבער, זייט זיך מודה,
נאָך אַ ביסל לייענען יידיש?

„זייט איר דערצו נישט מסוגל,
לאָזט אַ זאָגערקע אייך ברענגען,
זיי זאָלן שבת פרי ביים קוגל,
מיינע זמירות אייך פאַרזינגען".

פון יהודה־לייב גאָרדאָן האָבן מיר אַ רייכע ירושה. אויסער 6 בענדער לידער זיינען אויך דערשינען 3 בענדער פּראָזע, צווישן זיי אַ באַנד שאַרפֿ־זיניקע פעליעטאָנען, אויסער דעם צוויי גרויסע בענדער בריוו.

עס איז מיר נישט באַקאַנט, צי עס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן ערגעץ די פיל וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין העברעאיש, דייטש און רוסיש פון י. ל. גאָרדאָן. באַזונדערס זיין פּאָלעמיק מיטן משומד י. בראַפמאַן, וואָס איז באַרימט מיט זיינע אָנפאַלן אויפן יידנטום. אויב דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן, וואָלט מען דאָס באַדאַרפט טאָן צום 75סטן יאָרצייט פון גרויסן פּאָעט און וויסנשאַפטסמאַן.

נחום סאָקאָלאָוו

צום דרייסיקסטן יאָרצייט

די ליבשאַפט צו נחום סאָקאָלאָוו קען קיינער ביי מיר נישט צונעמען, פונקט ווי קיינער אין דער וועלט איז נישט בכוח ביי מיר צוצו־נעמען די ליבשאַפט צום ערשטן יידישן קינדער־ביכל „אונדזער נייע שול", וואָס דער טאַטע, דער משכיל, האָט בגנבה פאַרן זיידן מיר געברענגט אַ ניין־יאָריק חסידיש יינגעלע, מיט לאַנגע פּאהלעך צו לייענען, און שלום אַש און אַברהם רייזען און מאָריס ראָזענפעלד און יהואש און מענדעלע און שלום עליכם און י. ל. פּרץ האָבן שוין געשוועבט איבער די בלעטער גמרא און הייליקע ספרים, וועלכע כ'האָב אַזויפיל יאָרן שפּעטער אַריינגעזונגען אין זיך. אַ מאָדנע זאַך: אין דער עקסטרעם פרומער שטוב פון זיידן, וואו איך בין נאָכן טאַטנס פריצייטיקן טויט געכאָוועט געוואָרן, האָב איך אַזוי אָפט געהערט נחום סאָקאָלאָווס נאָמען דערמאָנען מיט אַזויפיל באַוואונדע־רונג. אפשר ווייל דער זיידע האָט געהאַט משפחה צו וועלכער דער גאוני־שער קאָפּ איז געוואָרן אַן איידעם (די סעגאַל משפחה). דער זיידע האָט נאָך אַלץ גערעדט וועגן „מאַקאָווער עילוי", כאָטש נחום סאָקאָלאָוו איז שוין פון אַן עילוי לאַנג געוואָרן אַ גאון; דער גרעסטער שפּראַכן־קענער און גרעסטער מלומד צווישן שרייבער.

כ'האָב אים אָנגעהויבן צו לייענען ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל, פון דעם בינטל העברעאישע ביכער וואָס דער טאַטע האָט איבערגעלאָזט, צווישן זיי: דער „מצוקי ארץ", וועגן געאָגראַפיע און דעם „ספר היובל של הצפירה", דעם יובל־בוך פון דער „הצפירה", מיט זיין פּרעכטיקן קאַפּיטל זכרונות „הצפירה והמבקרים מטעם" (די הצפירה און אירע צענזאָרס), וועלכן איך לייען נאָך היינט אין בוך־פאָרמאַט מיט גרויס הנאה און באַ־

וואונדערונג (נחום סוקולוב: „במראות הקשתי”). איר האָט דאָ אַ פֿיינעם הומאָר, אַ שאַרף קינסטלעריש אויג און אויסטערלישע שפּראַך־איינפאַלן. זיין פּאָרטרעט וועגן פּיאַדאָראָוון, דעם צענזאָר איז אומפאַרגלייכלעך! אַ פּאָרטרעט פֿון אַ געוועזענעם משכילישן יונגעמאַן, וואָס איז אַמאָל געווען דער חבר פֿון גאָטלאָבערן, מיכל גאָרדאָן, איבערגעזעצט פֿון דייטש מענדעלסאָנס „ירושלים”, וועלכן פּרץ סמאָלענסקי האָט געהאַט אַרויסגעגעבן, שפּעטער זיך געשמדט און דאָך געהאַט בענקענישן צום יידנטום, געהאָלפֿן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט אַלע רביים און צדיקים, ווען ער איז געווען דער „אוטשאָני יעוורעי”, דער ממונה אויף יידישע ענינים אין קיעוו אין דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דער דאָזיקער משומד־צענזאָר האָט זיך פּאַרטרויט פֿאַר סאָקאָלאָוון, דאָס וואָס איז מסתמא כאַראַקטעריסטיש געווען פֿאַר אַ טייל משומדים פֿון בעסערן טיפּ, ווי פּראָפֿעסאָר כוואָלסאָן און אַנדערע, אַז 10 יאָר האָט אים גענומען ער זאָל קענען באַזיגן אין זיך דעם עקל צו טרפֿות און 15 יאָר ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט גוט אַרויסצורעדן די „ריש”. „דאַכט זיך איצט, אַז איך בין שוין אַ גוי גמור, פֿונדעסטוועגן קום איך נאָך נישט אין דער הינזיכט אַפֿילו צו די קנעכל פֿון „סאַכאַרמאַראַזשניק” (דעם גוי וואָס פֿאַרקויפֿט אייז־קרים אויפֿן גאַס...). אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע ווי דער דאָזיקער צענזאָר האָט איינמאָל פֿאַרהערט סאָקאָלאָוון ווי ער וועט איבערזעצן אויף העברעאיש: (און דעמאָלט האָט מען נאָך באַדאַרפֿט ערשט שאַפֿן ווערטער אין העברעאיש פֿאַר אַ צייטונג, דאָס וואָס סאָקאָלאָוו האָט עס אַזוי געניאַל געטאָן); קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג, קאַבינעט־פֿראַגע, אָפּשטימונג, אולטימאַטום, נייטראַליטעט פּרעלימינאַרן, אָפּענסיווע, דעפֿענסיווע, אַריסטאָקראַטישע רעגירונג, דעמאָקראַטישע רעגירונג, סטאַטוס־קוואָ, סטאַטוס־קוואָ אַנטע.

און סאָקאָלאָוו האָט אים גלייך אויפֿן אָרט געענטפֿערט: ממשלה מוגבלת, שאלת קיום המיניסטריום, עמידה למנין, התראת מלחמה, מצב הבינים, ראשי פּרקים, מלחהת תנופֿה, מלחמת מין, ממשלת האפֿרתים, ממשלת עם הארץ, מצב ההיה כמו שהוא מצב שהיה קודם, א. אַ. וו. דער אַלטער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געגעבן סאָקאָלאָוון אַ קוש אין קאָפּ...

אַז איר לייענט היינט אַ העברעאישע צייטונג פֿון ישראל קענט איר טרעפֿן, מעגלעך, מאָדערנערע טערמינען, אָבער פֿאַרגעסט נישט אַז דער ערשטער וואָס האָט לייטיש איבערזעצט פּאָליטישע אויסדרוקן פֿאַר אַ צייטונג, איז געווען סאָקאָלאָוו, ווייל זיין זכרון איז געווען אַזוי געניאַל, אַז אַלץ וואָס ער האָט נאָר ווען געלערנט און געלייענט האָט ער קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. דערצו איז זיין מוח געווען אַזוי שאַרף און אַזוי דערפינדעריש, אַז ער האָט דערפֿונדן נייע ווערטער, ווערטער וואָס זיינען נישט סתם אויס־

געטראַכט, נאָר האָבן ערגעץ אַן אָנהאַלט אין תנ״ך, אין תלמוד, אין ספרי ספרא, מכילתא און אין גאַנצן אוצר הספרים וואָס ער האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך.

אין זיין וויסנשאַפטלעכער, פול מיט גאוינישער חריפות און בקיאות אָפּהאַנדלונג „מגיפת מליצה הנכריה״, שטעלט ער זיך קעגן זיינע קריטיקער, וואָס האָבן זיך געטשעפּעט צו אים פאַר אויסנוצן זיין שוין צו־פיל וויסן אין די אַלטע ספרים ביים בויען אויף זיי נייע אויסדרוקן; ער שטעלט זיך קעגן די כלומרשטע נייעסן אין דער שפּראַך, וואָס האָבן נישט קיין יסוד אין דעם גרויסן אוצר פון דער פאַרגאַנגענהייט.

און זיין גרויסקייט באַשטייט טאַקע אינעם כסדרדיקן באַנייען די העברעאישע שפּראַך געבויט אויפן אַלטן. אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך אַליין באַנייט. די שפּראַך פון „מצוקי ארץ״ און זיין עברית פון די „אישים״ זיינען גאָר אַנדערש. זיינע „פּאָרטרעטן״ זיינען געשריבן אין אַ מאָדערנסטן העב־רעאיש און מאָדערנסטן סטיל, אָבער אויך דאָרט אַנטלויפט ער נישט פונעם אַלטן אוצר און זייער אָפט געפינען מיר אַ פּסוק, אַ זאָג פון חז״ל, פון אַלטע ספרים.

דער רעדאַקטאָר פונעם „האסיף״ איז גאָר אַן אַנדערער ווי פון „העולם״. דער מחבר פונעם בוך אין יידיש פאַר דערלערנען די ענגלישע שפּראַך, וואָס איז געשריבן אין האַלב דייטש, איז נישט דער פון די שפּעטערדיקע פּרעכטיקע פעליעטאָנען און עסייען אין „היינט״, געשריבענע אין פיינסטן יידיש.

ווען איר לייענט זיינע פראַגמענטן פון דעם לעקסיקאַנישן ווערטערבוך פון דער העברעאישער שפּראַך (דוגמאות המילון הלקסקוני של הלשון העברית) באַוואונדערנדיק דאָס געניאַלע וויסן זיינס, זיין שאַרפן אַנאַליז און אויסערגעוויינלעכן ליגגוויסטישן חוש, קענט איר נישט באַנעמען אַז אין איין צייט האָט סאָקאָלאָוו געשריבן טאַלאַנטפולע דערציילונגען, אָפּשאַצונ־גען איבער בעלעטריסטן פון אַ צענדליק לענדער, שאַרפזיניקע, פול מיט הומאָר פעליעטאָנען, לידער און אַ גרויס בוך פון קנאַפּע 500 זייטן איבער שפּינאָזאַן.

היינט, ווען אַלץ איז ספּעציאַליזירט, קוקט מען אַוודאי מיט חידוש און באַוואונדערונג ווי דער מחבר פון די דערציילונגען „דער משוגענער יאָסל״ אָדער „דער נאַפּאָלעאָן פון געטאָ״ האָט גלייכצייטיק געקענט אָנשרייבן אַ גאַנצע עסיי איבער איראָניע און נישט עפּעס אַזוי זיך, אויבערפלעכלעך, נאָר גאַנצע 30 זייטן און מיט זיין שפּראַך דערפינדערישקייט, וואָס האָט טויזנט טעמים. למשל, ביי דער דעפיניציע פון הומאָר באַנוצט ער אַזאַ אויסדרוק ווי „חמתה צריכה להיות יותר מצילתה״ (דאָס זוניקע דאַרף זיין מער ווי דאָס שאָטנדיקע), וואָס דאָס איז אַ תלמודישער טערמין וועגן אַ

סוכה, אָדער אַזוי ווי ער פֿאַרטייטשט אין העברעאיש „לידער אָנע וואָרטע" (לידער אָן ווערטער) מיט אַ פּסוק פֿון תּהילים „אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם"... דאָס איז אפשר אַ ביסל צו לאַנג, אָבער ווי אינטערעסאַנט און ווי פֿינקטלעך עס דריקט אויס דעם מיין!

אָט אַזעלכע איינפֿאַלן טרעפֿט איר ביי אים אויף שריט און טריט און צוזאַמען מיט די בקיאות און חריפֿות וואָס האָבן נישט זייער גלייכן, זעט איר פֿאַר זיך דעם גרויסן יידישן גאון דורך דורות. אָט אַזעלכע קעפּ האָבן מסתמא געהאַט די גאונים וואָס זיינען געווען אַזוי קליין ביי זיך, אַז זיי האָבן אונטער זייערע בריוו זיך אונטערגעשריבן „איך, דער אָרעמאַן דער וואָרעם, וואָס איז קיין מענטש נישט" — „אני הדל, תולעת ולא איש". אָט די עקיבא אייגערס, די יוסף שאול נאַטאַנסאָנס, די „נודע ביהודהס" און די „חתם סופרס", ר' יוסף ראָזין, דער מחבר פֿון „צפֿנת פענח" און ר' מאיר אריק און די אַלע אַנדערע, פֿון וועמעס מוחות מען האָט געקענט אויסשניידן עטלעכע איינשטיינס (פֿאַראַפֿראַזירנדיק ביאַליקס וואָרט וועגן ר' יאשע דע־נאַנבורגער). יידישע גאונות!

אַ נאָכוואָרט פון מחבר

איך דאַנק די אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס אָן זייער מיטהילף וואָלט דאָס בוך נישט דערשינען.

קודם אַ דאַנק דעם ראַטשעסטער יידישן קאָמיוניטי צענטער די „וואי״ און איר פרעזידענט אירווינג גערמאַנאָף און עקזעקוטיוו־דירעקטאָר סעם סאָרין, פאַר דעם סאָלידן ביישטייער, דעם אַרבעטער־פאַרבאַנד (גענעראַל־סעקרעטאַר יעקב קאַצמאַן); דעם בילדונגס־דעפאַרטמענט פון אַרבעטער־רינג (דירעקטאָר יוסף מלאָטעק); מיין ליבן פריינד דעם באַקאַנטן, ענערגישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטור־עסקן מענועל האָפמאַן אין ראַטשעסטער, דעם סעקרעטאַר פונעם בוך־קאָמיטעט, וואָס זיין מיטהילף ביים אַרויסגעבן דעם פאָלגענדן בוך און מיינע אַנדערע ביכער אין אַמעריקע איז ניט אָפצושאַצן; אַ דאַנק דעם אַרבעטער־רינג צווייג 27958 אין ראַטשעסטער; אַרבעטער־רינג ברענטש סקענעקטעדי, נ. י. (117), ד״ר יוליוס זיפין, סלינגערלענדס, נ. י. מאַקס וואָל, קליוולאַנד אָהייאָ, לואיס רודין, היילאַנד פאַרק, אילליניאָי; א. ח. אַבראַמסאָן, נ. י., רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדיאַן דזשואיש ניוס״, מ. י. נירנבערגער, י. ב. זאַלצבערג און סעם און מאַניע ליפשיץ, טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), עליק קארסאַן, גלענדעל, קאַליפאָרניע; נאָרמאַן ארליוק און סאול פריזענט, פיטסבורג, פענסילווועניא, יעקב קאַפלאַן, עליק אייבראַמסאָן, יוסף און טילי וואַסערמאַן און לואיס דאפנער אין סקענעקטעדי, נ. י. סוזען און סאָל דוואָרקין און סעם באַגאַראַד, ראַטשעסטער, נ. י., מר. וויקטאָר קלאַרק, ראַטשעסטער, נ. י., דעם גרויסן שטיצער פון דער יידישער ליטעראַטור, דעם זעלטענעם מענטשן ווילי שאָר; פראַנק און באַבי העריסאָן, הערי לאַנג, די פריינט באַלאַט, פאַניטש משה קאַפלאַן, סיגעל, מיר, אסמאַן, רויזנבלאַט אדענבורג (אין לאָס אַנדזשעלעס) משה און פעסי האָניגבוים (אין מיאַמי), טוביה, ראָזענשטיין, בינא און מרדכי לאַנדאו אין פילאַדעלפיע, סאָל קינג אין דעטרויט. לאָקאַל 22 דרעסמייקערס יוניאָן, י. ברעסלאָו, מענעדזשער און וויים־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, ניו־יאָרק.

דער נאָמען פון מיין בוך „צוליב די צען אומשולדיקע״ איז סימבאָליש, אויפן נאָמען פון אַ מיניאַטור; פאַראַן נאָך אַ ביסל גוטס אין דער וועלט צוליב וועלכן אונדזער פלאַנעט דאַרף נישט חרוב ווערן און פאַראַן אין יעדן מענטש עפעס פון די צען אומשולדיקע, מען דאַרף עס נאָר געפינען.

א י נ ה אַ ל ט :

פונעם אַמאָל...

(סקיצן)

זייטן

43 — 5 — — — — — — — — — — —

ערשט נישט לאַנג געשען...

(מיניאַטורן)

117 — 47 — — — — — — — — — — —

לידער

128 — 121 — — — — — — — — — — —

וועגן שרייבער און ביכער

200 — 131 — — — — — — — — — — —

דאַטעס:

ש. ש. פרוג

סמאָלענסקין

אַברהם מפו

יהודה לייב גאָרדאָן

נחום סאָקאָלאָוו

222 — 203 — — — — — — — — — — —

נאָכוואָרט